ווי אויסגעמאָסטן מיט אַ צירקל. די שטאָלץ־הכנעהדיקע האַלטונג פֿון שטאָט־רב קעגן „גוטן יידן“, פֿיין האָט דאָס שוויד אַרויסגעבראַכט. אַלס שפּראַך־אָרגאַן פֿון מת האָט זיין דיקציע ערטערווייז געקלונגען אַ ביסל צו ערדיש, אָבער עס האָט זיך ניט איבעריק געמערקט אַ דאַנק דער לאַפּיראַדער קלאָגלעכקייט פֿון די ווערטער, וואָס זיינען געפֿאַלן ווי האַמער־קלעפּ אויף דעם אָנגעקלאָגטן קעשיער־סענדער, וועלכער האָט אגב זיין פּאָטער־ראָלע דורכגעשפּילט „סומא קום לאודא“, בתכלית השלמות. דער ייד קאָן שפּילן. מיר האָבן נאָך קעשיערן ניט געזען קאַלע מאַכן אַ גוטע ראָלע, אָבער אַ שלעכטע ראָלע פֿאַריכטן (ווי אין לייוויקס „בעטלער“) דאָס האָב מיר אים שוין יאָ געזען טאָן. בינע אַבראַמאָוויטש איז געווען פּונקט אַזאַ גוטע נאַניע ווי זי איז אַ מאַמע, אַ מומע אָדער אַ באָבע. ס׳איז אייגנטלעך איינע און דיזעלבע ראָלע, זייער וויניק וואַראַציע, אָבער אימער מיט האַרציקייט, און אויב צו מיר פּערזענלעך אַפּעלירט ניט דיזער סאָרט קונסט, אַפּעלירט ער צו טויזנטער אַנדערע אָנשטענדיקע יידן. בן־ציון באַראַטאָוו, אַ צו קליינע ראָלע צו קאָנען אָפּמעסטן עס. מען קאָן יאָ עפּעס זאָגן: אַ לאַנגער ייד מיט אַ דראָנג, אַ צעקנעפּלטע שטים, אַ משונהדיקער הילוך, אַ סילועט פֿון אַ שטאָט־משוגענעם האָט מען יאָ געזען. פֿון די דריי בטלנים (טענענהאָלץ, טייטעלבוים, פּישקינד) האָט טענענהאָלץ גערעדט אַממערסטן מיט אַ סקלאַדנער, בעסער קאָנטראָלירטער שטימע (ענדלעך!), אָבער געשפּילט האָבן זיי אַלע גלייך — אין האַרמאָניע, אַ גאַנצע סצענע פֿאַר זיך. שפּעטער דאָס ריקודל מיט סענדערן און די אַנדערע קלויזניקעס, אַ קוויקעניש. יידן בטלנים ווערן שיכור בלויז פֿון ריידן פֿון תיקון — עפּעס ווי גאָלד. מיכאל דער גבאי (וואָלף גאָלדפֿאַדן) — ווירדיק. העניך, אַ ישיבה־בחור (יעקב מעסטל) — שוואַכער ווי אימער. מאיר שמש (היימאַן מייזעל) — נאַירלעך און מיט געשמאַק. מנשה, לאהס חתן (ב. געיליג) — אומבאַטייטנד, ווי די ראָלע. זיין פּאָטער נחמן (באָריס וויינער) — איין זשעסט, אָבער אַ שטאַרקער. גיטל און בתיה (אַננאַ טייטעלבוים און מיני פּאָלינגער) — נאַטירלעך.

וואָס נאָך? יעס, די פּיעסע אַליין. פֿאַרגלייכן? אַלע פֿאַרגלייכן הינקן, זאָגט דער לאַטיינער. די „ווילנער“ שפּילן דעם „דבוק“ אפשר אויסטערלישער, רוחניותדיקער. ביי זיי זיינען אַפֿילו די לעבעדיקע אויך רוחות און גייסטער, אָן ערדישע פֿלייש און ביין. אָבער נעוואַר מיינד [מאַכט ניט אויס], צוויי גייסטער זיינען פֿלענטי גענוג אין איין דראַמע (צוויי זיינען אויך מיט צוויי צופֿיל). די איבעריקע פֿיגורן מוזן זיין לעבעדיקע מענטשן אויב די פּיעסע אַליין זאָלן ניט זיין טויט. דאָס גייסטערישע קאָן נאָר זיין אַ מיטל אַרויסצוברענגען די פּסיכאָלאָגישע קאָנפֿליקטן פֿון די ערדישע. מיט גאָלע רוחניות קאָן מען קיין שבת ניט מאַכן, אַפֿילו ניט קיין שבת שבתון.

צום שלוס אַ פּערזענלעכע באַמערקונג צום קונסט־דירעקטאָר: איך ווייס ניט אויב שוואַרץ האָט אַהיימגעבראַכט אַ סך געלט פֿון יוראָפּ, אָבער, אַז ער האָט אַהיימגעבראַכט אַ סך מוט און בטחון איז קיין ספק ניט. אַ מענטש וואַגט עס צו שטעלן דעם „דבוק“ אין אַ „לעיבאָר דעי“ מיט 25 גראַד היץ אין שאָטן, און דאָס וואַגעניש איז געלונגען! דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. מיט אַזאַ זעלבסטזיכערקייט און קוראַזש קאָן מען מויערן ברעכן. וועל, [גוט], מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען“.

## נ. בוכוואַלד שרייבט:

„מיר בעטן ווילקאָמען דער נייער איראָפּעישער שוישפּילערין אין „יידישן קונסט־טעאַטער“ לאה ראָזען, אָבער וועגן איר שפּילן ווילט זיך ניט זאָגן קיין מיינונג. דאָס גלייכסטע וואָלט דאַכט זיך, געווען דערווייל זיך אָפּצוהאַלטן פֿון זאָגן מבינות וועגן דעם שפּילן פֿון פֿריילין ראָזען, ווייל מ׳האָט זי, אייגנטלעך, דערווייל ניט געזען שפּילן. דער „דבוק“ איז אַ קנאַפּער באַווייז אַהין צי אַהער. אין דעם „דבוק“ איז פֿינסטער, און טאַלענט קאָן דאָרט פֿאַרטונקלט ווערן פּונקט ווי מיטלמעסיקייט קאָן איינגעהילט ווערן אין אַ מיסטישן, פּחדיקן „בו־ו־ו“. מאָריס שוואַרץ איז, דאַכט זיך מיר, באַגאַנגען אַ פֿעלער דערמיט, וואָס ער האָט אומיסטן געשטעלט דעם „דבוק“ כדי צו באַקענען אונדז מיט לאה ראָזענס אַרט שפּילן. דאָס אייגנטימלעכע אין איר קאָן ניט אַרויסגעבראַכט ווערן אין דער ראָל פֿון דער באַדבוקטער לאה. יעדע אַקטעריסע קאָן „מאַכן אַן איינדרוק“ אין דער ראָל פֿון לאה, און פֿאַר אַ גוטער אַקטעריסע איז עס גאָר קיין ענין ניט צו באַהאַלטן איר קינסטלערישע פֿיזאָנאָמיע הינטער דעם מעלאָדראַמאַטישן פּחד [שרעק] און אומגעווינלעכקייט פֿון דעם „דבוק“. שפּילן אַהין, שפּיל אַהער, ס׳קומט פֿאָרט אויס צו שרייען מיט אַ ווילדער, באַנומענער שטים. דער דבוק אין לאהן לאָזט זי ניט שפּילן. דער דבוק שרייט אַרויס. דער דבוק צווינגט צו האַנדלען אומנאַטירלעך, און לאה די אַקטעריסע טיילט דעם מזל פֿון לאה דער דראַמאַטישער פּערזאָן.

פֿונדעסטוועגן איז, דאַכט זיך, כדאי צו ריזיקירן און געבן דער פֿריילין ראָזען אָנערקענונג אויף קרעדיט, אויף דעם חשבון פֿון אירע צוקונפֿטיקע אויפֿטוען, זי האָט אַ שיינע, מעלאָדישע, צערטלנדיקע שטים, און איר זשעסטיקולאַציע מאַכט אַן איינדרוק מיט איר איינגעהאַלטענער אָבער עפֿעקטפֿולער טעאַטראַלישקייט. דאָס אומבאַשרייבלעכע אין אַ שוישפּילער, וואָס כ׳וואָלט גערופֿן עכטקייט, האָט עטלעכע מאָל ביי דער ראָזען אַ בליץ געטאָן און אַרויסגערופֿן אַ פֿרייד־ציטער פֿון גענוס. יעדעס מאָל איז עס אָבער געווען אַ מאָמענטאַלער בליאַסק אין דער פֿינסטער. אין דער סצענע פֿאַר דער חתונה ווען לאה רעדט מיט דער באָבע, האָט זיך אין פֿריילין ראָזענס שטים און טאָן געפֿילט צער און דראַמאַטישע איבערלעבונג, אָבער די „דבוק“־מליצה האָט אויך דאָרט געשטערט דער שוישפּילערין.

קיין גוט יידיש קען די ראָזען ניט, און קיינער וועט עס ניט באַטראַכטן פֿאַר אַ מעלה אין אַ יידישער אַקטעריסע. איר אויסשפּראַך איז אַ דייטשע, אַן עכט־דייטשע און ני קיין יידיש־טעאַטראַליש־דייטשע. דעם „ל“ רעדט זי אַרויס אויסלענדיש־ווייך ווי אין „ליאַמע“, און די דייטשע גראַמאַטיק שטערט איר אַרויסצורידן אַפֿילו די איינגעשטודירטע יידישע פּראָזע. זי קאָן בשום אופֿן ניט אַרויסברענגען אויף אירע דייטשע ליפּן דעם איבעריקן „ניט“ און דעם טאָפּלטן נעגאַטיוו, און זי דרייט אינסטינקטיוו אום דעם זאַץ אַז ,יואַז דער פּרעדיגאַט זאָל שטיין צום סוף. איך געדענק ניט גענוי אויף ציטירן, אָבער ווען איר קומט אויס, למשל, צו זאָגן: „ער האָט ניט געהאַט קיין מזל“, וועט זי זאָגן: „ער האָט קיין מזל געהאַט“. ס׳איז זייער און זייער דייטש, ס׳איז אָבער זייער שרעקלעך ניט־יידיש. זי האָט באַוויזן באַצוקומען די שוועריקייט פֿון איינשטודירן אַ פֿרעמדע שפּראַך. זי האָט אָבער ביי זיך ניט געפֿונען גענוג מוט אויף מגייר צו זיין די דייטשע גראַמאַטיק און „פֿאַרוווּלגאַריזירן“ אויף יידיש די נאָבעלע

דייטשע אויסשפּריאַך. שוישפּילער קאָנען אָבער אויפֿאָן נסים מיט אַ פֿרעמדער שפּראַך, און ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז מיט דער צייט וועט לאה ראָזען ריידן אַ גוטן יידישן יידיש, לכל הפּחות — פֿון דער סצענע. שוואַרצן אָבער בעטן מיר, אַז ער זאָל וואָס שנעלער אונדז צייגן די ראָזען אין דער ליכטיק, אין אַ מענטשלעכער ראָל, אַזוי, אַז מיר זאָלן זען באַשיינפּערלעך אויף וואָס זי איז פֿעיק. דערווייל מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט אומבאַשטימטע סימפּטאָמען און מיט צוזאָגן.

זאָל מען דאָ, צו דער געלעגנהייט, אויך אַ שמועס טאָן וועגן דער גאַנצער פֿאָרשטעלונג פֿון „דבוק“? ס׳איז ניט גאָר קיין אַנגענעמע אַרבעט. פֿאַר מיר, לכל הפּחות, איז די פֿאָרשטעלונג געווען אַן אַנטוישונג. צי מ׳וויל, צי מ׳וויל, ניט, מוז מען פֿאַרגלייכן שוואַרצס אויפֿפֿירונג מיט די „ווילנערס“, און אַז מען פֿאַרגלייכט, מוז מען קומען צום שלום, אַז הערמאַנס רעזשי לויט וועלכן „די ווילנער“ האָבן געשפּילט, איז ניט בערך שענער, קינסטלערישער, מער באַטייטונגספֿול, מער אָריגינעל און שעפֿעריש ווי שוואַרצס. דאָס וואָס שוואַרץ האָט אונדז געוויזן אין זיין אויפֿפֿירונג, איז אַ האַמעטנע, בוכשטאַבלעכע איבערזעצונג אויף סצענע־לשון פֿון אַ האַמעטנער אומבאַהאָלפֿענער פּיעסע. דער רעזשיסער האָט דאָ נאָכגעפֿאָלגט דעם טעקסט וואָרט אין וואָרט און סצענע פֿון סצענע און ס׳האָט זיך באַקומען אַן אַנגעוואָרפֿענער טעאַטראַלישער כאַאָס. הערמאַן מיט די „ווילנער“ האָט דעם באַהערשט אויף אַ קינסטלערישן אופֿן, בעת שוואַרץ האָט זיך געלאָזט באַהערשן פֿון טעקס אויף אַ שקלאַפֿישן אופֿן. הערמאַן האָט געשניטן און געשטוקעוועט און געענדערט און צוגעפּאַסט ווי אַ רעזשיסער דאַרף טאָן מיט אַזאַ זאַך, ביז ס׳האָט זיך באַקומען אַ שיינע, האַרמאָנישע שפּיל, און שוואַרץ האָט זיך שרעקעדיק געהאַלטן ביי די פּאָלעס פֿון אַן־סקיס צוזאַמענגעוואָרפֿענעם טעקסט און שלעכט־אויפֿגעמאַכטער פּיעסע.

דאָס איז איינס אַוועק. ווייטער האָט הערמאַן אַרויסגעוויזן פֿאַנטאַזיע, אייגענע שעפֿערישקייט אין דעם טאָן און קאָלאָריט, וואָס ער האָט צוגעגעבן דער שפּיל. בעת שוואַרץ האָט אין בעסטן פֿאַל געזוכט צו זיין רעאַליסטיש, אָבער זיין רעאַליסטיש אין „דבוק“. די לעגענדע דאַרף האָבן אַ געהעריקן, אומנאַטירלעכן, פּאָעטישן הינטערגרונט. אַ ניט ווערט פֿון דער גאַנצער זאַך אַ גראָטעסק. איך קאָן ניט געפֿעלן דעם סימבאָליזם, די קדושה־אַטמאָספֿערע, וואָס הערמאַן האָט אין איר אַריינגעפּאַסט דעם „דבוק“. ס׳איז אָבער דאָרט דאָך פֿאַראַן אי אַ באַשטימע אידע׳שע קאָנצעפּציע אי אַ קלאָרע קינסטלערישע זעונג. אין זיין רעזשי האָט זיך געעזן אי פּאָעטישע פֿאַנטאַזיע אי סצענישע קאָמפּעטענץ. שוואַרץ האָט אָבער קיין זעונג פֿאַר די אויגן ניט געהאַט. ער האָט ווייטער פֿון יעדער באַזונדערער סצענע ניט געעזן און זיין פֿאַנטאַזיע האָט אים ניט געבראַכט ווייטער ווי אויף צו סצענירן רעאַליסטיש יעדע סצענע פֿון טעקסט.

מ׳דאַרף צוגעבן, אַז דאָרט ווו ס׳זעט זיך אַרויס בלויז דער יידישער לעבנס־שטייגער, איז שוואַרצס רעאַליסטישע איבערזעצונג מער איינדרוקספֿול. די שול איז, אָן ספֿק, מער אמתדיק ווי ביי די „ווילנער“, און די בטלנים אין צווייטן אַקט זיינען אויך געטרייער צום לעבן. די בטלנים פֿון שוואַרצן האָבן אונדז געגעבן דעם צוגאָב, די צוועקלאָזע, באַנק־קוועטשערישע, דברים־בטלימדיקע ליידיקייט פֿון דער שול, וואָס הערמאַן האָט אויך פֿאַרהערלעכט און אַפֿרקלויסטערט (אגב, האָט א. טענענהאָלץ, אַלס ערשטער בטלן פֿיין דורכגעפֿירט דעם ציִנישן טאָן פֿון דער סצענע). אויך איז פֿאַראַן מער זשאַנר אין דער פּיטאָרעסקער אומאָרדנונג פֿון די מחותנים ווען דער חתן קומט און אין דעם יאָמער פֿון דער פֿרוי (אַננאַ אַפּעל), וואָס קומט אין שול אריין צו בעטן ביים רבונו של עולם אַ רפֿואה פֿאַר איר קינד, און אין אַ צאָל אַנדערע סצענעס און פּערזאָנען, אָבער ווען שוואַרץ זוכט צוצוגעבן אַן אויסזען פֿון אמתדיקייט צו דער גאַנצער שפּיל, באַקומט זיך אַ טעאַטראַלישער אַבסורד, און וואָס מער רעאַליסטיש די זאַך זעט אויס, אַלץ ווייניקער גלייבט מען, און אַלץ מער גראָטעסק־אומזיניק איז עס. אין זיין שטרעבונג צו שאַפֿן „אַן אמתע מעשה“ האָט שוואַרץ ניט באַוויזן צו שאַפֿן ניט קיין אמתע מעשה און ניט קיין סטיליזירטן יידישן ספּעקטאַקל.

בכלל האָבן די איינצלנע אַקטיאָרן דאָ געשפּילט אַ סך בעסער ווי ביי די „ווילנער“. ווען שוואַרץ וואָלט נאָך געווען אָנסטראָיען אויף דעם געהעריקן טאָן, וואָלט לאה ראָזען געווען מער עפֿעקטפֿול ווי סאָניאַ עלמית, און פֿרידס חנן איז מיט טויזנט קעפּ העכער פֿון אַזראָס. זיין עקסטאַז האָט אויך איבערגעוועלטיקט און זיין שטים איז פֿון אַן אידעלער פֿידל. די אַבראַמאָוויטש איז אומפֿאַרגלייכלעך ווי זי איז אַלע מאָל אין אירע מוטער־ראָלן. מוני ווייזענפֿריינד מאַכט גאָר אַ קנאַפּן איינדרוק, אָבער דאָס איז ניט זיין שולד, הערמאַן האָט דעם משולח געגעבן אַ גרויסע ראָל. ער האָט דעם גאַנצן סימבאָליזם און מיסטיציזם פֿטן דער שטיק אַריינגעטאָן אין דער פּערזאָן פֿון משולח, און נאָכבוש ביי די „ווילנער“ האָט מיט זיין פּראַכטפֿולן מנגן־טאָן אויפֿגעטאָן וווּנדער. ווייזענפֿריינד האָט אָבער ניט געהאַט וואָס צו טאָן. ער האָט קיין ראָל ניט געהאַט, און דאָס וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דער שפּיל.

מאָריס שוואַרץ אַלס דער רב איז געווען די איינציקע גרויסע אַנטוישונג אין פּרט פֿון שפּיל. אפֿשר איז עס דערפֿאַר, וואָס פֿון שוואַרצן פֿאָדערט מען מער און אפֿשר דערפֿאַר וואָס מיר האָבן געזען שניאורן ביי די „ווילנער“ שפּילן דעם רב. אָבער שוואַרץ האָט דאָ אַרויסגעצייגט אַ סך ווייניקער ווי מ׳באַדאַרף און ווי ער פֿאַרמאָגט. ער האָט געשפּילט צייטנווייז ווי אַ גרויסאַרטיקער חזן און צייטנווייז ווי אַ טעאַטער־קיסר, וואָס רעדט הערא̈ישע פּראָזע און גיט אַרויס מאַיעסטעטישע באַפֿעלן. אין זיין שפּילן האָט זיך ניט געפֿילט ניט דער צער פֿון ספֿקות און ניט די פּאַטעטישע עניוות פּנים אל פּנים מיט די מיסטישע כוחות, וואָס מ׳האָט געפֿילט אין שניאורס שפּילן. קעשיער אַלס ר׳ סענדער איז געווען ניט שלעכט. שווייד האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנטע אויפֿפֿאַסונג פֿון ר׳ שמשון. זיין שטרענגער פּראָקוראָרישער טאָן האָט אין זיך געהאַט עפּעס אומברחמנותדיקעס־אינקוויזיטאָרישעס. די מאַסן־סצענעס — נאָכלעסיק, סטאַטיסטן־מעסיק. די מוזיק — גאָר און גאָר פֿיין.

שוואַרץ האָט זיך מסתמא פֿאַרקוקט אויף סטאַניסלאַווסקין ווען ער האָט געגעבן איינעם פֿון זיינע בעסטע אַקטיאָרן, בן־צבי באַראַטאָוו, אַ סטאַטיסטן־ראָל. באַראַטאָוו האָט געשפּילט דעם שטאָט־משוגענעם. אין די פּאָר מאָמענטן, וואָס ער איז געווען אויף דער סצענע, האָט מען באַמערקט דעם סטאַטיסט און ניט די הויפּט־שפּילער.

אַ שלוס־וואָרט: מיר רעקאָמענדירן שוואַרצן צו נעמען דעם „דבוק“, אַרויספֿירן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ הינטערן שטאָט און אים דאָרטן איבערלאָזן. שוין גענוג גערבוקט. שוין צייט צו

פאַרוואַרפן אָט די שטרײמלדיק־מיסטישע מעלאָדראַמע און זיך נעמען שפּילן עפּעס רעכטס".

סוף פון „דובלין"
און הויב פון „מאַשקע חזיר"

**מנחם שרײַבט:**

„דאָ ניט לנג צוריק האָב איך אין דער „צוקונפט" איבערגעלייענט אַ דערציילונג פון י. ד. בערקאָוויטש. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מאַמע, וואָס איז פון דער היים געקומען אַהער צו איר רייך־געוואָרענעם זון, איז אַריינגעפאַלן אין דער אַטמאָספערע פון אויבערפלאַכלעכער הפקרות, גראָבקייט, קאָרטן־שפּיל און קאַריקאַטור־יידישקייט און זי גייט אויס אַ באַליידיקטע, צעוויי־טיקטע אין אומגעהויערן עלנט. איבערגעלייענט און איך בין געבליבן מיט אַ ווייטיק, דעם ווייטיק, וועלכן בערקאָוויטש האָט געוואָלט אין מיר איבערלאָזן מיט זיין דערציילונג, אָבער צוזאַמען מיטן ווייטיק איז געשען אויך אַ כעס און דער כעס איז געווען ניט אויף דעם טערפן, ווולגאַרן לעבן דאָ, וואָס באַשאַפט אַזעלכע טראַגעדיעס ווי פון דער אַלטער מאַמע, נאָר אויף דעם שרייבער, וועלכער האָט מיר די מעשה דערציילט. פאַרוואָס אַ כעס? איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס האָב איך צו דעם שרייבער, וועלכער האָט זיין מאַטעריאַל באַאַרבעט אַזוי איינגעהאַלטן און קלאָר, ביז איך האָב דערטאַפּט, אַז דער כעס נעמט זיך פון דער האָפנונגסלאָזיקייט, וואָס איז געבליבן נאָך דער דערציילונג, און אין דער האָפנונגסלאָזיקייט איז שולדיק ניט דאָס מאַטעריאַל, ניט דאָס אַרויסגערופענע „לעבן", ווי דער שרייבער. איך וויל ניט מען זאָל מיך טרייסטן און איך וועל מסתמא ניט געטרייסט ווערן אויב מען וועט קומען מיט אַן אויסטייטשונג אויף דער טראַגעדיע פון דער מאַמען, מיט אַ פאַרוואָס און אַ פאַר ווען. אָבער איך וויל אויך ניט, אַז מען זאָל מיר קומען ווייזן אַ שטיק נאַקעטקייט ווי איך קען זי און גאָרניט האָבן צו זאָגן וועגן דעם. ליטעראַטור איז אַ באַרי־אָדער זיסער אמת ווי פינקטלעך און מייסטעריש ער זאָל ניט רונג פון מענטש צו מענטש און ניט אַ דרויסנדיקער ביטערער זיין אויסגעמאָלט. אפשר קאָן איך מיט מיין ניט־באַוואָפנטן אויג ניט זען דעם אמת אַזוי קלאָר און פילזייטיק ווי דו, דער שרייבער, אָבער זען זע איך אים, און וואָס איך וויל פון דיר, איז ניט דעם אמת, נאָר דאָס וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן וועגן אים. וואָלט ליטעראַטור געווען אַ זאַמלונג פון צייט־דאָקומענטן פאַר קומענדע היסטאָריקער און זין־אויספאָרשער, איז באַרעכטיקט אָט די העכסט אָביעקטיווע מאָלעריי, אָבער מיט מיר האָט עס גאָרניט צו טאָן. מיך גייט ווייניק אָן וויפל דעטאַלן די קינפטיקע דורות וועלן וויסן וועגן מיין הויז־פירונג. אָבער ליטעראַטור גייט מיך אָן, ווייל אין אין די פריערדיקע דורות און אין מיין דור מיט מיר לעבן מענטשן, וואָס האָבן זיך געמאַטערט און מאַטערן זיך מיט די זעלבע צווייפלען און אומרוען, וואָס איך און זיי. איבערלעבן אויב שוין ניט זייער אויסוועג און לעזונג, גיט מיר אַ געפיל, אַז איך בין ניט אַליין. עס איז מיר פשוט אומעטיק, עלנט אַליין, און איך זוך דאָס מיטלעבן מיט יענע, וואָס קאָנען אויך ווי איך זיך ניט אַריינפּאַסן אין דעם גרויסן כלל, נאָר גייען מיט אָפּגעזונדערטע וועגן צו אַן אַנדער כלל, דעם כלל פון איינצלנע, אומצופרידענע זוכנדע.

און אָט בין איך אַרויסגעגאַנגען נאָך אַ פאָרשטעלונג פון „מאַשקע חזיר", און ווידער די זעלבע געשפּאָלטנקייט פון געפיל. קאָנסטרוקטיוו — אַ זעלטענע שטיק. די דראַמאַטישע לאָגיק — שיר ניט פון אַ גריכישער טראַגעדיע, אַפילו דאָס פאַטאַלע פון דער גריכישער טראַגעדיע: מאַשקע, וואָס קאָן זיך ייִנגלווייז ניט איינלעבן מיטן יידישן שטעטל, ווייל ער איז פרייער, געזונטער, פרימיטיווער, מוז סוף כל סוף אומקומען אין פייער פון זיין הויז — „הויז" אין ביבלישן זין — און קיינער איז ניט שולדיק אויסער דעם בלינדן פאַטום, וואָס האָט געבוירן אַן אַנדערן ווי זיין יידישע סביבה, אָבער ווידער אַמאָל — די זעלבע באַקאַנטע נאַקעטקייט ווי פון אמת און דיזעלבע האָפנונגסלאָזיקייט. וואָלט דער אמת ניט געווען אַזוי באַקאַנט, וואָלטן די פאַרשוינען ניט געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז קיין שום צווייפל ניט, אַז אַזוי דאַרפן דראַמען געשריבן ווערן, אָבער אין דער רויִקייט מיט וועלכער י. ד. בערקאָוויטש באַהאַנדלט זיין באַקאַנטן מאַטעריאַל, אין דער מעגלעכקייט מיט וועלכן ער שטעלט אים דראַמאַטיש צונויף, איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס פרעמדט אָפּ. עפּעס, וואָלט איך געזאָגט, וואָס איז זייער און זייער ניט יידישלעך".

מאַשקע אַנטלויפט ייִנגלווייז פון דער היים, האָט חתונה מיט אַ גויע, האָט אַ זון און פירט אַ היים פון אַ ברייטן דאָרפישן באַלעבאָס. ער איז אַ מענטש אַ האָרעפּאַשנער, אַ שפּאָרזאַמער, אַ געזונטער, אַ מענטש, וואָס ווען ער פאַרבלייבט אין יענער יידישער סביבה, וואָלט ער געקאָנט זיין אַ מוסטער פאַר די, וועלכע ריידן וועגן אַ געזונטן, פּראָדוקטיוון יידן. איז אָבער די סביבה געווען קרענקלעך, אומפּראָדוקטיוו, שאַכער־מאַכעריש און גייסטיק פרעמד, האָט זי אים אַרויסגעטריבן און ער האָט זי פיינט. אַבער אַריינפּאַסן זיך אין דאָרף קאָן ער ניט. ער איז מיט אַ צענדליק קעפּ העכער פון דער דאָרפישער פויערשאַפט, וויל [ער], אַז זיין זון זאָל זיין אַן אַנדערער, ברענגט אים אַ ווייב פון שטאָט, וואָס לייענט ביכלעך, און אַליין האָפט ער צו קאָנען זיך אַרויסרייסן אַמאָל פון דאָרף. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס רעדט אין אים דער ייד, און וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ קלאָרער ווערט אין אים דער קול פון דעם יידן. אַפילו קיין פּאַלעסטינע וואָלט ער געפאָרן און דאָרט וואָלט ער צוריק אָנגענומען דאָס יידישקייט. עס איז דאָס נייע רוסלאַנד און מענטשן קאָנען ווערן וואָס זיי ווילן, אָבער עס איז דאָס ווערן פון דעם נייעם רוסלאַנד, מיט די פּאָגראָמען און יידן־שחיטות, און גראָד דאַמאָלט ווען אין אים דערגרייכט די בענקשאַפט נאָך יידישקייט צו דעם פונקט, אַז ער לאָזט זיך אַוועק שפּעטער אין שטעטל אַריין (דער אומפאַרמיידלעכער יום כפּור מיט זיין ווירקונג אויפן משומד), גייט אויך דער זון אין שטעטל אַריין באַטייליקן זיך אין פּאָגראָם, ווייל דער זון איז אויסגעוואַקסן אין זיין סביבה, האָט פיינט דעם טאַטען און איז אים אַ שונא. צוליב דעם טאַטען האַלט מען אים פאַר אַ האַלבן יידן אין דאָרף און ער מוז דעמאָנסטרירן פאַר זיינע חברים, אַז ער איז איינער פון זיי און נאָך מער פּראַוואָסלאַווגער ווי זיי. קומט ער צוריק פון שטאָט מיט אַ שניט אויפן שטערן (ביי דעם באַקאַנטן ביבלישן ברודער־מערדער קין איז אויך דער צייכן ניט אויפן באַק, נאָר אויפן שטערן), לייקנט פאַרן טאַטען דעם אָפּשטאַם פון דעם שניט, אָבער ווען דער דאָרף הייבט זיך אָן בונטעווען קעגן דעם, וואָ מאַשקע האַלט אין זייער מיל פעסער מיט קעראָסין און ווען דער דאָרף קומט זוכן ביי מאַשקען אַ יידן מיט זיין טאָכטער, וועלכע ער האָט באַהאַלטן, איז עס דער זון יאַקאָוו דער פירער פון דער באַנדע, באַטייליקט ער זיך אין דעם מאָרד פון דעם יידן און טיילט אויס פאַרן דאָרף דעם קעראָסין פון פאָטערס מיל. ווען עס ווערט מאַשקען קלאָר די ראָל פון זיין זון, פאַרמאַכט ער אים מיט זיך אין דעם קעלער ווו דער ייד מיט זיין טאָכטער זיינען געלעגן און צינדט אונטער דאָס הויז.

עס איז דראַמאַטיש לאָגיש ביז גאָר. אַודאי וואָלט מען זיך געקאָנט באַגיין אָן דער סקאַרבאָווער יום־כפור־שטימונג, אָן דעם יידן מיטן טלית און אפשר אויך אָן דעם פּאָגראָם כדי אַרויסצורופן ביי מאָשקען זיין אינערלעכע איבערקערעניש, אָבער יום־כפור און אַ פּאָגראָמירטער איז געדיכטער, שאַרפער, נענטער אונטער דער האַנט און עס ברענגט שנעלער דעם נייטיקן קאָנפליקט. זאָל זיין אַזוי. אַודאי וואָלט אויך דער איינציקער אידעאַליזירטער גוי, דער געוועזענער דיאַקאָן קיריל פּיאַטאָק, געקאָנט זיין ניט אַזוי ענלעך צו גאָרקיס געוועזענע פּאַרשוינען מיט זייערע נייןמאָס רייד. ערגעץ מוז דאָך זיין אויך אַ ניכטערער גוי מיט אַ ביסל מענטשן־ליבע, אָבער אין דעם „געוועזענעם" איז פֿאַראַן מער פּלאַץ פֿאַר הומאָר און ער איז נענטער אונטער דער האַנט. אויך רעכט! פון דעם מאַטעריאַל אַזוי ווי ער איז, איז די דראַמע געבויט אַזוי ווי עס גייט אַ צוג איבער אייזערנע רעלסן, דירעקט און זיכער. איך מוז ווידער אַמאָל זאָגן: מייסטעריש!

און זיצנדיק אין טעאַטער האָב איך געטראַכט, אַז אויב דאָ אַרום מיר זיינען דאָ יענע, די זאַטע, די צופרידענע, די וואָס האָבן שוין פֿאַרגעסן, איז גוט, וואָס מען דערלאַנגט זיי אַזוי איבערן קאָפּ מיט דעם אומדערבאַרעמדיקן ברוטאַלן אמת. אַ מצווה אויף זיי! אָבער אַרום [מיר] זיינען אויך געזעסן די, וואָס האָבן ניט פֿאַרגעסן, די וואָס קענען דעם אומפֿאַרמיידלעכן אמת פון מאָשקעס אונטערגאַנג אין דעם בלוטיקן רויך פון יידישע שחיטות, איז אויף אונדז אַ רחמנות געווען. מיר האָבן געוואַרט אויב ניט אויף אַן ערלייזונג, איז כאָטש אויף אַן אידעע, ערגעץ, וואָס זאָל אין אַ ווייטער ווייטקייט האָבן דעם אָנשיין פון אַן ערלייזונג.

אָט האָט יאַקאָוו פּיינט דעם שטעטישן יידן מיט זיין שאַכער־מאַכער און ער רעדט וועגן אַ לעבן פון אַרבעט. עס איז אַן אידעע. דער משומד פֿאַר וועלכן די אומפּראָדוקטיווקייט פון יידישן לעבן ווערט אַ באַרעכטיקונג פון זיין לעבן און שמד, קאָן ווערן אַ פּאָזיטיווע פיגור, און אויב ער זאָל פֿאַלן אין קאָנפליקט פֿאַר דער אידעע, פֿאַלט אַ מענטש. דאָ אין דער דראַמע אָבער איז די אידעע ניט מער ווי אַ דראַמאַטישער מיטל, איינע פון די פילע סיבות, וואָס פירן צום אומפֿאַרמיידלעכן סוף, און מאָשקע איז מער אַ פּראָדוקט פון אומשטענדן ווי אַ מענטש פֿאַר זיך, אַ קרבן פון פּאַטום, ניט פון זיין ווילן. און קיין קרבנות פון פּאַטום וויל איך ניט, ווייל איך גלייב ניט אין דער אומדערבאַרעמדיקער לאָגיק פון דער גריכישער טראַגעדיע, וואָס לאָזט ניט קיין פּלאַץ פֿאַר רחמים ניט היינט, איז מאָרגן, אין דער ווייטער צוקונפט, אָבער איך שפּיר עס. און אָט צוליב דעם ביסל רחמים איז כדאי, אַז די דראַמע זאָל אויף אַ ווײַלע אַראָפּ פון אירע אייזערנע רעלסן, זאָל זי ניט זיין אַזוי אויסגעהאַלטן. כאַפּט זי דער וואַטעמאַכער! ווייל אויב מען דערציילט, אַז היינע, דער האַלב־ייד און האַלב־גריך האָט געוויינט זעענדיק צום ערשטן מאָל די ווענוס פון מילאָ, ווילט זיך גלייבן, אַז די טרערן האָבן געקאָנט קומען נאָר דורך אַ פולקומענהייט ביי וועלכע די הענט זיינען אָפּגעבראָכן. ווענוס פון מילאָ מיט גאַנצע הענט, וואָס פֿאַרע ווייטע און קאַלטע, עכט־גריכישע זאַך עס וואָלט געווען!

אפשר בין איך ניט גערעכט צו י. ד. בערקאָוויטשן. אַזוי איז אים געגעבן געוואָרן די קענטניש צו שילדערן און דערציילן און אַזוי טוט ער עס, אָן רחמנות. אַזוי זיינען אויך אַנדערע געווען. אָבער יענע אומדערבאַרעמדיקע האָבן כאָטש זיך אַליין אויסגעמאַטערט מיט די ליידן פון די מענטשן, פון די לעבעדיקע מענטשן, וועלכע זיי האָבן באַהאַנדלט, און איך האָב אויף זיי אַליין רחמנות געהאַט. בערקאָוויטשעס קרבנות פון די אומשטענדן אין דער דראַמע „מאָשקע חזיר" ווערן אַזוי געיאָגט פון די אומשטענדן צו דעם לאָגישן שלוס פון דער דראַמע, אַז זיי האָבן ניט קיין צייט אויסצולעבן זייערע ליידן, ניט קיין צייט זיך צו פֿאַרטראַכטן און אויסהאָדעווען זייערע אידעען, ניט קיין צייט צו ווערן מענטשלעכע מענטשן און דעריבער איז דער ווייטיק וואָס די דראַמע לאָזט איבער, ניט קיין פרוכטבאַרע".

**מנחם באַמערקט צום סוף, אַז ער וועט נאָך מסתמא האָבן אַ געלעגנהייט צו ריידן וועגן דעם שפּילן, אָבער ער האָט זיך מער צו דעם ניט צוריקגעקערט...**

**ל. קעסנער שרייבט:**

„דער פּראָגראַם זאָגט ניט אויס וואָס אַזוינס „מאָשקע חזיר" איז אין דריי אַקטן, אָבער מיר, די וואָס האָבן די פּיעסע געזען שפּילן, האָבן ניט קיין אורזאַך צו מיסטיפיצירן דעם לעזער, אָן אַ פֿאַרוואָס, און מיר וועלן אויסזאָגן דעם סוד פֿאַר דער גאַנצער וועלט: יידן, ס'איז אַ טראַגעדיע. אַ טראַגעדיע מיט אַ משומד, וואָס האָט, זעענדיק אַ פּאָגראָם אויף יידן, חרטה געקראָגן אויף זיין שמד און זיך געוואָלט אומקערן צוריק, אָבער זיין זון, די פּרוכט פון זיין חתונה מיט אַ רוסישער גויה, האָט איבערגעפירט זיין גאַנצן תשובה־פּלאַן. דערפֿאַר איז געגאַנגען דער משומד און פֿאַרברענט זיך מיטן זון צוזאַמען. פֿאַרהאַנג און שלום. אָט דאָס, אין קווינטעסענץ, איז דער סיפור המעשה פון „מאָשקע חזיר". ניט קיין גאָר גוואַלדיקע פּראָבלעמע, ניטאָ קיין סודות אין דעם, קיין מאָדערנע קנייטשן און אויגן־קרימענישן. קיין רזי דרזין [טיפע סודות], קיין האַרטע פּסיכאָלאָגישע ניס צום קנאַקן, און גאָר ניי איז עס אויך ניט. שוין געלעזן אַזאַ מין מעשה אין מ. ספּעקטאָרס סעריע „משומדים" מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אָבער עס איז דאָ דאָס וויכטיקסטע: האַנדלונג און שטייגערונג. עס איז דאָ בולטע טיפּן און כאַראַקטערן, קלאָרע, נאַטירלעכע דיאַלאָגן. קורץ, זאַכלעך, „צום פּונקט", קיין איבריק וואָרט, קיין פֿאַלשע פּאָעטישקייט. דער אַלטער געזונטער דיאַלאָג־סטיל פון דער „רעאַליסטישער שולע" פון סוף פון לעצטן יאָרהונדערט.

עס איז אַ פּיעסע אָן פּרעטענזיעס אויף נייקייט אָדער אַנדערשקייט, אָן אייגנאַרטיקע געדאַנקן־גענג, אָן סטאַגנירנדע אין זיך־גריבלערייען, אָן קרענקלעכע וועלענישן און אָן אַ סימן פון יענער היפּערבאָלישער נערוועזיטעט און שווער־דורכגייסטיקטער אַטמאָספערע, אָנגעזאַפּט מיט קונסט־טשאַד און אַ שטיקנדיקער שיינקייט, וועלכע איז אַזוי איבריק, אָבער אָן וועלכער אַ היינטיקער קונסט־געביטער קאָן כמעט ניט אויסקומען.

די איין און איינציקע פיגור מיט וועלכע בערקאָוויטש האָט געפּרוווט אַ ביסל פֿאַרנעפּלען די שרייענדע קלאָרקייט און אויבנאויפיקייט פון זיין קאָמפּאָזיציע איז דער אַלטער דיאַקאָן, קיריל קיריליטש פּיאַטאָק. אין ערשטן אַקט איז באמת שווער צו וויסן וואָס פֿאַר אַ מין סאָרט מענטש ס'איז: אַ הייליקער אָדער אַ טייוול. פון זיינע זיס־שפּיציקע ריידלעך קוקן אַרויס ביידע זאַכן, דער טייוול נאָך אַ ביסל דייטלעכער ווי דער מלאך, אָבער דער שוואַכער סוד ווערט באַלד אויפגעדעקט און מיר דערזעען דעם אמתן קיריל: אַ מלאך! ווער וואָלט זיך אויף דעם געריכט נאָכדעם וואָס מיר האָבן געזען אין ערשטן אַקט? מיר, די יידישע צושויער, זיינען כמעט ווי אַנטוישט, וואָס דער אַלטער פֿאַרהונגערטער טרעמפּ מיט די כיטרע, דריידלדיקע אָנצוהערענישן וועגן יידן און יידישע הערשאַפט, איז ניט, ווי מיר האָבן אים שטילערהייט חושד געווען

— דער קאָפּ פון דער שלאַנג, אַ פירער אָדער אַ שפּיאָן פון אַ פּראָגראַם־באַנדע, נאָר אום גאָטעס ווילן, וואָס פאַלט אייך איין, רב יידל? איר זענט דאָך די גאַנצע צייט פון ערשטן און אַ העלפט פון צווייטן אַקט געווען אַ חושד בכשרים [אומזיסט פאַרדעכטיקט]. דער אַלטער שיכורער קיריל איז דאָך גאָר אַ גוישער למד־וווניק, איינער פון די חסידי אומות העולם [פיינע ניט־יידן], אַ פאַרקערפּערונג פון דער „מיסטישער רוסישער נשמה“ און פון „דאָס ברייטע רוסישע האַרץ“, אַקוראַט ווי „לוקאַ“ אין גאָרקיס „נאַ דניע“.

דער דאָזיקער „שאַק“ [קלאַפּ] וועגן דעם אַנטפּלעקטן קיריל קומט צו אונדז אַזוי אומגעריכט און אין ווידערשפּרוך מיט דעם גאַנצן פריערדיקן קיריל, אַז מיר זיינען ניט גרייט אים אויפצונעמען אין זיך אין זיין נייער געשטאַלט. אונדזער לאָגיק קאָן אים ניט פאַרדייען, און דער פּועל יוצא [רעזולטאַט] איז, אַז מיר בלייבן קאַלט צו זיין גאַנצער וואַרעמקייט, סקעפּטיש צו זיין הייליקייט און לעבלאָז גלייכגילטיק צו אַלע האַרציק ליבעס־ערקלערונגען, וואָס ער מאַכט דעם יידישן פאָלק. ווייזענפריינד, דער פיינער, פיל און עכט־פאַרביקער בינען־קינסטלער, האָט זיך געגעבן די ערלעכסטע מי צו דערוואַרעמען אונדז פאַר דעם נייעם קיריל און אונדז איבערצייגן, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס איז ווערט געליבט צו ווערן. ער האָט געשפּילט אויף אַלע סטרונעס פון אונדזער האַרץ, אויף אַלע קלאַווישן פון אונדזער נערוון־סיסטעם, אָבער אַלעס וואָס ווייזענפריינד האָט אויסגעפירט, איז, אַז מיר האָבן ליב געקראָגן ווייזענפריינדן, אָבער ניט דעם העלד, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט. מיר האָבן זיך באַגייסטערט פאַר ווייזענפריינדס קונסט, מימיק, ראַפינירטקייט, ניואַנסירטקייט, וווּנדערלעכע געשטאַלטונגס־קראַפט, אָבער ניט פאַר דעם רחמנות־אויסגוס פון דעם פון דער העלער הויט אַרויסגעשפּרונגענעם מענטשן־פריינט און אוהב ישראל קיריל קיריליטש פיאַטאַק. אויב דער פיאַטאַק פון ערשטן אַקט האָט אונדז מיט פריקרער און פאַרדעכטיקטער פרום1פריילעכקייט פאַרינטערעסירט, האָט אונדז דער פיאַטאַק פון די ווייטערע אַקטן אַזוי גיך ווי ער איז פאַר אונדז „נתגלה“ [אַנטפּלעקט] געוואָרן אַלס איידעלע נשמה גלייך אָנגעהויבן ליגן אין דער לינקער פיאַטע. זיין עליה אין דער דראַמע איז פאַרן צושויער געווען אַ ירידה, אַן אַרונטערפאַל פון דאָס נאַטירלעכע צו דאָס אַבסורדע. דער צווייטער קיריל האָט זיך ניט געקלעפּט צום ערשטן קיריל, ווייל עס האָט געפעלט דער פּסיכאָלאָגישער בריק צווישן די צוויי, ווייל אין ערשטן קיריל האָט געפעלט די אָנדייטונג אויפן צווייטן, און אין צווייטן האָט געפעלט די ערקלערונג פאַרן ערשטן, ווייל עס האָט אין ערשטן קיריל געפעלט די פיינע ליניעס, די אונטערבאַוווסטזיניקע אויסשטראַלונגען, וואָס פאַראַטן דעם למד־וווניק אַפילו אונטער אַ פּויערישן טווינטשיק, ווייל בערקאָוויטש איז ניט דער מאַן, וואָס קאָן שאַפן סימבאָלישע אָדער מיסטישע פיגורין. ער איז צופיל רעאַליסט פאַר אַזאַ דעליקאַטנער אַרבעט. י. ד. בערקאָוויטש קאָן גוט אָפּערירן מיט ווירקלעכקייטן, מיט האַרטע, דיקע שטריכן, מיט קלאָרע ליניעס, מיט בולטע רעליפן. שאָטן־בילדער, מיסטעריען, האָמונקולעסן אָדער האָמאָ סאַפּיענסן זיינען ניט בערקאָוויטשעס זשאַנר. עס פעלט אים די געצייג פאַר אַזעלכע אַרבעטן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער ביי דער דאָזיקער ראָל ווייל, ערשטנס, איז זי איינע פון די אָנגעזעלכסטע פיגורן פון שטיק. צווייטנס, קאָן איך גלאַט ניט ליידן ווען איינער, וואָס קאָן שטריקן גוטע שטאַרקע ליינענע זעק, נעמט זיך העקלען בריסעלער שפּיצן. דריטנס, טוט מיר לייד צו זען אַן אויסגעצייכנטע רעאַליסטישע דראַמע איבערגעפירט דורך אַן אידעאַליסטישע פיגור, וואָס אַפילו אין בעסטן פאַל איז זי ניט קיין אָרגאַנישע נויטווענדיקייט, נאָר אַ דעקאָראַטיווע צוטשעפּעניש, וואָס גיט גאָרניט צו צום פּראָגרעס פון דער דראַמאַטישער האַנדלונג, און, פערטנס, איז שוין גלאַט צייט, אַז יידישע שרייבער זאָלן זיך באַפרייען פון די אימפּאָנירנדע לוקאַס און פון אַנדערע פאַראידעאַליזירונגען פון דער „טיפער רוסישער נשמה“ און פון דעם „ברייטן רוסישן האַרץ“, וואָס אַז אַזוי „ברייט און פריי ווי די רוסישע סטעפּעס“. עס איז שוין צייט, אַז יידישע שרייבער זאָלן מער ניט איינלאַדן אַ שכורן גאָראָדאָוואָי צו דער חתונה און צוליב דעם פאַרגעסן חתן־כלה, דעם רב און איטלעכן...

קיריל איז ניט די איינציקע איידעלע רוסישע נשמה מיט וועלכער בערקאָוויטש האָט דעקאָרירט זיין דראַמע. די גאָט די נשמה שולדיקע טאַניאַ (געשפּילט פון בערטאַ גערסטען) איז אויך אַן איבעריקע פיגור, כמעט גאָרניט נייטיק פאַר דער האַנדלונג און אַריינגעבראַכט אין שטיק בלויז בלויז לשם דעקאָראַציע, אַלס אַ מין כשרערער קאָנטראַסט צו דער טריפהנער סביבה, צו ווייזן, אַז ניט אַלע רוסן זיינען פּאָגראָמשטשיקעס. בערטאַ גערסטען האָט געגעבן אַ פיינע, איידעלע דיסציפּלינירטע ראָלע, אָבער, ליידער, אַן איבעריקע. דער דראַמאַטורג האָט איר ניט געגעבן קיין שום אינערלעכן צוזאַמענהאַנג מיטן שטיק, קיין שום צווינגנדע נויטווענדיקייט פאַר איר דאָזיין. אָן איר וואָלט דאָס שטיק גאָרניט פאַרלאָרן, אַ חוץ אַ פיינע דעקאָראַציע און אַ פאַרטיידיקונג פאַר רוסלאַנד. עמאָציאָנעלע נויטוועדיקייטן אין דער דראַמע זיינען: מאָשקע חזיר (בן־צבי באַראַטאָוו), זיין ווייב אַוודאָטיאַ (אַננאַ אַפּעל), יאַקאָוו, זייער זון (אליהו טענענהאָלץ), האַוורילקאָ און אַליאָשקאַ (קעשיער און שווייד) און מאיר בער (לאַזאַר פריד. מיט מאָשקע חזיר האָט באַראַטאָוו אַריינגעקראָגן די גרויסע געלעגנהייט צו ווייזן וואָס ער קאָן. ער האָט געשאַפן אַ גרויסע, גאַנצע, פעלערלאָזע ראָלע, ניט קלענער פון שילדקרויטס יאַנקל שאַפּשאָוויטש. באַראַטאָוו איז אַ רייפער, פלאַסטישער קינסטלער מיט אַ מאַסע שולונג און ערפאַרונג און נאַטירלעכע באַגאַבונג, מיט אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע מכשירים, וואָס זיינען נייטיק פאַר אימפּאָזאַנטע העלדן־ראָלעס. באַראַטאָווס איינציקער חסרון איז ווען עס קומט אים אויסשרייען אויף די העכסטע כלים, ווערן ביי אים די ווערטער דערטרונקען אין דער שטימע, און עס קומט אַרויס אַן עלעמענטאַרע שטורעם־כוואַליע אָנשטאָט אַ זאַץ. עס קאָן אָבער אויך זיין, אַז דאָס איז דווקא אַ מעלה, דער שטאַרקסטער באַווייז פון אַן אינעווייניקסטן שטורעם אין קאָנטראַסט צו אַן אויסערלעכער באַוווסטזיניקער איינגעהאַלטנקייט. זעלבסט־קאָנטראָל — דאָס איז באַראַטאָווס בולטסטע מעלה.

נעקסט אין וויכטיקייט צו מאָשקען קומט זיין זון יאַקאָוו וועמען טענענהאָלץ האָט געשפּילט אויף זיין אַלטן שטייגער: שרייענדיק, מיט ווילדע הועיות און איבערגעטריבענע רעאַליסטיק. טענענהאָלצעס אַלטער שטייגער איז: אַלצדינג אַרויסצוווייזן און אויסצושרייען און קיין זאַך ניט איבערלאָזן אין זיך, ניט דערזאָגט, קיין זאַך ניט פאַרן שפּיל פון דער איינבילדונגס־קראַפט פון צושויער (טענענהאָלץ האָט אויך אַ נייעם שטייגער, אָבער ער געברויכט אים נאָר זעלטן). אויב מאָשקע מיט זיין זון זיינען די אינערלעכע צענטראַלע פיגורן פון דראַמאַטישן קאָנפליקט, איז דער פליכטלינג מאיר בער די גרויסע אויסערלעכע פאַטאַלע קראַפט, וואָס טרייבט די האַנדלונג צו איר שטייגערונג, קלימאַקס און טראַגישן

שלום. איך זאָג מאיר בער, און איך זאָג ניט רחטשע זיין טאָכטער (אַננאַ טייטעלבוים), כאָטש דער מחבר האָט אַקצענטירט זיין טראַגישע אַבזיכט מער אויף דער געשענדעטער טאָכטער ווי אויף דעם אומגליקלעכן פאָטער. רחטשע וואָלט געווען אַ גרויסע טראַגישע פיגור ווען מען זאָל אַזעלכע איבערמענטשלעכע טראַגעדיעס קאָנען איבערגעבן מיט די באַשרענקטע פאַרשטעלערישע מיטלען וואָס אַ שטערבלעכער מענטש באַזיצט. אַננאַ ייטעלבוים האָט געגעבן אַ סך, אַלץ, וואָס זי האָט אין זיך פאַרמאָגט פון טראַגיק, שרעק, שטומען צער, צעטומלטן יאוש, אָבער ס׳איז אַלץ ניט געווען גענוג. אַזעלכע ראָלעס קאָן מען פשוט ניט איבערגעבן, און מען טאָר זיי אויף דער בינע ניט ברענגען, אַפילו מיטן שטאַרקסטן רעאַליזם און מיטן פעיִקסטן שפילן קאָן מען אַזעלכע ראָלעס נאָר פאַרקלענערן, מאַכן שוואַכער פון דער ווירקלעכקייט, בלאַסער פון די נאַטירלעכע בלוט־פאַרבן, און פאַרקלענערן די ווירקלעכקייט איז ניט די אויפגאַבע פון דער קונסט בכלל און פון דער בינע־קונסט בפרט.

זעט איר, אַ מאיר בער קאָן יאָ ווערן אַ בינע־פיגור. זיין לאַגע קאָן מיט דער נייטיקער פעיִקייט יאָ פאַרגעשטעלט ווערן, ווייל זיין לאַגע איז ניט פעמיניסטיש, ניט אַזוי שוידערלעך דעליקאַטנע און ניט אַזוי כאַאָטיש פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון אונטערבאַוווסטזיניקע און אומבאַגרייפלעכע שטימונגען און געפילן אין וועלכע עס צאַפלט זיך די נשמה פון אַן אומשולדיק מיידל, וואָס האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ מאַסן־שחיטה אויף יידן און אַ שענדונג אויף זיך אַליין. מאיר בער איז אַ מאַן און אַן ערפאַרענער מאַן, און אַ ייד מיט אמונה, מיט שטאַרקן בטחון, מיט צדוק הדין און קאָן אַלץ איבערלעבן און שווייגן, ניט געבראָכן ווערן און זיין גייסט [זאָל] ניט נכשל ווערן מיט אַ וואָרט כלפי מעלה [קעגן גאָט] אָדער אַפילו קעגן אַ מענטשן. לאַזאַר פריד האָט אין גרויסן טאָן צוגעטראָפן דעם באַגריף, וואָס מיר האָבן פון אַ מאיר בער, אָבער ניט אין דער פולער מאָס. ער האָט אָנגערירט, אָבער ניט ערשיטערט. פשוט: די ראָלע איז צו שווריק [שווער], מען דאַרף האָבן העראִישע כוחות צו דערגרייכן און שפילן אַזאַ גראַנדיעזע ווירקלעכקייט. האַווורילאַ און אַליאָשקאַ זיינען נייטיק פאַר דער האַנדלונג אַלס די אָנזאָגער און סיגנאַל־געבער. זיי זיינען די וואָס גרייטן צו אונדזער אינטערעסע און שטימונג פאַר די קומענדע פאַסירונגען. איך ווייס ניט ווי די דאָזיקע צוויי פאַרשוינען קוקן אויס אין מאַנוסקריפט, אָבער אויף דער בינע זיינען זיי די לעבעדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע פיגורן. שווייד באַזיצט די מערקווירדיקע פעיִקייט צו מאַכן פון אַ קליינער ראָלע אַ גרויסע. אַזוי האָט ער געמאַכט פון דעם טרעמפּ אין „ברויט" און דאָס נעמלעכע, נאָך בעסער, האָט ער געמאַכט פון אַליאָשקאַן. קעשיער אַלס האַווורילאַ ווערט בעסער פון ראָלע צו ראָלע. וועגן מאַדאַם אַפּעל אַלס מאָשקעס ווייב קאָן מען נאָר זאָגן, אַז אויב זי איז ניט קיין רוסישע גויה, דאַרף זי עס זיין. וואָס קאָן נאָך זיין מער פּראַוואָסלאַוונע ווי זי? זי איז צום משומד אַן אמתע עזר כנגדו, אַ הילפסרייכער קאָנטראַסט, וואָס הייבט אַרויס די גאַנצע סיטואַציע און מאַכט קלאָר אַ סך אומזיכטבאַרע פעדעם פון וועלכע עס שפינט זיך אויס די גרויסע טראַגעדיע. יעקב מעסטעל אַלס אקים. מ׳ניע, מ׳קאָן עס אַריבערטראָגן.

ס׳לעצטע וואָרט: די דראַמע „מאָשקע חזיר" איז בעסער און ריינער פון איר חזירשן נאָמען (האָט מען זי ניט געקאָנט רופן „דער משומד"?). ס׳איז אַ פיעסע, וואָס על פי שכל דאַרף זי האָבן אַ לאַנגן „ראַן" [לאַנג געשפילט ווערן]. ס׳איז אַ גוטע פיעסע פאַר די מאַסן, כאָטש ניט אַזוי גוט פאַר די געציילטע איבערקלייבערישע פיינשמעקער".

## שכנא עפשטיין רייסט שטאַרק אַראָפּ די פּיעסע:

„אַן אַלטע מעשה פון מיין באָבעצעס צייטן: אַ ייד שמדט זיך און האָט זיין גאַנץ לעבן געוויסנסביסן... ביי די יידן איז ער, פאַרשטייט זיך, פאַרהאַסט. מען רופט אים „מאָשקע חזיר". ער אַליין, דער געשמדטער ייד, ווערט אַ רייכער בעל הגוף. זיין ווייב, אַ שטאַרקע געזונטע גוייִע, לערנט זיך אַפילו אויס צו קאָכן יידישע פאַטראַוועס, צימעס, ווייל מאָשקע קאָן אַלץ ניט פאַרטראָגן חזיר־פלייש. אַזוי האָט מאָשקע פיינט די יידן. ער איז אויף זיי אין כעס וואָס מ׳האָט אים ניט געלאָזט, ווען ער איז געווען אַ יינגל, לעבן אַזוי פריי ווי די גוייִשע שקצימלעך, וואָס דער רבי האָט אים געשלאָגן און אין דער היים איז מען זיך באַגאַנגען מיט אים האַרב. אָט דער איינגעבוירענער „אינדיווידואַליזם" טרייבט עס מאָשקע צו שמד. לעבט ער אָפּ פינף און צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד ווי אַן אמתער גוי און הערט דאָך ניט אויף צו פילן אין זיך זיין יידישן אָפּשטאַם, צו בענקן נאָך אַ יידישער תפילה, צו טראַכטן ווערן צוריק אַ ייד. דער סוף פון דער מעשה איז, אַז יידישקייט נעמט טאַקע ביי מאָשקען די אויבערהאַנט און זיין לעבן ענדיקט זיך מיט אַ טראַגעדיע.

די טעמע פאַר זיך אַליין איז גאָרניט קיין אָריגינעלע. אמת, אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מען זי ווייניק, אויב כמעט גאָרניט עקספּלאָאַטירט. דערפאַר האָט זי באַקומען אַ ברייטערע אָנווענדונג אין פרעמדע ליטעראַטורן, איבערהויפּט אין דער רוסישער, גיכער אין דער אוקראַיִנישער. אַמאָל איז אין רוסלאַנד געווען זייער אַ גאַנגבאַרע אוקראַיִנישע מעלאָדראַמע „זשידאָווקא וויקרעסטקאַ". דאָרט איז באַהאַנדלט געוואָרן די זעלבע טעמע. די העלדין, די געשמדטע יידישע טאָכטער, האָט אויך געוויסנסביסן און שטאַרבט מיט אַ יידיש לידל, וואָס דינט איר פאַר אַ וידוי. קיין נייעס האָט י. ד. בערקאָוויטש מיט זיין טעמע אויף אַזאַ אופן ניט אויפגעטאָן. דאָס מאַכט ניט אויס. עס קאָן זיין שוין אַן עקספּלאָאַטירטער סוזשעט, אַבי אָריגינעל באַאַרבעט, קינסטלעריש, איז די צרה מיט בערקאָוויטשעס טעאַטער־שטיק, וואָס זי פאַרמאָגט ניט קיין אָריגינאַלקייט, קיין קינסטלערישקייט, אַפילו דאָרטן ווו עס דאַכט זיך, אַז דער פאַרפאַסער איז אייגנאַרטיק, ווו ער שאַפט אייגענע טיפּן, איז דאָס אויך געבאָרגט ביי אַנדערע, איבערהויפּט פון רוסישע שרייבער.

מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק האָט בערקאָוויטש געמאַכט זיין ערשטן אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור מיט אַ דערציילונג „מאָשקע חזיר". די דאָזיקע דערציילונג האָט באַקומען דעם קאָנקורס־פּרייז פון דער העברעיִשער צייטונג „הצופה". דאָס איז געווען, אויף וויפל ס׳געדענקט זיך, אַ גאַנץ נעטע זאַכעלע, אָן חכמות, אָן פּרעטענציעס, נאָר געשילדערט מיט גאַנץ קרעפטיקע רעאַליסטישע שטריכן. פון דאַמאָלס אָן איז בערקאָוויטשעס שטערן געוואַקסן און ניט אומזיסט, ווייל בערקאָוויטש איז אָן צווייפל אַ מענטש מיט טאַלענט, אַ פיינער רעאַליסט. ער האָט פאַר דער צייט געשאַפן פיל שיינע זאַכן, וואָס האָבן אים באַשטימט אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. וואָלט בערקאָוויטש זיך געהאַלטן אין זיין דראַמאַטישער באַאַרבעטונג פון זיין ערשטן ליטעראַרישן דעביוט ביי דער איינפאַכקייט, שילדערן פשוט מאָשקעס נשמה־צווייִקייט פון אַ משומד, וואָלט דערפון געקאָנט אַרויסקומען אַ גאַנץ נישט־קשהדיקע שטייגער־דראַמע פון אַמאָליקן

יידישן לעבן. דאָס האָט בערקאָוויטש ניט געטאָן. ער האָט אויפן הינטערגרונט פון מאָשקעס איבערלעבונגען געוואָלט באַשאַפן אַ טראַגעדיע פון דער נייער שטורעמדיקער צייט מיט די רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען. האָט זיך באַקומען אין סך־הכל אַ ביליקע מעלאָדראַמע, ווו די היינטיקע שטורמישע צייט האָט אַ קאַריקאַטור־אויסזען. שטעלט זיך פאָר, אַז אויף איין פערזאָן לאָזט זיך אויס די גאַנצע תוכחה. [עפּשטיין גיט איבער דעם סיפּור־המעשׂה פון דער פּיעסע]. ווי ס׳איז צו זען, איז דאָ פאַראַן גענוג סענסאַציע, וואָס זאָל אָנרייסן. אַן אמת ציוניסטיש אָדער סתם יידיש־פּאַטריאָטיש האַרץ מוז ממש אָנקוועלן ווען ביי מאָשקען ווערט אַזוי שטאַרק די בענקשאַפט נאָך ציון. ניט קיין שטאַרקן פּאַטריאָט, אַזוי אַ יידן פון אַ גאַנץ יאָר, מוז די זאַך געפעלן, ווייל ס׳קיצלט אַזוי די נערוון מיט די פּאָגראָם־געשיכטעס, בפרט נאָך, אַז דער פּאָגראָם קומט טאַקע פאָר אויף דער בינע.

ווען מען גיט נאָך צו, אַז איבער דער גאַנצער דראַמע שוועבט אַ סימבאָל אין דעם געשטאַלט פון דעם געוועזענעם דיאַקאָן קיריל קיריליטש פּיאַטאָק אין בערקאָוויטשעס דראַמע „מאָדערנע“ אין פולן זינען פון וואָרט. אמת, דער דיאַקאָן האָט קיין שום שייכות ניט צו דער גאַנצער גאַנג פון דער שטיק. ער איז אַן אָפּגעריסענער שטריך, אַ פילאָזאָפירנדיקער רוסישער באָסיאַק, אַן אומגליקלעכער, אַ געפאַלענער, נאָר פול מיט מענטשלעכקייט. ער דאַרף דאָס אָבער צוגעבן דער גאַנצער זאַך אַ באַזונדערע טיפקייט און אָריגינאַלקייט. איז אָט וואָס: אויף וויפל פּיאַטאָק איז דער געלונגסטער טיפּ אין דער שטיק, איז ער ניט מער [ווי] אַ קאָפּיע פון גאָרקיס לוקאַ אין דער פּיעסע „נאַ דניע“, צוגעפאַרבט מיט גלייכווערטלעך, אָפּט גאַנץ באַנאַלע פון דעם רעוואָלוציאָנערן זשאַרגאָן. אַ קאָפּיע פון טשעכאָווס אַ טיפּ איז אויך יאַקאָווס ווייבל טאַניאַ. די גאַנצע פּיעסע שטעלט אויף אַזאַ אופן מיט זיך פאָר אַ מיש־מאַש פון צונויפגעשטיקעוועטע צופעליקע עפּיזאָדן, פון געבאָרגטע טיפּן, און דער דאָזיקער מיש־מאַש קאָן בשום אופן ניט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ מאָדערנע דראַמע, וואָס אַן ערנסטער קונסט־טעאַטער זאָל שטעלן. זי וואָלט געפּאַסט פאַר אַ טעאַטער, וואָס קאָרמעט דעם עולם מיט „פּינטעלע ייד“ אָדער אַנדערע „ווערקע“.

פאַרדריסלעך איז וואָס גראָד אין דער אויפפירונג פון אָט דער מעלאָדראַמע, האָט מען אַמבעסטן געקאָנט זען, אַז מיר האָבן באמת טאַלענטפולע שוישפּילער, וואָס וואָלטן געוועזן אַ שטאָלץ פאַר יעדער ערנסטער בינע. אויב די שטיק איז גאָרניט ווערט, האָט שוין אָבער גאָר אַ גרויסן ווערט דאָס שפּילן פון שוואַרצס קאָמפּאַניע. ס׳וואָלט געווען אַן עוולה אויסצוטיילן דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, ווייל אַלע האָבן זיי געשפּילט זייער גוט. אמת אויסגעצייכנט האָבן זיך באַזונדער בן־צבי באַראַטאָוו אין דער ראָל פון „מאָשקע חזיר“, מוני ווייזענפריינד אין דער ראָל פון דיאַקאָן פּיאַטאָק, מאַרק שווייד אין דער ראָל פון אַליאָשקע. נאָר אויך די איבעריקע אַקטיאָרן האָבן זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין דעם גאַנצן אַנסאַמבל. ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, פאַרדינט דאָך אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מוני ווייזענפריינד. ער באַשאַפט פון פּיאַטאָקן אַ טיפּ, וואָס האָט ניט וואָס אַראָפּצופאַלן פאַרן מאָסקווער קונסט־טעאַטער. גרויס איז אויך באַראַטאָוו, נאָר פון זיין שפּילן ווייעט שוין צופיל די אַלטע רעאַליסטישע שול. ס׳באַקומט זיך אַ געוויסע איינאַרטיקייט אין אים, שטענדיק די זעלבע זשעסטן, אינטאָנאַציע. וואָס פאַר אַ ראָל ער זאָל ניט שפּילן, דערקענט מען אים גלייך. ביי ווייזענפריינדן איז דאָס אָבער ניט. ער איז אַזוי פריש, אַזוי ניי, אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, אַז ס׳איז ממש צו באַוווּנדערן. אין שווײדס קליינע ראָל פילט זיך אויך אַ מאָדערנער שווונג, פול מיט נייע טענער און באַוועגונגען. ווען די יידישע בינע פאַרמאָגט אַזעלכע ערנסטע טאַלענטפולע און אינטעליגענטע שוישפּילער, איז פּשוט אַ סקאַנדאַל, אַז מען זאָל פאַרווענדן זייער קונסט אויף אַזעלכע שטיק ווי „מאָשקע חזיר“. זיי טויגן פאַר עפּעס בעסערס. די טעמע פון „מאָשקע חזיר“ איז אַן צווייפל אַזאַ, וואָס קאָן „אָנרייסן“. ס׳וועלן זיך מסתמא אויך געפינען ביי אונדז קריטיקער, וואָס וועלן די שטיק לויבן אין הימל אַריין ווי אַ קונסט־ווערק. איינער פון אונדזערע געשווירענע קריטיקער איז שוין אויף אַזאַ אופן פאַרלאָפן דעם וועג איידער די זאַך איז אויפגעפירט געוואָרן. פרעגט זיך, איז דאָס פאַר ה׳ שוואַרצן גענוג, אַז ער זאָל פרעטענדיקן אויף קונסט? יאָגן זיך נאָך אַזעלכע פּיעסן ווי „מאָשקע חזיר“ איז זייער אַ גליטשיקער וועג, וואָס קאָן פאַרפירן דעם קונסט־טעאַטער אַזש צו טאָמאַשעווסקין. אַלס אַ פריינט פון „יידישן קונסט־טעאַטער“ וואָלטן מיר ניט געוועלן זען אַזאַ ירידה“.

## י. מאַר שרייבט:

„דאָס שטיק איז איינגעשטודירט געוואָרן אויף איין פוס אין דעם טשאַד פון דעם שרייענדיקן ערפּאָלג, אין אייראָפּע, ערגעץ אין דער פרעמד, אין אַ פרעמדע, טומלדיקע סביבה, האָט מען אויפגעפירט די דאָזיקע שיינע דראַמע. פילט זיך אַ צעשויבערטער טומל אין דער אויפפירונג; ניטאָ קיין ריכטיקער און אויסגעהאַלטענער טאָן. פון רויִקן אָדער טיפן דראַמאַטיזם פאַלט מען אַריין כסדר אין אַן אויבערפלעכלעכן מעלאָדראַמאַטיזם. „מאָשקע חזיר“ איז אַ שטיק, וואָס מען דאַרף אויפפירן פאָרזיכטיק. די דראַמע שפּילט זיך אָפּ אין דער שוידערלעכסטער צייט, אין דער צייט פון בלוטיקע פּאָגראָמען און גרויסע סאָציאַלע איבערקערענישן. מוז מען זיך דאָ היטן פאַר דער אויסערלעכער קנאַלעריי. מען מוז זיך פאַרטיפן און דערשפּירן דעם גייסט, די אידעע־פּיקס פון דער צייט. בשעת שטיינער אין וואַלד שרייען, דאַרף דער קינסטלער זוכן גראָד דעם שטילן באַהאַלטענעם טראַגיזם, בשעת עס טומלט און עס קראַכט אַרום, דאַרף דער קינסטלער זוכן דעם באַהאַלטענעם זינען און מיט אים באַטעמען דעם טומל. „מאָשקע חזיר“ האָט געדאַרפט זיין די שטילע דראַמע אין דעם גרויסן טומל פון מעשׂי בראשית, אין דעם גרויסן טומל אויפדעקן די שטילע, אָבער גרויסע איבערקערענישן, וואָס קומען פאָר אין די הערצער פון מענטשן. די וועלט טרייסלט זיך ווי אַ שכורע. זי פאַלט פון די פיס און אין אַ מענטשנס האַרץ, אין האַרץ פון מאָשקען, קומט פאָר אַ גרויסע און שטילע רעוואָלוציע.

מען האָט זיך געוויצלט, אַז י. ד. בערקאָוויטשעס דראַמע איז אַ דראַמע אָן יידן. עפּעס איין ייד באַווייזט זיך אין איין אַקט. דאָס איז אַ ביליקער וויץ. י. ד. בערקאָוויטשעס דראַמע איז די יידישסטע דראַמע פאַר די לעצטע יאָרן, ווייל דאָס פּראָבלעם איז יידיש, אַזוי יידיש, אַז זי איז אַבסאָלוט ניט אָפּהענגיק פון די פּערזאָנען, וואָס שפּילן עס. „מאָשקע חזיר“ איז דאָס פאָלק, דאָס פּשוטע פאָלק צווישן פרעמדע. און דאָ האָט פּאַסירט דאָס מערקווירדיקסטע — י. ד. בערקאָוויטש, וואָס איז אַזוי ווייט פון מעלאָ־דראַמאַטיזם, איז אין קונסט־טעאַטער אַרויס אַ מעלאָ־דראַמאַטישער שרייבער. ווער עס איז נאָר באַקאַנט וויפל עס איז מיט י. ד. בערקאָוויטש אַלס שריפטשטעלער, ווייס, אַז אין אים איז ניטאָ קיין ווונק אויף

מעלאָדראַמאַטישקייט, און דאָס אַליין האָט געדאַרפט דעם רעזשיסער אַרויפפירן אויפן געדאַנק, אַז מען דאַרף די דראַמע אַנדערש שפילן. מען קאָן דאָך ניט אַריינשטעלן אין אַ שרייבער דאָס וואָס איז אים פרעמד לויט זיין טעמפּעראַמענט און לויט זיין גאַנצן קינסטלערישן מהות".

## און מ. גייט איבער צום שפילן פון די אַקטיאָרן:

„די אויפפירונג איז אין איר גאַנצן עצם געוואָרן אַ פאַרגרייזטע. און אומאָפּהענגיק פון דער אויפפירונג האָבן אייניקע אַקטיאָרן געשאַפן וווּנדערלעכע ראָלן. אַננאַ אַפּעל אַלס אַוודאָטיע איז געווען אַ פיגור ממש אויסגעהאַקט ווי פון אַ פעלז. מוני ווייזענפריינד האָט געטאָפּן אַ ווונדערלעכן פאַרטרעמפּעוועטן פּיאַטאַק. מוני ווייזענפריינדס פּיאַטאַק איז אַ פּרעכטיקע אַקטיאָרישער שאַפונג, האַרמאָניש אויסערלעך און אינערלעך, גאַנץ מיט אַלע קאַפּריזן און מיט אַלע שיינע און משוגענע חנדלעך ווי גאָט באַשאַפט דעם מענטש. אַ מערקווירדיקע חיהלע אויף צוויי פיס האָט מאַרק שווייד געגעבן אין דער ראָלע פון דעם פאַסטוך־הויקערל, אַ דאָרפיש־פאַרשאַרפט פאַרזעניש, וואָס שרעקט מענטשן מיט זיין אויסערלעכע און אינערלעכע פאַרקריפּלטקייט. און צום סוף איזידאָר קעשיערס גאַווריליאָ, אַ פּרימיטיוו, געצייכנט מיט פעטע ליניען און גדיכטע פאַרבן. די דאָזיקע פיר ראָלן האָבן אָבער ניט געקאָנט ענדערן דעם כאַראַקטער פון דער אויפפירונג און פאַרטומלען דעם מעלאָדראַמאַטישן טאָן, וועלכן דער רעזשי האָט איינגעשטעלט.

„מאָשקע חזיר" האָט פונדעסטוועגן געהאַט אַ מיטעלן ערפאָלג. דאָס פובליקום האָט אויפגענומען דאָס שטיק פיל וואַרעמער פון דער פּרעסע. די אויפפירונג פון „מאָשקע חזיר" איז לכל הדעות ניט געווען די פּאַסיקע ערעפענונג פון דעם סעזאָן פאַרן קונסט־טעאַטער, וואָס האָט די שטאַרקסטע יידישע טרופּע אין דער וועלט".

## דער לעבעדיקער שרייבט:

„זאָל עס גלייך דערקלערט ווערן פאַר דעם מיליאָן און אַ האַלב מיט איין זעקסטל פיינשמעקער פון דער יידישער גאַס, אַז כאָטש בערקאָוויטשעס דראַמע הייסט „מאָשקע חזיר", דאָך איז זי דווקא אַ זויבערע זאַך. און דאָס באַווייזט, אַז אַ נאָמען איז קיין ראַיה נישט, דערהויפּט ביי אַ דראַמע אין יידישן טעאַטער. ביי אונדז קאָן מען גיין זען אַ פּיעסע, וואָס זי זאָל זיך רופן „ריינע ליבע" און דאָך זאָל זי זיין אַ שטיק „חזיריי"... „מאָשקע חזיר" איז בכלל אַ דראַמע פון פּאַראַדאָקסן. עס איז אַ דראַמע פון „לויטער גויים" — און דאָך איז זי זייער אַ יידישע, אַפילו מיט אַ יידישער אידעע (די אידעע זוך איך נאָך...). דער נאָמען „חזיר" איז אַ קריכנדיקער — און דאָך רעדט זיך עס דאָרטן פון העכערע ענינים. עס איז אַ פּאָגראָם־דראַמע, און דאָך כמעט נישט קיין שרייענדיקע. „מאָשקע חזיר" האָט אָבער אויך געקאָנט הייסן: „טאַטע און זון", „דער משומד", „ייד און קריסט", „קינס צייכן" און „מיטן פייער", ווייל אַז איר ווילט, איז עס אַ כלל־דראַמע, און אויב נישט — נאָר אַ פּערזענלעכע דראַמע פון „מאָשקען".

בערקאָוויטש, ווי מערסטע העברעער, איז אין תוך רוסיש. בערקאָוויטש האָט צוויי געזונטע „קוואַטערס" צו זיין דראַמע: טשעכאָוו און גאָרקי. טשעכאָוו האָט אים געגעבן חוץ דעם אופן פון געבוי און קלאָרקייט פון שרייבן, אויך די מוסטערס פון צוויי פון די העלדן — מאָשקע און אַליאָשקע. און גאָרקי — האָט אים געגעבן קירילן־לזקאַן. בערקאָוויטש האָט זיין דראַמע געשאַפן לויט מוסטערס, אָבער דאָך איז עס כשר. ווייל נעמען מוסטערס מעג מען, דאָס טוען כמעט אַלע דראַמאַטורגן פון דער וועלט. אָבער אַנדערע נעמען נאָר און גיבן אַליין גאָרנישט. בערקאָוויטש איז אַ נעמער־געבער.

„מאָשקע חזיר" ווערט נישט געשפּילט, נאָר אויסגעמוסטערט. עס איז אַ שפּיל, ווי פון איין בראָנז געגאָסן. סקולפּטורן קאָנען קומען זען די מוסטערן־פיגורן. כמעט אַלע באַטייליקטע שוישפּילער שפּילן גוט. עטלעכע נאָך בעסער, ווי גוט. עס איז גוט אין אַ פולער מאָס, נאָך מיט „אַ ווערך". מאַדאַם אַפּעל איז דאָס בעסטע שטיק „גויענטום" פון דער דראַמע: זי איז אַ גויע אַפילו אין איר יידיש. עס איז אַ גויע אין זיך און פאַר זיך, אין דער צייט, ווען קעשיר און שוואַרצס גויים זיינען מיט אויסערלעכע מיטלען, מיט באָרדיקייט און ברודיקייט. פעלערן? אַז מען וויל זאָגן, איז באַראַטאָווס גוי אַ ביסעלע צו פאַריידלט, פאַר אַזאַ גראָבן מענטשן ווי מאָשקע חזיר, אַן איידעם פון אַ קאָלבאַסניק, איז ער אָפּט צו פיין. ער וואַקסט פלעצערווייז ביי באַראַטאָוון נישט נאָר איבער זיין סביבה פון פויערים, נאָר אויך אַ סך יידן. ער ווערט עפּעס אַ גייסטיקע געשטאַלט פון אַ קידוש־השם־יידן!... אָבער איך באַגרייף דעם פעלער: יעדער אַקטיאָר שפּילט חוץ דעם העלד, וואָס ער שפּילט, אויך זיך. אַפילו לעבעדיוו — טאַנצט זיך... און אַוודאי, ווען דוד קעסלער שפּילט „מאָשקען", וואָלט ביי אים אַרויסגעקומען אַ גרעבערער מאָשקע ווי באַראַטאָוון. און אַז מען וויל זאָגן, איז טאַניע (בערטאַ גערסטען) אויך אַ צו־שונדיסטישע געשטאַלט, כולו קודש... נאָר אויך דאָס קען מען פאַרשטיין. דאָס באַלאַנגט שוין צו אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק: בערקאָוויטש האָט געוואָלט ווייזן די גויים, אַז נישט אַלע גויים זיינען פּאָגראָמטשיקעס, האָט ער עס געוויזן מיט קירילן און טאַניען... אין סך הכל: בערקאָוויטשעס מאָשקע חזיר איז אַ גאַנץ כשר־סערווירטער טעאַטער־מאכל און אַפילו רבנים מעגן אַזאַ חזיר קומען געניסן".

## אַב. קאַהאַן שרייבט:

„אין מיין פריקן אַרטיקל האָב איך גערעדט וועגן אָסיפּ דימאָווס מעלאָדראַמע „דעם רבינס חתונה", וועלכע גייט איצט אין אוירווינג פּלייס טעאַטער. אין דעם זעלבן אַרטיקל האָב איך אויך דערמאָנט אַ צווייטע מעלאָדראַמע, די פּיעסע „מאָשקע חזיר", וועלכע גייט איצט אין שוואַרצס „קונסט־טעאַטער". צווישן די צוויי זיינען פאַראַן גרויסע אונטערשיידן. מיר וועלן דאָ בלויז ריידן וועגן איינע פון זיי. אָסיפּ דימאָוו האָט זיין פּיעסע לכתחילה געשריבן אַלס מעלאָדראַמע. דער גאַנצער איינפאַל איז אַ מעלאָדראַמאַטישער. גאַנץ אַנדערש איז מיט דער פּיעסע „מאָשקע חזיר". זי איז געשריבן געוואָרן מט אַ גאַנץ ערנסטן מיין. עס איז אָבער אַרויסגעקומען אַ מעלאָדראַמע. די שולד ליגט, גלייב איך, הויפּטזאַכלעך אין דעם, וואָס דער סוזשעט איז אַ צו גרויסער און אַ צו פילפאַכער. אום אויסצואַרבעטן אַזאַ סוזשעט אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן, וואָלט מען מוזן אויפשרייבן אַ גאַנץ גרויסן בוך און אויף דער בינע צו שפּילן וואָלט מען אַזאַ פּיעסע געדאַרפט פילייכט צוויי אָדער דריי אָוונטן. דער רעזולטאַט איז געווען דאָס, וואָס עס פּאַסירט געוויינלעך ווען אַ שרייבער פאַרנעמט זיך מיט מאַטעריאַל, וועלכע איז צו גרויס צו מאַכן אַ גוטן סקעטש פון די וויכטיקע מאָמענטן. עס פילט זיך דורכויס אַ נערוועזע איילעניש, אַן אָנשטרענגונג אַריינצושפּאַרן וואָס מער פּאַסירונגען אין וואָס ווייניקער פּלאַץ. די מעשה איז אַן און פאַר זיך ניט קיין

לעמפּל פאַר דער איקאָנע [הייליקע קריסטלעכע בילד], וואָס הענגט אין שטוב און ערלויבט ניט זיין ווייב צו קאָכן אין דעם טאָג פון יום כפור. און טאַקע אין דעם דאָזיקן ערב יום כפור מאַכט מען אין שטעטל אַ פּאָגראָם אויף יידן, און איינער פון די הויפּט פּאָגראָמשטשיקעס איז זיין זון יאַקאָב. אין דעם דאָזיקן פּאָגראָם קריגט דער זון אַ טיפע וווּנד אין שטערן און ווען ער קומט אַהיים און דער טאַטע זעט דעם פאַרבאַנדזשירטן שטערן, פאַלט אים גלייך איין אַ חשד, אַז דער זון איז געווען פאַרמישט אין פּאָגראָם, און הגם דער זון און זיין מאַמע און זיין ווייב האָבן דערויף אַ תירוץ, בלייבט דאָך דער חשד. און נאָך איידער ער האָט צייט צו טראַכטן וועגן דעם, קומט אַריין אַ ייד מיט זיין טאָכטער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דעם פּאָגראָם אין שטעטל און זוכן אַ מקום מקלט [אַ פּלאַץ צו אַנטרינען] אין דאָרף ביי מאָשקע חזיר. ער האָט אַפילו ניט געוווּסט, אַז מאָשקע איז אַ תושב [איינוווינער] אין דאָרף, נאָר די פיס האָבן אים פאַרפירט אַהין. מאָשקע חזיר, וועלכער האָט זיך אַזוי פאַרבענקט נאָך יידן אין דער אַבסטראַקציע, ווערט אַן אויפגעקאָכטער ווען ער דערזעט דעם לעבעדיקן יידן פאַר די אויגן און טרייבט אים פון שטוב. אָבער דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ייד איז מיט אים ניט נאָר פון איין שטעטל, נאָר זיי זיינען כמעט ביידע אין איין חדר געגאַנגען און ער הייסט אים בלייבן מיט זיין טאָכטער ביי אים. און דאָ עפנט זיך די טיר און דער זון קומט אַריין. די יידישע מיידל שפרינגט אויף אַ פאַרציטערטע און אַ פאַרצווייפלטער געשריי רייסט זיך ביי איר אַרויס פון האַרצן. מאָשקע חזיר קוקט אויף דער יידישער מיידל, דערנאָך אויפן זון, און דאָס וואָס איז פריער ביי אים געווען אַ חשד, איז שוין איצט אַ געוויסהייט, אַלנפאַלס דאַרף דאָס זיין אַ געוויסהייט.

אין גרונט גענומען איז דאָס די גאַנצע דראַמע, אָבער דאָס איז ערשט דער ערשטער אַקט, און דער פאַרפאַסער קליגט זיך און ווייזט אַ צווייטן פּאָגראָם. די פּויערים קומען און שלעפּן אַוועק דעם יידן און זיין טאָכטער צו פייניקן און הרגענען, און דאָ איז ווידער דער זון פאַרמישט. ער האָט דערציילט, אַז יידן באַהאַלטן זיך ביי זיי אין הויז און אַליין אָנגעהעצט די פּויערים, אַז זיי זאָלן זיך אַריינרייסן צו זיי אין הויז און מאַכן אַ סוף מיט די יידן, אָבער די דראַמע איז דאָ ניט וואָס מען הרגעט נאָך עטלעכע יידן, נאָר וואָס דער זון איז אַ פּאָגראָמשטשיק בשעת דער טאַטע חלומט פון צוריקקערן זיך צו זיין פאָלק, און די האַנדלונג, וואָס דאַרף אַרויסברענגען די דאָזיקע דראַמע וואַקסט דאָ ניט, ווייל דער אָנטייל, וואָס דער זון נעמט אין צווייטן פּאָגראָם, זעט מען דעם פאָטער נאָך ווייניקער ווי אין דעם ערשטן, ווייל פון דעם ערשטן איז געבליבן אַ צייכן פון קין אויפן שטערן, און אין צווייטן איז גאָרניט געבליבן, און [אויב] דער פאָטער איז געפאַלן אויפן קאָפּ און האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין די שייכות אויפן שטערן און דעם היסטערישן קוויטש פון דעם יידישן מיידל מיטן פּאָגראָם, קאָן ער אודאי ניט פאַרשטיין די שייכות פון זיין זון מיטן אָנפאַל אויף זיין הויז אין צווייטן אַקט. מען קאָן מיינען, אַז די אָנוועזנהייט פון דעם יידן ביי אים אין שטוב, דער טלית מיטן קיטל, דער יום־כפורדיקער דאַווענען זיינען געווען נייטיק צו ווייזן ווי אַזוי דאָס אַלעס האָט געווירקט אויפן משומד און געבראַכט אים נענטער צו דער איבערגעריסענער פאַרגאַנגנהייט, אָבער דאָס איז ניט ריכטיק. דער משומד האָט שוין ניט געלאָזט אָנצינדן קיין לעמפּל פאַר דער איקאָנע און אָנגעזאָגט זיין ווייב, אַז זי זאָל ניט קאָכן אין דעם טאָג נאָך איידער אַ ייד איז איבערגעטראָטן זיין שוועל. די בראָשור וועגן פּאַלעסטינע האָט ער זיך איינגעשאַפט ווען ער האָט נאָך קיין יידן אין שטוב ניט אַריינגעלאָזט און זיין חלום וועגן ארץ־ישראל האָט שוין לאַנג געעגבערט זיין קאָפּ.

אין בעסטן פאַל איז דער דריטער אַקט אַ ווידערהאָלונג פון דעם ערשטן אַקט. דער דריטער אַקט איז אינגאַנצן אַוועק אין אַ זייט און פאַרטונקלט די גאַנצע דראַמע. אין דעם דריטן אַקט ווערן מיר געוווירן, אַז דער זון האָט צעטיילט צווישן די פּויערים דעם גאַנצן קעראָסין [נאַפט] וואָס דער פאָטער האָט אָנגעזאַמלט פאַר שפּעקולאַציע, און די פּויערים גופא האָבן פאַרנומען דעם משומדס בהמות, און ווען מיר זעען נאָכדעם ווי אַזוי ער פאַרברענט דעם זון אין זיין אייגן הויז, זיינען מיר שוין גאָרניט זיכער, וואָס האָט דעם משומד געטריבן צו אַזאַ גרויזאַמען טאַט. דער פאַרפאַסער האָט זיך גענומען מי צו מאַכן פאַר אונדז קלאָר אַז דער משומד איז געווען אַ קמצן [קאַרגער]. ער האָט געוווינט אין דאָרף, אָבער ער האָט זיין חיונה געצויגן פון דער ערד מיטן שווייס פון זיין פּנים. פון דער שפּעקולאַציע מיט קעראָסין פאַרשטייען מיר, אַז איז ער געווען וואָס מען רופט אין רוסלאַנד אַ קולאַק, און דער צושויער קאָן גראַדע אַזוי דענקן, אַז דער קאַרגער פאָטער האָט זיך אָנגעצונדן פון דעם וואָס זיין זון האָט אַ פאַרמעגן אַרויסגעוואָרפן, [פּונקט] ווי דאָס איז געשען פון זיין זונס באַטייליקן זיך אין פּאָגראָם און וואָס דערמיט זיינען צעשטערט געוואָרן אַלע זיינע פּלענער אַרויסצורייסן זיך פון זומפּ אין וועלכן ער איז לייכטזיניק אַריינגעקראָכן. עס קאָן זיין, אַז דער פאַרפאַסער האָט נאָכן צווייטן אַקט ניט געפונען קיין גרעסערע באַרעכטיקונג פאַרן שרעקלעכן סוף ווי נאָכן ערשטן און ער האָט דערנאָך צוגעגעבן די מעשה מיטן קעראָסין און מיט די בהמות כדי אַלץ צוזאַמען זאָל אים טרייבן צום גרויזאַמען מאָרד און זעלבסטמאָרד, אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין ווערט דאָ די הויפּט דראַמע פאַרלאָרן.

דער גרעסטער פעלער פון דעם שטיק איז, וואָס דער פאַרפאַסער האָט איר געמאַכט קנאַקעדיק בשעת דאָ האָט זיך געפאָדערט מער שטילע פּסיכאָלאָגיע. דער מעלאָדראַמאַטישער וועג מיט וועלכן דער פאַרפאַסער איז געגאַנגען, איז ניט פאַר דער טעמע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, אַ חוץ דעם איז דאָס ניט זיין וועג. ער האָט אַן אויג פאַר דעטאַלן און זיין טאַלענט ליידט ניט קיין גוזמאָדיקייט ווי מען האָט עס געקאָנט זען אין זיינע „לאַנדסלייט". בשעת דער אָטעם פון מעלאָדראַמע איז שטאַרקע איבערטריבנקייט און זי שטאָלצירט מיט גרעדיכטע פאַרבן. און נאָך אַ פעלער אין דעם שטיק איז, וואָס זי איז איבערגעמאַכט געוואָרן פון אַן ערציילונג. דער וועג פון דער דראַמע און דער וועג פון אַן ערציילונג זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע. אַמאָל געלינגט צו שאַפן אַ גוטע דראַמע פון אַן ערציילונג, אָבער דאָס רוב ניט. אין דער קאָנסטרוקציע האָט דער פאַרפאַסער באַוויזן אַ בריהשקייט, וואָס מען זעט פּשוט ניט אין די היימישע פּיעסן אויף אונדזער בינע. אין „מאָשקע חזיר" זיינען שטאַרק אָפּגעהיט די דריי איינהייטן, און ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז בערקאָוויטש איז נאָך אַן אָנפאַנגער אויף דעם געביט פון דראַמע, איז גאָר פּשוט אַ וווּנדער. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז עס האָט גענומען לאַנגע יאָרן אַז אַ דראַמאַטורג ווי איבסען ביז ער האָט געכאַפּט דעם שניט צו בויען אַ פּיעסע, ווו עס זאָל טשרענג אָפּגעהיט ווערן די איינהייט פון צייט, די איינהייט פון פּלאַץ און די איינהייט פון דער האַנדלונג. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט בערקאָוויטש אָנגעווענדט

און ביי זיין פרוי, וואָס האָט אים באמת ליב, דעם אויבן־אָן, ווייל זי גלייבט אין זיין טאַלענט. עס פאַרנעמט דעם אָרט פון רייכקייט, לוקסוס און אַלע אַנדערע פאַרגניגנס, וואָס זיינען די וויכטיקסטע זאַכן פאַר דעם וואָכעדיקן קליינעם מענטשעלע. עס וואַקסט פאַר אונדז אויס אַ שטיק לעבן, וואָס ווערט אונדז נאָענט. אַ סימן האָט איר, אַז ווע דער פּאָעט צעקאָכט זיך און שפּייט אָן דעם גראָבן יונג, דעם מענעדזשער, אין פּנים אַריין, פאַר זיין ניט פאַרשטיין די אמתע ווערט פון ליטעראַטור, אַפּלאָדירט דאָס פּובליקום דעם דיכטער, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ באַזיגט אַ וויכטיקן שונא, און דאָס איז דאָך געטאָן געוואָרן ניט דורך שרעקלעכע מיטלען, ניט דורך רייסן ביי אייך מיט צוואַנגען סימפּאַטיע פאַר די העלדן, נאָר דורך שטילע, רויִקע מיטלען און דורך האַנדלונג, וואָס קומט אויס אַזוי געוויינלעך פּשוט, און דאָס אַליין איז שוין וויכטיק.

כדי צו זיין פעִיק אַרויסצורופן געלעכטער ביים עולם, מוז מען האָבן אַ געוויסן כוח פאַר דעם. אמת, דאָס קאָן געטאָן ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים. מיר האָבן, למשל, געזען ווי אַ לץ האָט זיך געסטאַרעט [באַמיט] צו שטעלן אויפן קאָפּ, אַרויסצושטעלן דעם צונג און זאָגן נאַרישע, גראָבע וויצן. דער עולם האָט געלאַכט, אָבער עס איז געווען אַז אַך און ווי צום געלעכטער. איר האָט געקאָנט זען, אַז עס עקלט פון יעדן וואָרט, און דאָס איז אויך גע־ווען אַ קאָמעדיע. מיר האָבן אָבער אויך קאָמעדיעס ביי אונדז ווו מענטשן האַנדלען נאַטירלעך, ריידן אַ מענטשלעכע שפּראַך, און דער עולם לאַכט האַרציק, ווייל עס איז דאָ סיטואַציע. קיינער סטאַרעט זיך ניט צו זיין קלוג אָדער נאַריש. מען איז מענטשלעך, און דאָך איז עס קאָמיש. „די לוסטיקייט האָט אויסגעשאָסן אין עקספּלאָזשענס [אויפרייס]", ווי עמיצער האָט זיך אויסגעדריקט. אָט דער סאָרט קאָמעדיעס זיינען די, וואָס אַפּעלירן און נעמען אויס ביים בעסערן פּובליקום, און אַזאַ מין קאָמעדיע איז „ווען שטאַרבט ער".

פאַר אונדז יידן פון אַ גאַנץ יאָר קאָן אויסקומען, אַז וואַרטן אויף יענעמס טויט כדי צו טאָן גוטע געשעפטן, איז מגושם און ניט־נאַטירלעך. אָבער דאָס איז ניט אַזוי. מיר האָבן געהאַט פיל באַווייזן ווי מען האָט עקספּלאָאַטירט דעם טויט פון אַ מענטשן כדי צו מאַכן גוטע געשעפטן, און מר דריי, דער מענעדזשער פון טע־אַטער, דער הויפּט־העלד, איז אַ געשעפטסמאַן, און מען קאָן זען, אַז ער איז אויף צרות. אויף די ווענט פון זיין אָפיס זיינען אויסגע־האַנגען אַפּישן פון דורכגעפאַלענע פּיעסן. ער האָלט אין דערלייגן געלט און ער כאַפּט זיך פאַר יעדן מיטל אַרויסצוקריכן פון זיין צרהדיקער לאַגע. יאַנקעלעוויטש איז פאַר אים אַ ווילד־פרעמדער מענטש. ער קוקט אויף אים ווי אויף אַ בטלן וועמען קיינער דאַרף ניט און מען מוז נעמען אין אַכט דעם כאַראַקטער פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס האַנדלט מיט אַ גרויסן פּובליקום, און דער איינצל־נער איז ביי אים גאָרניט ווערט. דער דריי קאָן ניט האָבן קיין אַכטונג פאַר דעם שאַפער, פאַר דעם פּאָעט, ווייל ער האָט אַ סך פון דעם עולם אַרום זיך. ער דאַרף זיי צאָלן „ווידזשעס". ער קען זיך מיט זיי זייער אינטים. דערצו איז ער דאָך אַ יידישער מענעד־זשער. דאָס הייסט אַ מענטש פון אַ גאַנץ יאָר, וועלכער האָט גע־קאָנט האַנדלען מיט אַלץ אין דער וועלט. זיין ציל אין לעבן איז נאָר פּרנסה. נו, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ געלעגנהייט, אַז דער, וואָס האָט ביי אים געלאָזט די פּיעסע, איז געפערלעך קראַנק געוואָרן און האַלט ביים שטאַרבן, אַז ער זאָל זיך אָנכאַפּן אָן דער סימבאַלישער פּיעסע. עפּעס, אַ קלייניקייט, וואָס די פּעיפּערס [ציטונגען] וועלן עס צעשרייבן וועגן יענעם, און ווי דער עולם וועט עס לויפן אין טעאַטער זען די גרויסע מייסטערווערק, און אָט אַזוי קומט אַרויס, אַז דער ניט־מוראַדיקער סוזשעט ווערט וויכטיק. אַ צאָל מענטשן זיינען אין דעם פאַראינטערעסירט, און עס ווערט וויכטיק, וויכטיק דורך דעם אינעווייניקסטן אינערלעכן ווערט פון דער זאַך. און אַזוי קומט אויס, אַז אַ גאַנץ שטילע וואָכעדיקע פּיעסע ווערט דערהויבן צוליב דער פעִיקייט פון דעם פאַרפאַסער צו וויכטיקייט, און דער צושויער מוז האַרציק לאַכן זעענדיק פאַר זיך דעם דאָזיקן פלאָנטער, וואָס איז אָבער גאָרניט קיין בורלעסק. דאָס הייסט, עס גייט ניט אַרויס פון דעם גרענעץ פון נאַטירלעכקייט און מעגלעכקייט.

די גרויסע ווערט פון דער קאָמעדיע „ווען שטאַרבט ער?" ליגט אָבער ניט אַזוי אין דער דערמאָנטער סיטואַציע ווי אין דעם גאַנצן טאָן אירן, אין יענעם נאַ־ווון שטילן הומאָר, וואָס איז דער הויפּט־שטריך אין גאָטעספּעלדס ליטעראַריש־ישער שאַפונג. אויך אין דער פּיעסע זעט איר, ווי דער שפּאַס קומט ניט פון קיצלען יענעם, נאָר פון דעם נאַטירלעכסטן איינפאַל, ווי דער שרייבער פון דער קאָמע־דיע זעט עס און עס האָט ניט קיין זין צו דערציילן די חכמות, ווייל מען מוז זיין דערביי ווען די העלדן ריידן, טוען האַנדלען, אום צו פאַרשטיין די אייגנטימלעכקייט און חן פון גאָטעספּעלדס הומאָר, און עס איז געווען אַזוי פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער טעאַטער האָט געהילכט מיט אַזאַ געזונטן געלעכטער. פעלערן? נו, געוויס זיינען דאָ פעלערן אין דער קאָמעדיע, אָבער זיי זיינען ניט אַזוי וויכטיק דאָס עס זאָל שטערן דעם איינדרוק וועלכן מען באַקומט. עס איז זיכער, אַז דער דריטער אַקט, די פּראָבע פון דער פּיעסע, איז ניט געראָטן און שטאַרק צעצויגן, אָבער מיר ווייסן דאָך, ביי אונדז זיינען די ערשטע פאַרשטעלונגען נאָר אַלעמאָל נאָך פּראָבן. מען מאַכט שטענדיק אויסבעסערונגען און די פּירערשאַפט פון דעם קונסט־טעאַטער איז דאָך גענוג געניט און פּראַקטיש צו זען ווו עס ליגן די שוואַכע זייטן פון דער פאַרשטעלונג, אַז מען זאָל זיי אויסבעסערן.

ה' מאָריס שוואַרץ טרעט אויף אין דער ראָלע פון דעם טעאַטער־מענעדזשער, און ווען מיר האָבן אים געזען יענעם אָוונט, האָט זיך געוואָלט אויסשרייען: „בראַוואָ, שוואַרץ!". זעלטן ווען דער דאָזיקער שוישפּילער איז געווען אין זיין עלעמענט ווי ער איז דאָס מאָל. מר. דריי איז אַרויסגעקומען אין שוואַרצס פאַרשטעלונג אַ מענטש מיט בלוט און פלייש. עס איז ניט געווען קיין חיה. עס איז ניט געווען קיין לץ, נאָר אַ סוביעקט פון אַ געוויסן שניט. נו, געוויס וועט אים דער בוטשער [קצב] מיט זיין פּיעסע „דער עלעקטריק טשעיר" בעסער געפעלן. ער איז מיט אים נענטער פאַרוואַנדט ווי מיט דעם קראַנקן פּאָעט. זיין קומען אָנקוקן ווי דער קראַנקער האַלט, זיין האָפענונג, אַז באַלד וועט יענער אויסהויכן די נשמה, און זיין שרעק פאַר דעם טאָמער ווערט יענער צוריק געזונט, איז געווען אויסגע־שפּילט מייסטערהאַפט. דאָס איז ניט געווען קיין בלוט־דורשטיקע חיה, נאָר אַ מענטש, וואָס וויל טאָן געשעפט. אפשר אונטער אַנדערע באַדינגונגען, וועט ער געבן צדקה און רחמנות האָבן אויף אַן אָרעמאַן, אָבער אין דעם מאָמענט ווען מיר זעען אים אין הויז פון דעם קראַנקן, איז ער נאָר אַ מענעדזשער פון אַ טעאַטער.

גוט איז אויך מאַדאַם גערסטען אַלס די פרוי פון דעם פּאָעט. זי האָט אַרויסגעבראַכט איר אומגעהויערע ליבע צו איר מאַן, דעם באַרימטן דיכטער אין וועמענס זכות זי לעבט, און איר שרעק פאַרן ניט שפּילן דעם מאַנס פּיעסע איז געווען פול מיט אויפריכטיקייט און אמת. ווייזנפריינד האָט פון דער קליינער ראָלע מר. שנעל

געשאַפן עפּעס וויכטיקעס. זיין אַריינפּאַלן מיט אַ גוואַלד, אַז דער דיכטער טאָר ניט ווערן געזונט, איז געווען רייך און פאַרביק. מאַרק שווייד אַלס דער פּאָעט האָט בכבודיק פאַרנומען זיין אָרט. עס איז געווען אַ דיכטער מיט אַ קראַנקהאַפטער איינגעבילדעטקייט. עס איז געווען דער מענטש, וואָס וועט מקריב זיין אַלץ אין דער וועלט אַבי צו ווערן באַרימט. ניט גאַנץ געראָטן איז דער איבערגאַנג פון שרעקלעכן חולה צו פולקומענער געזונטהייט ווען ער דערוויסט זיך, אַז די פּיעסע וועט אויפגעפירט ווערן. דאָס איז געווען צו פלוצים און עס האָט צעשלאָגן אין אַ היבשער מאָס די אילוזיע פון אמת. און מאַדאַם אַפּעל אַלס רעגינע? די דאָזיקע אַקטריסע האָט אַ געוווינהייט צו שפּילן אַלע מאָל גוט און זי איז עס אויך דאָס מאָל. עס באַטייליקן זיך מיט היבשן ערפאָלג: אברהם טייטעלבוים, אברהם פישקינד, יעקב מעסטל און איזידאָר קעשיער.".

## נ. בוכוואַלד שרייבט:

„חנא גאָטעספּילדס קאָמעדיע „ווען שטאַרבט ער?" וועט גאַנץ גוט צונוץ קומען אין דער קנאַפּער באַלעבאַטישקייט פון יידישן רעפּערטואַר. זי ציייגט אויך די לינקע זייט פון יידישן טעאַטער — פון דעם ערגערן יידישן טעאַטער. זי באַקענט אונדז מיט דעם לעבנס־שטייגער פון יענער זייט סצענע. זי מאַכט חוזק פון די שונד־פּיעסן, פון די גראָב־יונגערישע טעאַטער־מענעדזשערס, פון דער גאַנצער עקלדיקער ווולגאַריטעט, וואָס פלעגט זיין דער כלל און איז נאָך איצטער אויך ניט קיין אויסנאַם אין יידישן טעאַטער. צו דער זעלבער צייט איז אין דער פּיעסע פאַראַן גלאַט אַ סך לאַך־מאַטעריאַל. די מעשה גופא פאַסט זיך אויסגעצייכנט פאַר אַ פאַרס. ס׳פילן זיך אַפילו אָפּטמאָל געלאַטכנטע מאָטיוון ווי אין דער מוזיק פון יידישע אָפּערעטן. ערטערווייז שמעקט די שטיק מיט משה נאַדירס „סוקסעס" און עטלעכע סצענעס זיינען גאַנץ „פּאָכאָזשע" [ענלעך] אויף דעם ערשטן אַקט פון יעוורעאינאָווס „הויפּט־זאַך" (און יעוורעאינאָוו אַליין איז דאָ אויך ניט געווען אָריגינעל), אָבער דאָס איז פון די קנאַפּע עוולות. די מעשה גופא איז אַ גאַנץ קאָמישע און זי איז גאָטעספּעלדס אַן אייגענע.

[נאָכן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע:]

דאָס איז דער סקעלעט פון דער מעשה, און דער סקעלעט איז באַצויגן מיט אַ גאַנץ געזונטער הויט, און די גאַנצע זאַך איז אַ לעבעדיקע, ווייט ניט קיין טויט־געבוירענער שפּיל. אָבער ס׳איז אַ שפּיל פון רק [נאָר] הויט און ביינער. ס׳איז אַן אַנעמישע, בלוט־אָרעמע קאָמעדיע. מ׳לאַכט די גאַנצע צייט. אַמאָל ווייניקער, אַמאָל מער, אָבער קיינמאָל רינט דער געלעכטער ניט אַריבער. ס׳איז אין דער שפּיל פאַראַן אַ סך הומאָר פון דיאַלאָג, און די אַקטיאָרן שאַפן הומאָר פון מימיק און אינטאָנאַציע, אָבער קיין נייע קאָמישע סיטואַציעס אַנטוויקלען זיי ניט נאָך דעם ערשטן אַקט, און אין דעם ערשטן אַקט (וועלכער באַשטייט פון פיר בילדער) ווערט די גרונט־סיטואַציע־פאַרפאַסט דורך עפּיזאָדן, וואָס זיינען אין דער שפּיל ניט נייטיק. דער דריטער אַקט, ווען מ׳מאַכט פּראָבע און מ׳פירט אויף די פּיעסע, איז אָן ספק דער בעסטער, אָבער ער ווערט איבערגעפירט ערגער ווי די אַנדערע צוויי, און ס׳באַקומט זיך אַ שוואַכער איינדרוק פון דער גאַנצער שטיק. טעכניש איז עס אַ שווערער אַקט, וואָס פאָדערט פאַרזיכטיקן, מיזאַמען רעזשי און צוזאַמענשפּיל. דער איבערגאַנג פון מאַכן פּראָבע ביז שפּילן די פּיעסע ווערט דורכגעפירט זייער האַמעטנע. אין דעם דאָזיקן אַקט באַנוצט זיך שוואַרץ מיט דעם מאָדערנעם טריק (וואָס איז אויך אַ קלאַסישער) אויסצו־מישן די אַקטיאָרן מיטן פּובליקום, אַזוי, אַז מ׳שפּילט אי אויף דער סצענע, אי דאָרט ווו דער צושויער געפינט זיך. אַזאַ שטיק דאַרף דורכגעפירט ווערן גלאַט און פּינקטלעך כדי ער זאָל מאַכן דעם געהעריקן איינדרוק. דאָ אָבער האָט זיך באַשאַפן בלויז אַ מיש־מאַש און אַ געטומל. ס׳איז קאָנטיק, אַז שוואַרץ דער רעזשיסער האָט דאָ ניט באַוויזן צו באַהערשן זיין מאַטעריאַל. דער גאַנצער סוף איז עפּעס אַ ניט־פאַרענדיקטער. די פּיעסע ענדיקט זיך ניט, נאָר זי הערט אויף.

קיינער פון די אַקטיאָרן האָבן ניט באַוויזן אויפצוטאָן דאָס בעסטע אויף וואָס יעדערער פון זיי איז פעיִק. זאָגן, אַז שוואַרץ איז געווען גוט אַלס דער מענעדזשער, מיינט נאָך גאָרניט. שוואַרץ איז אַ גוטער אַקטיאָר, און ס׳וואָלט זיין אַן איבעראַשונג ווען ער זאָל שפּילן שלעכט, אַזאַ ראָל. ער האָט אָבער די ראָל ניט אויסגענוצט. ער איז געווען צו אמתדיק, צו רעאַליסטיש אויף צו זיין אַזוי קאָמיש ווי ער באַדאַרפט זיין. שווייד אַלס דער דיכטער איז געווען ניט מער ווי קאָרעקט, און שווייד קאָן זיין מער ווי בלויז קאָרעקט. גראָד ער האָט אַ פיינעם חוש פאַר גראָטעסק און גראָד אין זיין ראָל האָט זיך געפאָדערט ניט רעאַליזם, נאָר גראָטעסק. מוני ווייזענפריינד האָט אַן איבעריקן מאָל באַוויזן, אַז ער איז אַ טאַלענטפולער שוישפילער. אין די ערשטע עטלעכע בילדער האָט ער פון גאָרניט באַשאַפן אַן אינטערעסאַנטע ראָלע. ער איז אָבער געגאַנגען באַרג אַרונטער צוזאַמען מיט דער ראָל זיינער, צוזאַמען מיט דער גאַנצער שפּיל. אויך איז בערטאַ גערסטען אַלס דעם דיכטערס ווייב געווען קאָרעקט־רעאַליסטיש און אויף אַזויפיל — ניט אינטערעסאַנט און ניט אין דעם פאַרסישן טאָן פון דער גאַנצער שפּיל. יעקב מעסטל האָט זייער אָנגענעם דורכגעפירט אַ קלענערע ראָל פון אַ דאָקטאָר, וועלכער איז אַליין אַ שטיקל שרייבער. אברהם טייטעלבוים אַלס דעם דיכטערס אַ חבר און אַ קאָלעג-דראַמאַטורג, איז געווען גאַנץ צופרידנשטעלנד. אַננאַ אַפּעל האָט דורכגעפירט איר ראָל פון דעם מענעדזשערס ווייב מיט סטיל און טעמפּעראַמענט. קלענערע ראָלן ווערן דורכגעפירט פון וואָלף גאָלדפאַדן, איזידאָר קעשיער, אברהם פישקינד און היימאַן מייזעל.

די גאַנצע שטיק ליידט פון אָנגעוואָרפנקייט. ס׳איז דאָרט פאַראַן צופיל ניט־באַאַרבעטער שטאָף. דער יונגער גאָטעספּעלד ציייגט אַרויס די טבע פון דעם אָנפאַנגער — אַריינצושפּאַרן אין איין פאַרפאַסונג אַלצדינג, וואָס ער ווייסט און קאָן. אָבער די פּיעסע האָט אַ לעבעדיקן נערוו און ס׳איז כדאי זי אויסצובעסערן סיי אין רעזשי און סיי אין טעקסט. און אַפילו ווי זי איז, איז כדאי זי צו זען. ס׳איז אי אַ קאָמישע, אי אַ טשיקאַווע שטיק".

## דער לעבעדיקער שרייבט:

„אין דעם אופן פון אויפנעמען לייכטע זאַכן ביי אונדז אויף דער בינע זיינען אונדזערע „פיינשמעקער" — רומענישע יידן, דאָס מיינט, שווערע עסער. זיי ווילן נאָר שווערע זאַכן, געשטאָפּט מיט פּראָבלעמען, מיט גרויסע סוזשעטן. וועלט־פּראָבלעמען גיב זיי! „פאַוסט" אויף דער בינע! און דערפאַר איז אַפילו אַזאַ עלעגאַנטע זאַך ווי יעוורעינאָווס „הויפּטזאַך", ביי אונדז נישט געגאַנגען... עס איז צו לייכט... צו גרינג צום פאַרדייען... וואָלט עס נאָך אויך נישט געווען קיין גרויסער אומגליק. זאָל זיין „שווערע עסער", אָבער זאָלן זיי שוין עסן!.. איז אָבער די צרה, אַז צו דעם האָבן זיי שלעכטע מאָגנס, קאַליקעס... און ווען מען גיט זיי שוין אַ שווערע זאַך, שרייען דיזעלבע פיינשמעקער, אַז עס נודיעט... מען קאָן נישט אויסזיצן... און זיי ווערן דאַן אַלע אַנאַטאָל פראַנסעס, להבדיל,

וועלכער האָט נישט איבעריקס געהאַלטן פון טעאַטער... און פאַראַן ביי אונדז אַ מין „פיינשמעקער“, גלאַט שטענדיק אַן אומצופרידענער, אַ ברוגזער... וועלכער, ווי עס דריקט זיך אויס גאָרקיס אַ העלד: „ער איז ברוגז אויף דער וועלט, ווי די וועלט וואָלט אים שולדיק געווען אַ רובל און אַ האַלב און גיט אים נישט אָפּ“... יענער, ווי נאָר ער דערזעט אַ לייכטערע זאַך, איז גלייך — קאַראַול! פּע! עס טויג נישט! שמוץ! אַ באַליידיקונג! ביי „ווען שטאַרבט ער“ האָט אָט דער מין אויפגעהייבן אַ געוואַלד, אַז מען האָט דאָ באַליידיקט שרייבער. איך האָב אויך געזען „ווען שטאַרבט ער?“ און איך האָב דאָרט גאָרנישט געפונען אַזוינס און אַזעלכעס, חוץ וויציקייט און גוטמוטיקייט... אַפילו דער וויץ מיטן שפּיי...

גאָטעספעלדס קאָמעדיע איז אַ לייכטע זאַך. און אַלס אַזאַ טאָר מען זי נישט נעמען שווער... די קאָמעדיע האָט פעלערן. דער הויפּט־פעלער, וואָס דער פּאָעט איז נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זיין ריכטיקער געשטאַלט... דער פּאָעט האָט געדאַנפּט זיין די איינציקע ניטש־קאָמישע פיפור אין דער שפּיל, און ער האָט געדאַרפט אָנשרייבן דווקא אַן ערנסטע, פיינע, ליטעראַרישע זאַך, און דער עולם האָט געדאַרפט וויסן, אַז ער האָט עס אָנגעשריבן און ווערן אַ שותף צו זיין צער... ווען נישט, איז דאָך גערעכט דער דירעקטאָר, מר. דריי, וואָס ער רעזשיסירט זי און פּוצט זי צו מיט אַפריקאַנער פּרינצן און תורהלעד און טערקן און באַלעט־טענצערינס... ווייל ער מוז עס דאָך טאָן. דאָס איז, ווי געזאָגט, אַ פעלער, אָבער וואָס־וואָס, קיין מיאוסער טאָן און באַליידיקונג אויף שרייבער איז דאָרטן נישטאָ... גאָטעספעלדס הומאָר איז אַ גוטמוטיק־פּשוטער פון אַ גוטמוטיקן גוטן ברודער... ער טשעפּעט ניש, נישט נאָר קיין קאָלעגן, נאָר אַפילו קיין פרעמדע מענטשן. גאָטעספעלדס הומאָר איז פון דעם מין יתום־הומאָר, וואָס אַז מען גיט אַ טשעפּע, קאָן עס זיך נאָך צעוויינען... און דערצו איז גאָטעספעלד סתם אַ גוט שטייענדיקער מיטגליד פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַריין אויך... און ער וועט נישט גיין קעגן דער קאָנסטיטוציע פון פאַריין... אָבער די הויפּט־מעלה פון ח. גאָטעספעלדס קאָמעדיע איז, וואָס מען לאַכט... אַלע לאַכן!... מען זאָגט, אַז מען האָט אַפילו געזען ענטינען לאַכן... און וואָס ווילט איר נאָך?...

גאָטעספעלדס קאָמעדיע איז אַ שפּילעוודיקע זאַך... אינגאַנצן אָריגינעל, צי נישט — דאָס אַרט מיך נישט. די „הויפּטזאַך“, עס אַמוזירט פיין, לייכט, שפּילעוודיק און עס שאָקירט נישט אמת, ווען מען גייט אַרויס פון טעאַטער, טראָגט מען גאָרנישט אַרויס... אָבער דערפאַר טראָגט מען אויך נישט אַרויס קיין קאָפּווייטיק, און דאָס איז אויך אַ מעלה... גאָטעספעלדס קאָמעדיע ווערט בכלל אויפגעפירט גאַנץ שפּילעוודיק. מאָריס שוואַרץ דרייט אויסגעצייכנט. ווייזענפריינט שנעלט אויך גוט. און די איבעריקע — היימאַן מייזעל, טייטלבוים און מאַדאַם אַפּעל העלפן מיט. אַ ביסעלע שוואַכער איז מאַרק שווייד אַלס דער פּאָעט זלמן, אָבער מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז שווייד אַליין איז אַ פּאָעט אין לעבן. און ווו האָט איר געזען, אַז אַ פּאָעט זאָל פאָרשטעלן גוט אַ צווייטן?!

### י. מאַר שרייבט:

„גאַנץ אומדערוואַרטעט איז דער קונסט־טעאַטער אַרויס נאָך „מאָשקע חזיר“ מיט אַ פאַרס „ווען שטאַרבט ער?“ פון ח. גאָטעספעלד. אין דער דאָזיקער אויפפירונג האָט זיך דער קונסט־טעאַטער נאָך מער אַראָפּגעלאָזן. ח. גאָטעספעלדס שטיק האָט געדאַרפט זיין אַ סאַטירע. די טעמע איז ניט ניי. דיזעלבע טעמע איז שוין אויסגענוצט געוואָרן פון הונדערטער ניט־יידישע דראַמען־שרייבער און פון דעם יידישן דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו אין אַ קאָמעדיע מיטן נאָמען „שקלאַפן פון פאָלק“. אָבער אין ח. גאָטעספעלדס שטיק זיינען דאָ נייע איינפעלע, פרישע, שאַרפע הומאָריסטישע ווענדונגען און זייער געשיקטע סצענישע שמד־שטיק. מען האָט געקאָנט אויסאַרבעטן פון דעם דאָזיקן שפּאַס אַ טומלדיקן און שניידיקן גראָטעסק. דער מאָדערנער טעאַטער גיט זיך אָפּ גראָד זייער פיל מיט דעם מין שטיק, ווייל זיי גיבן אים די פרייהייט צו קאָמבינירן מיט פאַרבן און באַוועגונגען. זיי גיבן אים די מעגלעכקייט צו אַרויסברענגען די קאָמעדיאַנטישע וואַקכאַנאַליע אין איר גאַנצער פראַכט.

אַ גוטער מאָדערנער רעזשיסער וואָלט פון גאָטעספעלדס קאָמעדיע געשאַפן אַ שאַרפע, שניידיקע און גאַליקע סאַטירע מיט איבערטריבענע פאַרביקייט און פאַרשפּיצטער באַוועגלעכקייט. הכלל, ער וואָלט געגעבן אַ קינסטלערישע קאַריקאַטור פון דעם טעאַטער־לעבן הינטער די קוליסן. דער קונסט־טעאַטער האָט אָבער געגעבן אַ געוויינלעכן פאַרס מיט די מאַנירן פון נעשאָנאַל טעאַטער אָדער סעקאָנד עוועניו טעאַטער, מיט ביליקע, ניט קיין פאַרשפּיצטע פּורים־שפּיל מאַניערן. און ווייטער, אין דער צערודערטער, ניט־דורכגעטראַכטער און פלאַכער אויפפירונג בליצן אויף ווי פערל איינציקע ראָלן. די ראָלע פון טעאַטער־דירעקטאָר, מיסטער דרעה און די ראָלע פון דעם פרעס־אַגענט, מיסטער שנעל. מאָריס שוואַרץ האָט געגעבן אַ פרעכטיקע פיגור פון אַ טעאַטער־דירעקטאָר; אַ פלאַכע, אַ נאַרישע, אַ צינישע און נישטיקע באַשעפעניש. שוואַרץ פאַרמאָגט אַ ווונדערלעכן הומאָר. זיין הומאָר איז עפּעס אַ שטיל־בייסנדיקער, עפּעס האָט ער באַהאַלטענע ציין מיט וועלכע ער בייסט אַזוי שאַרף און אַזוי טיף. שוואַרץ האָט אָן אַ פונק רחמנות און לייטזעליקייט געשילדערט דעם בעל הבית פון אַ „קונסט־טעמפּל“. גאַנץ אין זיין נישטיקייט, האַרמאָניש אין זיין צינישקייט און גראָבקייט, אויסגעהאַלטן אין זיין פלאַכקייט און טעמפּקייט, און קינסטלעריש פּיקאַנט מיט זיין חסר־דעהדיקער עם־הארצות. דאָ איז דער אַקטיאָר שוואַרץ געווען באמת גרויס. דערפאַר איז דער רעזשיסער שוואַרץ געווען מוראדיק אומבאַהאָלפן.

און אַ פאַרטנער האָט שוואַרץ געהאַט דעם טיפן מוני וויזענפריינד. מ. וויזענפריינד האָט געשפּילט דעם פרעס־אַגענט שנעל. וויזענפריינד פאַרטיפט יעדע באַשעפעניש, וואָס פאַלט אים אַריין אין די הענט. אין וויזענפריינדס הומאָר שימערט אַלע מאָל אַרויס עפּעס אַ שטילער, נאָגנדיקער אומעט. ער קאָן ניט זיין נאַקעט קאָמיש. ער מוז זיין טראַגי־קאָמיש. איז זיין שנעל ביי זיין גאַנצן קאָמיזם אַ שטיקל טראַגישע פיגור. און עס זיינען דאָ מאָמענטן אין וויזענפריינדס שפּילן, וואָס רירן אייך טיף, אַזוי טיף, אַז אַ טרער רייסט זיך און וויל אַרויס... האָט איר פאַר זיך אַ שפּיל פון צוויי קאָמישע היפּכים — דרעה און שנעל איז אַ שפּיל פון פאַרשיידענע פאַרבן.

פון דער גאַנצער אויפפירונג זיינען דאָ בלויז צוויי ראָלן, דאָס איבעריקע איז ניט־קינסטלערישער טומל און כאַאָטישער געפּילדער. דער קונסט־טעאַטער האָט אַליין דערפילט, אַז די גאַנצע אויפפירונג און איר „מאָדנער“ ערפאָלג פּאַסט זיך ניט אַריין אין קונסט־טעאַטער, און ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַ שטיק, וואָס פּאַסט מער פאַר זיין סאָלידער רעפּוטאַציע, און אַללאַ אַליין ווייס ווי אַזוי שוואַרץ איז געקומען צו פּרץ הירשביינס לעגענדע „שדים וויסן וואָס“.

## אַב. קאַהאַן שרייבט:

„אַן עולם פון שרייבער, טעאַטער־לייט און אַזוי מענטשן איז דיזן מיטוואָך אָוונט געקומען אין שוואַרצס „קונסט־טעאַטער" זען חנא גאָטעספעלדס נייע פּיעסע, „ווען שטאַרבט ער"? מען איז געקומען, מען האָט געזען און מען האָט געלאַכט. אַזויפיל געלעכטער אין איין אָוונט האָבן מיר שוין לאַנג ניט בייגעוווינט. די לוסטיקייט האָט אַרויסגעשאָסן אין „עקספּלאָזשאָנס" [אויפרייסן] פון דעם גאַנצן טעאַטער מיט אַמאָל, און אין ראַקעטן פון פאַרגעשמייכלט. די פּיעסע רופט זיך קאָמעדיע, אָבער אַ קאָמעדיע דאַרף זיין אַ גוט־אָרגאַניזירטע דראַמאַטישע ווערק מיט ערנסט־געמאָלענע טיפּן און סצענעס דורך וועלכע דער לעבן אַליין רופט אַרויס געלעכטער. דאָס שטיק „ווען שטאַרבט ער?" איז ניט פון דיזן סאָרט. פון דראַמאַטישן געביי, פון ליטעראַרישן ווערט אָדער פון קינסטלערישע לאָגיק, איז דאָ ניטאָ וואָס צו ריידן. עס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ בורלעסק, און אַלס אַזעלכעס איז דאָס איינע פון די ערפאָלגרייכסטע זאַכן, וואָס מיר האָבן די לעצטע פּאָר יאָר געזען אויף דער יידישער בינע.

עס איז אַ שטיפעריי פון אָנהייב ביזן סוף, אַ רעצעפּט צום לאַכן, און ווען מעדיצינישע רעצעפּטן וואָלטן צו זייער צוועק געווירקט אַזוי ווי דיזער ווירקט אויף זיין שטייגער, וואָלטן אַלע קראַנקע געזונט געוואָרן. די פּיעסע מאַכט שפּאַס פון די טעאַטער־ביזנעס, פון די שרייבער, פון די מענעדזשערס, פון די שוישפּילער, און דער שפּאַס איז אַ געראָטענער. כמעט יעדע סצענע איז פול מיט האַרציקע פריילעכקייט, און גוטע באַזונדערע וויצן און שטיפערייען פעלט אויך ניט. דער אמתער העלד פון דער פּיעסע איז אוונגנטלעך דער טעאַטער־מענעדזשער דריי. אין דער געשיכטע אָבער איז דער העלד אַ יידישער פּאָעט מיטן נאָמען יאַנקעלעוויטש, וועלכער האָט אויפגעשריבן אַ פּיעסע. יאַנקעלעוויטש נעמט זיך גאַנץ ערנסט, זיך, זיין פּאָעזיע, זיין דראַמע. אַלץ צו וואָס זיין פעדער רירט זיך נאָר צו. ער איז פון די „גאָר היינטיקע". ער איז טריי זיינע קינסטלערישע איבערצייגונגען און ער האָט מוט. אַז מען דאַרף, קאָן ער דעם מענעדזשער אָפּשפּייען גלייך אין פּנים אַריין. ער קאָן און טוט עס. און דיזע טאַט זיינע ברענגט אַרויס דעם גרעסטן שטורם פון לוסטיקייט אין דעם טעאַטער".

### [נאָכן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דער קאָמעדיע:]

„צו דעם געדנק האָט וואַרשיינלעך „סאָנדזשעסטעט" [אָנגערעגט] דער שיקזאַל פון אַנסקיס „דיבוק", וועלכן די טעאַטערן האָבן ניט גענומען אַזוי לאַנג ווי אַנסקי האָט געלעבט און וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס ערפאָלג נאָכדעם ווי דער באַרימטער שרייבער איז געשטאָרבן. (ח. גאָטעספעלד האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין „פאָרווערטס" געהאַט אַ הומאָרעסקע, וועלכע איז געווען געבויט אויף דער זעלבער טעמע). דיזע סיטואַציע איז אין דער פּיעסע „ווען שטאַרבט ער?" אַ פונדאַמענט פאַר אַ גאַנצע רייע פון שפּאַסיקע סצענעס פון וועלכע דער עולם האַלט זיך בוכשטאַבלעך ביי די זייטן לאַכנדיק.

... די ראָלע פון דריי פירט דורך מאָריס שוואַרץ. וועגן זיין שפּילן קאָן נאָר זיין איין מיינונג: וויפל מען האָט אים אַפּלאָדירט און וויפל מען האָט אים געשריען „בראַוואָ", איז אַלץ געווען ווייניק. ער איז איינפאַך געווען פאָרטרעפלעך. ער האָט צו אַרבעטן כמעט פון דעם ערשטן מאָמענט ביז דעם לעצטן מאָמענט, און אין יעדן מאָמענט איז ער אויסגעצייכנט אין דעם פולסטן זין פון דעם וואָרט. שוויד שפּילט די ראָלע פון יאַנקעלעוויטש, דעם דיכטער, און אים קומט אויך אַ וואַרעמער קאָמפּלימענט. כשר פאַרדינט די הויכע אַפּלאָדיסמענטן האָט אויך עני אַפּעל אַלס דרייס אייפערזיכטיקע פרוי, וועלכע טראָגט דעם „פוירסט רייטיקן" נאָמען „רעגינטשע". זי איז אַן אַקטריסע און זי האָט זיך אירע פעסטע איבערצייגונגען, וואָס מען דאַרף שפּילן און ווי אַזוי מען דאַרף שפּילן. איבערצייגונגען אין וועלכע איר מאַן איז מיט איר ניט איינפאַרשטאַנדן. איבערהויפּט האָט זי אַ פעסטע איבערצייגונג, אַז איר מאַן דאַרף ניט האָבן קיין עסק מיט פרעמדע שיינע ווייבלעך, און ווען זי כאַפּט אים מיט מאַדאַם יאַנקעלעוויטש, און זי פאַרשטייט נאָך זיין פּנים, אַז „די קאַץ איז געקראָכן צו דער סמעטענע", קומט אַרויס אַ סצענע אין וועלכע זיי ביידע — שוואַרץ און מאַדאַם אַפּעל — שפּילן אויסגעצייכנט. ביים שלוס פון דער פאָרשטעלונג קומט אַרויס אַ באַלעט־טענצערין. זי טאַנצט, זי קאָקעטעוועט, זי מאַכט העויות, און ווידער לאַכט מען אָן אַ שיעור. די טענצערין איז קיין אַנדערע ווי „רעגינטשע".

מוני ווייזענפריינד האָט פאָרגעשטעלט דעם מיסטער שנעלס סעקרעטאַר. ער האָט די ראָלע ניט צובורלעסקעוועט. ער האָט איר געשפּילט ערנסט, אָבער זיין ערנסטקייט האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ סך פון דעם בעסטן שוישפּילערישן הומאָר, וועלכן די פאָרשטעלונג פאַרמאָגט. אין פילע פון די מאָמענטן איז ער געווען אַזוי גוט, אַז עס האָט זיך די ראָלע געוואָלט באַצייכענען אַלס איינע פון זיינע בעסטע שאַפונגען אויף דער בינע. אַלס דער בוטשער, וואָס שרייבט אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דער עלעקטריק טשעיר", האָט געשפּילט היימאַן מייזעל, און ער איז געווען אָלרייט. עס איז אַרויסגעקומען אַ בוטשער, וואָס האָט געשריבן אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דער עלעקטריק טשעיר" אין אַ בוך אין וועלכן ער פירט די חשבונות פון זיינע קאָסטאָמער [קונדן]. בערטאַ גערסטען האָט געהאַט די ראָלע פון יאַנקעלעוויטש ווייבל און זי האָט אויך געשפּילט גאַנץ גוט. זי האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער ראָלע. מאָמענטנווייז האָט זי ניט געטראָפן דעם ריכטיקן טאָן און איר שפּילן איז געווען פלאַך, אָבער אין סך־הכל האָט זי געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. אַברהם טייטעלבוים האָט געשפּילט אַלס כאַרבין, יאַנקעלעוויטס חבר. מיר האָבן אים געזען אין פּיעסן ווו ער איז געווען פיל געראָטענער ווי אין דיזן פאַל, און מיר האָבן אים געזען אין פּיעסן ווו ער האָט אַרויסגעוויזן טאַלענט. דיזן מאָל איז ער געווען שוואַכער ווי געוויינלעך, דאָך איז זיין שפּילן מיטגעגאַנגען. איזידאָר קעשיער אַלס רעזשיסער, אַברהם פישקינד אַלס אַ קאָמיקער, יעקב מעסטל אַלס אַ דאָקטאָר, אַ ליטעראַט, וואָס דרייט זיך אַרום אין די קיבעצאַרניעס, האָבן געשפּילט צופרידנשטעלנד. מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם יונגענמאַן, וואָס איז אַרומגעפלויגן אויף דער בינע מיט דעם פּאַפּיר, ווו די ראָלן זיינען פאַרצייכנט. זיין נאָמען איז אויף דער פּראָגראַם ניטאָ. ער האָט אָבער געשפּילט, געשפּילט מיט פייער און מיט פאַרשטאַנד".

### ישראל דער יענקי האַלט גאָר שטאַרק פון דער קאָמעדיע:

„שוין אוודאי יאָרן, אַז דער שרייבער פון דיזע שורות האָט ניט געהערט אַזאַ שטורם פון געלעכטער און ניט געזען אַזאַ האַרציקע פרייד אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פון טעאַטער־גייער ווי ער האָט זיך אָנגעהערט און אָנגעזען ביי ח. גאָטעספעלדס „ווען שטאַרבט ער", וועלכע מאָריס שוואַרץ האָט אַזוי געלונגען אויפגעפירט אין זיין קונסט־טעאַטער. עס איז אַן אמתער „טריט" [הנאה] צו פאַרברענגען אַן אָוונט ביי אַזאַ מין לאַך־ספּעקטאַקל,

וועלכער גיט אייך בוכשטאַבלעך קיין אָפּרו צווישן איין אַנלאַכן זיך און דעם צווייטן. דאָס גאַנצע פּובליקום איז אַזוי ווי איינער פון יענע לאַך־רעקאָרדס, וואָס די וויקטאָר קאָמפּאַני גיט אַרויס פון צייט צו צייט, קודם קומט עס לאַנגזאַם אַריינצונאַרן דעם לאַכער, דערנאָך גייט עס „קרעשטשענדאָ“, עס וואַקסט העכער און העכער, און גרויסע מענטשן שעמען זיך ניט אוןווישן מיט די אַרבל די אויגן פון לאַכן. די צושויער קוקן זיך אַלע מאָל איבער איינער מיטן צווייטן צו זען די ווירקונג וואָס עס האָט אויפן צווייטן, אוןביידע שיסן אויפּסניי אויס אין אַ געלעכטער. עס גייט אַזוי ווייט, אַז דער טעאַטער־צושויער בלייבט אַ בעל־חוב. ער קאָן ניט גענוג אָפּלאַכן ביי איין סצענע און ער דערמאָנט זיך שפּעטער, אַז ער איז נאָך שולדיק אַ לאַך און ער גיט דעריבער דעם דאָזיקן לאַך אָפּ אַפילו ווען ער פּאַסט זיך ניט אַריין צום גליק. זיינען אויך פאַראַן איניקע מאָמענטן, וואָס ציִען זיך ווי פון פעך, אַזוי צ. ב., ווען כאַרבין האַלט אין איין איבערחזרן זיין צוגעגעסענעם „רעזיגינירט“, אָדער ווען זלמן הערט ניט אויף סטראַשן, אַז ער גייט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, און טאַקע ווידער אַמאָל שרייבן אַ פּיעסע, א.אַ.וו. און אָט אין דיזע מאָמענטן צאָלט דאָס פּובליקום יענעם חוב־געלעכטער.

דער שרייבער פון דיזע שורות האָט אָפּט דורך דיזע שפּאַלטן געראָטן מאָריס שוואַרץ ער זאָל, פּונקט ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין היינטיקן עלעקשאַן [וואַלן] מאַכן אַ שטיקל קאָמפּראָמיס מיט דעם צד שכנגד [די אַנדערע פּאַרטיי] און אין דעם זכות וועט די קאַסע אים אונטערהעלפן אָנצוהאַלטן זיין קונסט־טעאַטער און ער וועט טאַקע ווייטער געבן דעם עולם ליטעראַטור לעפּלווייז ניט שעפּלווייז, ווי ער האָט ביז איצט געזוכט צוגעבן, אָדער געמיינט, אַז ער גיט. און איצט האָט מאָריס שוואַרץ דערלאַנגט אַזאַ טעאַטער־זאַך אין דעם „ווען שטאַרבט ער?“ פון ח. גאָטעספעלד, וועלכער איז גענוג „ליטעראַריש געזאַנען“ ער זאָל קאָנען מאַכן אַ תל פון אַלעס, וואָס איז שונד, ביליקע מעלאָדראַמע און באַלאַגאַנסקע אָפּערעטן־שטאָף ביים יידישן טעאַטער, און ער איז אין דער זעלבער צייט נאָנט גענוג פון דעם געשמאַק פון פּשוטן טעאַטערגייער ער זאָל אַפילו „מוישען“ קאָנען צוציען. קיין נייעם געדאַנק ברענגט גאָטעספעלד ניט אין דעם שטיק, אָבער ער באַנייט אַלטע געדאַנקן. ער טוט זיי אָן אַ נייע סאָרט מלבושים. דער ערפאָלג פון דעם שטיק באַשטייט הויפּטזאַכלעך אין דעם, וואָס גאָטעספעלד גיט פּלאַסטישע קונסט, געקנאָטענע קונסט, אַזוי צו זאָגן. ער גיט געקנאָטענע בילדער, געקנאָטענע סצענעס, געקנאָטענעם הומאָר. ער נעמט די געוויינלעכסטע זאַכן, די פּשוטסטע ווערטלעך און באַקאַנטסטע וויצן און קנעט פון זיי פיגורן און בילדער, און דאָס מכט דעם עולם לאַכן. גאָטעספעלד ווייס סחורה מיט דער פולער האַנט. פאַראַן צ. ב. אַ ווערטל „ער עסט דעם סוד פון עכטן, פּשוטן פאָלקס־הומאָר און ער דערלאַנגט דיזע מיט די אויגן“. איז דער שרייבער זיכער, אַז גאָטעספעלד וואָלט דערפון געקאָנט מאַכן אַ פיגור, אַז מען זאָל לאַכן דערפון. ער וואָלט וואַרשיינלעך גענומען אַ פּאָר אויגן, אַריינגעשטעלט ציין אין זיי און געצייגט ווי זיי קייען, ווי אויגן עסן. ווער וואָלט ניט געלאַכט ביי אַזאַ סצענע? לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל אַן אַנדער ווערטל: „וואַסער ווערט ניט זויער און אַ נאַר ווערט ניט עלטער“. קאָן גאָטעספעלד נעמען אַ זויערן נאַר און אים אַריינשטעלן אין קאַלטן וואַסער און אויף דיזן אופן דאָס ברענגען אויף דער בינע,

און אַדרבא, פּרובירט, לאַכט ניט! אָדער נעמט דאָס ווערטל „ווענט האָבן אויערן“, קאָן גאָטעספעלד ברענגען אויף דער בינע אַ וואַנט און איר אָנהענגען אַ פּאָר אויערן, און גייט, האַלט זיך צוריק פון געלעכטער! און איר קאָנט ניט לייקענען, אַז ווענט האָבן אויערן? אָדער קאָנט איר לייקענען, אַז אַ מענטש קאָן אַמאָל שלינגען מיט די אויגן? עס איז אמת, דער, וואָס האָט אַמאָל פאַרפאַסט דאָס ווערטל „ווענט האָבן אויערן“, האָט אַ ביסל שטאַרקער געשוויצט פון גאָטעספעלדן. פון פילע הונדערטער יאָרןליידן און צרות האָט ער אויסגעשטודירט, אַז עס זיינען פאַראַן מוסרים [פאַררעטער] אויף דער וועלט, אַז איין מענטש לויערט אויפן צווייטנס לעבן, אַז קוים רעדט מען אַרויס אַ פאַרבאָטן וואָרט, געפינט זיך אַ צווייטער, וואָס ליגט ערגעץ ווו באַהאַלטן און הערט זיך איין א.אַ.וו. און ער האָט גענומען דיזע אַלע טראַגעדיעס און זיי פאַרקערפּערט אין איין קורצן ווערטל: „ווענט האָבן אויערן“ — און אַזאַ ווערטל האָט אויסגעדריקט אַלעס וואָס ער האָט דורך זיין שטודירן און פאָרשן אויסגעפונען. גאָטעספעלד האָט דיזן ווערטל געפונען אַ פּאַרטיקן, און פון אים אויסגעקנאָטן אַ ווירקלעכע פיגור, אַ בילד, וואָס שטעלט פאָר אַן אמת אויף אַ ווילדן וועג. עס איז ווילד און איר מוזט עס דאָך אָננעמען אַלס אַן אמת.

מען ווייס ב. צ., אַז אַ דיכטער, וואָס שרייבט „סימבאָלישע“ פּיעסן איז ביי אַ מעלאָדראַמע־מענעדזשער גערעכנט פאַר אַ „ליטעראַט“, פאַר אַ מענטשן, וואָס טויג ניט אַ קאַץ אַן עק צו פאַרבינדן. עס איז אַזאַ געוויינלעכע דערשיינונג, אַז עס איז שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם טעאַטער־ווערטל „די ליטעראַטור איז אין גלות“. נעמט גאָטעספעלד דאָס ווערטל און קנעט אויס אַ בילד דערפון. איר זעט מיט די אויגן דאָס גלות, וואָס די ליטעראַטור ליידט זיך אָן. מען ווייס, צום ביישפּיל, אַז ווען אַ קאַסע־מענעדזשער כאַפּט אַריין אַ „קוביסטישן“ אָדער „אינזיכיסטישן“ פּראָפעסער און זוכט פון אים צו מאַכן אַ געלט־סוקסעס, טויטעט ער אים. ער טוט אים אָן צרות, וואָס זיינען ממש ווי דער עלעקטריק טשעיר [שטול]. נעמט גאָטעספעלד אַזאַ פּראָפעסער און זעצט אים ווירקלעך אַוועק אויף אַן עלעקטריק טשעיר. היינט, גיי, האַלט זיך צוריק פון לאַכן! מען זאָגט, אַ לייטישער פּראָפעסער קריגט ניט קיין אָנערקענונג. נעמט גאָטעספעלד אַזאַ פּראָפעסער און ווייזט ווי מען בריקעט אים אַרויס פון מענעדזשערס אָפיס. וואָס קאָן נאָך זיין ווייניקער אָנערקענונג? מען זאָגט ביים טעאַטער, אַז אָפט ווערט אַ פּיעסע פּראָדוצירט אַזוי, אַז דער פּראָפעסער אַליין הייבט זי ניט אָן צו דערקענען, נעמט גאָטעספעלד דיזן „זאָג“ און קנעט פון אים אויס אַ בילד. איר זעט מיט אייערע אייגענע אויגן ווי מען נעמט אַ פּיעסע און מען מאַכט פון איר אַ תל, ווי דער פּראָפעסער קומט און ער דערקענט זי טאַקע ניט. מען הערט רק, אַז בוטשערס [קצבים] שרייבן פּיעסן, כאַפּט גאָטעספעלד אַ בוטשער און ברענגט אים אויף דער בינע מיט אַ פּיעסע אַזוי גרויס ווי אַ בוטשערס קלאָץ, מוז מען שוין לאַכן! אָדער נעמט גאָטעספעלדס „מוישע“. מען הערט געוויינלעך ניט אויף ריידן, אַז די מענעדזשערס זוכן נאָר געפעלן „מוישען“, פאַלט טאַקע אַריין אַ „מוישע“ אויף דער בינע און אַלע — דער מענעדזשער און די אַקטיאָרן און אַלע אין און אַרום ביים טעאַטער — זינגען שבחים צו אים. איר“ וועט אָפט הערן אַרום טעאַטער ווי מען זאָגט וועגן אַ געוויסן פּראָפעסער, אַז ער קאָן נאָר האָבן אַ סוקסעס ווען אַ קאַר [וואָגן] וועט אים איבערפאָרן אָדער ווען עס וועט אויף אים אַרויפפאַלן אַ פאַס צוקער און ער

וועט האָבן אַ זיסן טויט, דאַן וועלן די צייטונגען שרייבן וועגן אים, אים מאַכן באַרימט, און זיין „שטיק” וועט זיין אַ גרויסער ערפאָלג. האָט גאָטעספעלד דיזע אויסדריקע אויסגעקנאָטן אין ביל־סוקסעס פון אַ „שטיק” אויף דער סברא, אַז דער פּראָפעסער וועט שטאַרבן און די צייטונגען וועלן ריידן וועגן אים און דאָס „פּאָלק” וועט טומלען נאָך אים און לויפן זען זיין פּיעסע, אַזוי ווי מען איז געלאָפן זען גאָלדפאַדנס „בן עמי” גלייך נאָך זיין טויט. דערביי געלינגט אָבער אויך גאָטעספעלדן אַרויסצוברענגען אַ קאָמישן פלאָנטער, וואָס מאַכט דעם עולם קייכן פון געלעכטער. וואָס מער דער מענעדזשער איז איבערצייגט, אַז דער פּראָפעסער גייט שטאַרבן, אַלץ שטאַרקער איז זיין אַפּעטיט צו קויפן דעם פּראָפעסערס פּיעסע, און וואָס מער דער פּראָפעסער איז איבערצייגט, אַז דער מענעדזשער גייט אויפפירן זיין פּיעסע, אַלץ פּאַוואָליע שטאַרבט ער. אדרבא, ער ווערט געזונט און ער איז גרייט צו גיין זען ווי מען פירט זיין קינד (די פּיעסע) צו דער חופּה.

גאָטעספעלד האָט געטאָן דאָס זעלבע, וואָס דער פּראָפעסער פון דער אומגעהייער ערפאָלגרייכער מוווינג פּיקטשור „די צען געבאָט” האָט געטאָן. מען רעדט דק פון שפּאַלטן דעם ים און אין דיזע פּיטשור זעט איר, אַז דאָס איז ניט בלויז גערעדט, איר זעט מיט די אויגן ווי דער ים שפּלט זיך, און דאָס איז דער סוקסעס פון דער מוווינג פּיקטשור. קיין זאַך קאָן דער גרויסער עולם ניט אַזוי גוט באַגרייפן ווי דאָס וואָס ער „באַגרייפט” מיט די פּשוטע אויגן. די גרויסע מאַסן קוקן ווייניק מיט די „מיינד איי” (דאָס אויג פון מאַרך), ווי דער אַמעריקאַנער דריקט זיך אויס. זיי קוקן מיט די פּשוטע אויגן און זיי גלייבן נאָר וואָס זיי זעען, און גאָטעספעלד, ווייזט אויס, האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען ווען ער האָט זיך כמעט אויסגעהיט פון אידעען און האַנדלונג און נאָר אַריינגעלייגט די „פּלאַסטיק” און זיין „ווען שטאַרבט ער?” און געקנאָטן ווערטלעך און וויצן פאַרן אויג אַנשטאָט פאַרן מאַרך.

אויב גאָטעספעלד האָט אויך געמיינט אַריינצוברענגען האַנדלונג, און אויב זיין צוועק איז געווען ווירקלעך צו באַווייזן, אַז עכט ליטעראַרישע פּראָפעסערס ווערן פאַרפאָלגט פון געלט־מענעדזשערס, האָט ער אַוועקגעהרגעט זיין אייגענעם צוועק, זיין אייגענעם סוזשעט, ווייל דער ליטעראַרישער פּראָפעסער זיינער קומט אַרויס ניט נאָר אַ למך, נאָר אַן אומוויסנדע חיה, אַ בהמה בצורת [אין געשטאַלט פון] אַ פערד, אַ צעריבענע קאַשע, וואָס ברעקלט זיך נאָך ווען מען טוט זי אַריין אין דער זופּ. אויב גאָטעספעלד האָט דיזן לא יוצלח [טויגעניכטס] געמאַכט פאַר זיין „העלד”, און אויב זיין „סימבאָליסטישע” ווערק איז אַ קרבן פון דעם מענעדזשערס געלט־דורשט, איז דאָס געוואָרן דער ריכטיקער קרבן פון ריכטיקן מזבח. ניט נאָר האָט דער מענעדזשער געדאַרפט „פּיקסן” [קאָרעגירן] דאָס „ווערק” (נאָר ער האָט אויך געמעגט „פּיקסן” דעם פּראָפעסער אַזוי, אַז ער זאָל ווירקלעך מער ניט שרייבן. פיל דערציילט אונדז גאָטעספעלד ניט וועגן דעם דאָזיקן „ווערק”, אָבער פון די פּאָר אָנצוהערענישן, וואָס ער גיט אונדז, זעט איר באַשיינפּערלעך, אַז מר. דריי איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט וואָס ער וויל, אַז דער פּראָפעסער זאָל זיך אָפּטראָגן אויף יענער וועלט. דער גאַנצער העלד פאַלט צוזאַמען און מיט זיך שלעפּט ער שוין ממילא מיט די האַנדלונג און דעם צוועק. אויך וואָלט גאָטעספעלד געדאַרפט האָבן אַ „סוף” צו זיין שטיק. עס איז אמת, אַז אויף אַזאַ „העלד” ווי זלמן אינטערעסירט זיך קיינער ניט צו וויסן דעם דאַטום „ווען שטאַרבט ער?” קיינער אינטערעסירט זיך אויך ניט צו וויסן אויב מען שפּילט יאָ דאָס גרויסע, אומבאַוווסטע „ווערק” אָדער ניט, אָבער ווען גאָטעספעלד זאָל אין דיזן „העלד”, און אויך אין זיין ווערק אַריינלייגן עפּעס מער פון דעם „בלוט”, וואָס דער „העלד” צייגט אַרויס אין דעם איינציקן מאָמענט ווען ער שפּייט אָפּ דעם מענעדזשער, וואָלט די גאַנצע האַנדלונג אַן אַנדער פּנים געהאַט און די צושויער וואָלטן דאַן דוקא יאָ געוואָלט וויסן פון אַ געגוייען „סוף”.

דאָס שטיק איז נאָך אין אָנפאַנג פון דער אויפפירונג, און פיל קאָן נאָך געטאָן ווערן פונם פּראָפעסער צו מאַכן אַ טאָלק. אָבער אָפּגעזען פון דער האַנדלונג און דעם צוועק, און באַקענענדיק זיך בלויז מיט דעם פּראָפעסערס הילכנדיקן פאַרס־הומאָר, דורך זיין געלונגענע פאַרקערפּערונג פון אַלטע ווערטלעך און וויצן און דעם קאָמישסטן מין בילדער און סיטואַציעס, מעג מען זיך ריכטן, אַז עס רוקט זיך אַ נייער שטערן אויף דעם הימל פון יידישער קאָמעדיע. מאָריס שוואַרץ און מוני ווייזענפריינד זיינען די צוויי זיילן פון דעם שטיק. דער שרייבער איז זיכער, אַז אַפילו דער פּראָפעסער וועט מיט אים איינשטימען, אַז אָן זייער ווונדערבאַר שפּילן וואָלט זיין שטיק געווען אין גרויס געפאַר. ער דאַרף זיך ווירקלעך שעצן גליקלעך וואָס אַזעלכע צוויי אַרטיסטן האָבן דאָס גענומען אויף זייערע כלים. אָט דאָס איז דער „טיקעט” [פירמע] — שוואַרץ און ווייזענפריינד. דאָס הייסט ניט אונטערדעסן [אין דער זעלבער צייט] אַז אַננאַ אַפּעל און בערטאַ גערסטען זיינען ניט געווען די נעקסטע צוויי אויפן „טיקעט”. וועגן שווידן קאָן דער שרייבער בלויז זאָגן, אַז ער האָט מאָמענטן ווען דער אַרטיסט וואַכט אין אים אויף, אָבער וועגן דעם גאַנצן זלמן, וואָס ער שטעלט פאָר, איז שווער צו זאָגן אויב דער פּראָפעסער האָט אים געקריפּלט און אים געמאַכט פאַר איין איינציקן חלק שטאָל און ניין און ניינציק חלקים בלינצע, אָדער עס איז שווייד אַליין, וואָס האָט דעם פּראָפעסערס אַרבעט פאַרקריפּלט. זאָלן זיי ביידע צווישן זיך „אויספּעכטן” [אויסקעמפן] דעם „קרעדיט” דערפאַר. היימאַן מייזעל שפּילט דעם בוטשער און ער שינדט די ליטעראַטור ביז בלוט. איזידאָר קעשיער האָט אַ ברעקל ראָלעכל, וואָס באַשטייט בלויז אויף האַלטונג און ער האַלט זיך גוט — אויף בײדע פיס. יעקב מעסטל שפּילט אַ יאַלעווע דאָקטאָרל, וואָס האָט זיין „אָפּיס” אין קאַפּעע. דער פּראָפעסער האָט דאָ אָנגעטייט אויף אַן אינטערעסאַנטן טיפּ פון אונדזער געמויזעכץ, אָבער מעסטל האָט עס ניט געכאַפּט. עס קומט אַרויס אַ האַלב־טויטע זאַך. אַברהם פישקינד און וואָלף גאָלדפאַדן דאַרפן זיך משוגע מאַכן, און עס ווייזט אויס, אַז עס קאָסט זיי ניט פיל דאָס צו טאָן. טייטעלבוים נעמט אַוועק יעדן חשק פון יעדן לעבעדיקן מענטשן צו זיין אַזאַ זאַך ווי אַ יידישער שרייבער, איבערהויפּט אַזעלכער, וואָס טראָגט אַ פּיעסע „אונטערן ׳אָרעם׳”.

## א. אַלמי שרייבט:

...„געוואַלד, ווען שטאַרבט ער” פון ח. גאָטעספעלד איז מער ווי אַ קאָמעדיע — ווי די זאַך ווערט באַצייכנט פונם מחבר. ס׳איז אַ סאַטירע. אַ סאַטירע אויפן טעאַטער, אויפן פּובליקום, אַ היבש ביסל אויף די מחברים, אויף דער שרייבערישער משפּחה... נאָר דער עיקרשט — אויפן טעאַטער. גאָטעספעלד איז אפשר אַליין נישט אַזוי פיל אויסן געווען ווי ס׳איז אַרויסגעקומען. ער האָט דעם טעאַטער אונטערגעטראָגן אַ שפּיגל — נישט קיין קרומען — און דאָס טעאַטער האָט זיך אַליין דערזען, אַזוי אָן דער

מאַסקע, אָן גרים און —זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. נעמט זיך דאָך דאָס טעאַטער זייער ערנסט, צו ערנסט — פֿון באַלאַגאַן ביז דער העכסטער טעאַטער־דערגרייכונג. אומעטום דער גרויסער אָנשטעל. שוין נישט סתם טעאַטער. ס׳איז שוין אַ דערציונגס־אַנשטאַלט. דאָס איז אויך שוין צו ווייניק — אַ טעמפּל, אַ קודש קדשים. טו אויס דיינע שיך איידער די גייסט אַהין אַריין. הייליק! הייליק!

געוויס, גאָטעספּעלד איז אויסן געווען דאָס שונד־טעאַטער מיט זיין הפֿקרות. דער עם־הארצישער דירעקטאָר און רעזשיסער, וואָס האָט אין זין איין זאַך — די קאַסע, און איז שטענדיק זיכער, אַז ער קען דאָס פובליקום זיין פובליקום — שניידט ער און טשעלט צו צום דראַמאַטורגס פּיעסע וואָס זיין האַרץ גלוסט, וואָס ס׳פֿאַלט אים איין. ס׳פּאַסט זיך יאָ, צי נישט — דעם עולם איז אַזוי געפֿעלן. אָבער בתוך איז עס דען נישט — אינדירעקט און, ווי געזאָגט, אפֿשר קעגן דעם מחברס ווונטש — אַ סאַטירע אויפֿן טעאַטער אין אַלע זיינע פֿאָרמען און ריכטונגען? מר. דריי האָט דאָך, אייגנטלעך, אויך אַן אידעע, אַ צעשוווּמענע, אַ נישט־קלאָרע און וויל אויף זיין אופֿן ווירקן אויף זיין פובליקום, ווי די טרעגער פֿון די הויך־קינסטלערישע טעאַטער־אידעען ווילן ווירקן אויף זייערע פובליקומס. אומעטום — די אילוזיע. און אונטער אַלע אילוזיעס — די מעכאַנישע אַרבעט. די ברעטער. די בינע־אַרבעטער, דער סטאָליער און דער מעכאַניקער. און ביי אַלעמען איז דער מחבר, צו ס׳איז גוט אָדער שלעכט אַזוי, דער שעיר לעזאַזל. אַ שניט דאָ, אַ שניט דאָרט. אַרויסגעריסן. אַריינגעשטעלט.

אין דרויסן: העל פֿינקלדיקע עלעקטרישע שילדן. מ׳רופֿט דעם עולם אין טעאַטער. ניו־יאָרק, לאָנדאָן, פּאַריז, מאָסקווע, און — ווו נישט? אין טויזנטער טעאַטערס איבער דעם גאַנצן ערדקוגל אַרבעטן מוחות אויף איין געדאַנק — יעדער לויט זיין אידעע, לויט זיינע השגות — ווי צו שאַפֿן אַן אילוזיע פֿאַרן עולם, אים אָפּצורייסן פֿון דער וועלט, ווו ער לעבט 24 שעה אין מעת־לעת און אים אַריינכישופֿן אין אַן אַנדער וועלט, אויף צוויי־דריי־פֿיר שעה. ווו עס געלינגט מער. ווו — ווייניקער. ווו מ׳הייסט דעם עולם פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז טעאַטער און ווו מ׳הייסט אים אין זינען האָבן, אַז ס׳איז טעאַטער־קונסט. סיי ווי אַ כונה, אַן אילוזיע. און פּלוצלינג גיט עמיצער, אַ לץ, אַ צי שטריקל, און ס׳פֿאַלן מאַסקעס. די ליכט־עפֿעקטן טוען זיך אָפּ. די דעקאָראַציעס פֿאַרשווינדן. דאָס טעאַטער באַווייזט זיך נאַקעט, ווי דער קעניג ביי אָסקאַר ווייַלדן, דאַכט זיך. די פּערספּעקטיוו צערינט — ס׳איז גאָר אַ סקלאַד פֿון ברעטער, אָנגעוואָרפֿענע לייוונטן, בלעכענע לבנות און צווישן דעם אַלעמען: אָנגעשמירטע מענטשן, די אַקטיאָרן, וואָס וואַרטן אויף זייער ריי און דערציילן דערווייל וויצן, אָדער קריגן זיך . . .

אפֿשר אומגערעכט צו גאָטעספּעלדן. אַרויס פֿון די ראַמען, וואָס ער האָט געשאַפֿן פֿאַר זיין קאָמעדיע. אָבער כ׳קאָן זיך נישט העלפֿן. אַזוי האָט זיך מיר געפּלאָנטערט אין מח בעת כ׳האָב געזען די דאָזיקע קאָמעדיע שפּילן — ביי שוואַרצן אין „קונסט־טעאַטער“, — און אַזוי בעת כ׳האָב די קאָמעדיע געלייענט.

. . . אַ ריי קאָמישע סיטואַציעס. מיר זעען די רעפּעטיציעס. די הינטער־קוליסן. דעם רעזשיסער ביי דער „אַרבעט“ — ווי ער שטעלט אַריין אין דער דראַמע גאַנצע שטיקער פֿון אַנדערע פּיעסן און אָפּערעטקעס, מיט „טענצע, מערשע און געזענגע“, תורהלע, טערקן, גלעקלעך. דערביי וואַרט ער מיט אומגעדולד אויף דער ידיעה, אַז דער מחבר איז געשטאָרבן. זלמן אָבער שטאַרבט נישט, ווערט גאָר בעסער. קומט צו דער ערשטער פֿאָרשטעלונג און — שטאַרבט שיר אויף אַן אמת . . .

די געשפּרעכן זיינען דורכגעווייקט אין אַ פֿיינעם, איינגעהאַלטענעם הומאָר. מ׳דאַרף עס זען אויף דער בינע אָדער לייענען. אַזוי פֿון דער ערשטער שורה.“



## „שדים ווייסן וואָס“

**דעם 24 נאָוועמבער 1924 ווערט א׳ר פֿון מאָריס שוואַרץ אויפֿגעפֿירט „שדים ווייסן וואָס“ פֿון פּרץ הירשביין, מוזיק — שלום סעקונדאַ.**

**מאָריס שוואַרץ קלערט אויף די מאָטיוון פֿאַרוואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט די פּיעסע און גלייכצייטיק קריטיקירט ער די באַציונג פֿון טעאַטער־עולם צו דער פּיעסע:**

„ווען איך האָב זיך גענומען פֿאַר דער אויפֿפֿירונג פֿון הירשביינס „שדים ווייסן וואָס“ האָב איך זיך שטאַרק פֿאַרליבט אין זיין „מעשה אין זעקס בילדער“ (ווי הירשביין רופֿט זיין פּיעסע) אין פֿאַרלויף פֿון צען וואָכן האָב איך טאָג ווי נאַכט געאַרבעט אויף דער פּיעסע, און די פּראָבן זייען אונדז שוישפּילער קיינמאָל ניט נמאס געוואָרן. עס איז אָנגענומען, אַז ווען מען מאַכט צופֿיל פּראָבן פֿון אַ פּיעסע, פֿאַרלירט מען דעם אינטערעס צו איר און מען וואַרט שוין אויף דעם פובליקום, פֿון אים צו שעפּן אינספּיראַציע. ביי „שדים ווייסן וואָס“ אָבער זיינען די פּראָבן געווען יום־טובדיקע. די שוישפּילער זיינען פֿאַרליבט געוואָרן אין די העלדן, וועלכע זיי האָבן באַדאַרפֿט באַשאַפֿן. אין „שדים ווייסן וואָס„ האָט זיך הירשביין פֿאַרנומען אויף אַ נייעם וועג. הירשביין איז אַ מיסטיקער, אָבער אין „שדים ווייסן וואָס“ האָט ער זיך דערהויבן צו אַ מדרגה, וועלכע איז פֿיל העכער ווי מיסטיק. הירשביין באַשאַפֿט בענקשאַפֿט. ווען מען זעט זיינע „שדים ווייסן וואָס“, הייבט מען אָן צו בענקען. ניט נאָכן וואַלד און טייך אָדער דאָרף בענקט מען, נאָר נאָך עפּעס אומבאַשטימטעס, נאָך עפּעס פֿאַרבאָרגענעס, נאָך עפּעס ליכטיקעס, נאָך עפּעס וואָס שעמירירט ווען מען האַלט די אויגן צוגעמאַכט. ניט אין „פֿאַרוואָרפֿן ווינקל“, ניט אין „שמידס טעכטער“, ניט אין „פּוסטע קרעטשמע“ און אַפֿילו ניט אין „גרינע פֿעלדער“, האָט הירשביין באַשאַפֿן אַזאַ צאַרטע, אידעלע פֿאָרם, אַזאַ נשמה־שפּילעוודיקייט ווי אין „שדים ווייסן וואָס“. הירשביין איז אַוועק אויף דעם מאָדערנעם וועג פֿון דראַמאַטורגן. ער האָט באַשאַפֿן אַ פֿאַרכשופֿטע ליבעס־שפּיל אָן ווערטער; דער וואַלד רעדט, דער טייך רוישט, די טראָסטינעס וויגן זיך, און דער הונט, וועלכער בילט אין דער טיפֿעניש פֿון וואַלד, דריקן אויס מער וויפֿל די גרעסטע דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן אין דער שטאַרקסטער דראַמע.

עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס ווייסן ניט פֿון חלומען און בענקען מיט אָפֿענע אויגן. אָט די מענטשן דאַרפֿן נערוון־ערשיטערונג. זיי פֿילן ניט קיין ווייטיק ביז מען שניידט זיי ניט מיט

אַ מעסער. עס זיינען אָבער אויך דאָ מענטשן, וועלכע קאָנען אינערלעך ליידן ווען זיי זעען אַ קינסטלעריש בילד אין מוזעום. דאָס איז הירשביינס גרעסטע קונסט און ער מעג באמת דערמיט שטאָלץ זיין. פֿילע אָנפֿראַגן קומען אָן פֿון עולם, וואָס ווילן וויסן וואָס באַטייט דער נסתר, וועלכער פּייניקט זיין גוף ביז בלוט און שלעפּט זיך אַרום אין וואַלד און מוסרט וואָלף דעם וואַלד־שומר פֿאַרוואָס יענער פּייפֿט אויף זיין פּייפֿל און טראָגט זיך אַרום מיט בייזע מחשבות. עס איז זייער לייכט צו פֿאַרשטיין, אַז אַפֿילו אין דעם צעווייטיקטן, האַלב־משוגענעם נסתר איז דאָ אַ טיפֿע בענקשאַפֿט. זיין בענקשאַפֿט איז נאָך יידישקייט, ער פּייניקט זיין לייב ביז בלוט כדי מיט זיין בלוט אָפּצוואַשן די זינד מיט וועלכע דאָס יידישקייט איז באַפֿלעקט. עס איז אַ לעגענדאַרע געשטאַלט, וועלכע וואַנדלט אַרום איבער די וועלדער ביי די טייכן, אַ למד־וווניק, וואָס דערלאָזט ניט די שדים פֿון וואַלד צו ברענגען שלעכטס אין יידישע הייזער, אין דער פּערזאָניפֿיקאַציע פֿון רי־טעלען האָט הירשביין געוואָלט בלויז באַשאַפֿן דעם געדאַנק, די פֿאַנטאַזיע, וואָס פֿאַרפֿאָלגט וואָלפֿן, דעם יונגען וואַלד־שומר, וועלכער האָט טיף אין האַרצן פֿיינט זיין כלה רבקה. ער קאָן איר ניט אָפּזאָגן, ווערט ער איר חתן בלויז צוליב כיבוד־אב. אָט דער וואָלף וואַנדלט אום אין וואַלד מיט זיין בענקשאַפֿט נאָך אַן אַנדער מין רבקה נאָך וועלכע זיין האַרץ נאָגט. זיין בענקשאַפֿט באַשאַפֿט אַ ריטעלע, וועלכע וואַקסט צווישן די טראָסטינעס. זיצנדיקביים טייך, הערט ער אַ שטימע, וואָס איז זיין פֿאַנטאַזיע. ריטעלע איז די כלה פֿון זיין האַרץ, פֿון זיין פֿאַרלאַנג. פֿאַר אַ סך מענטשן איז ניט קלאָר די פֿיגור פֿון דער אַלטער זלפּה, וועלכע קומט אַריין אין שטוב און באַקט קיכעלעך. דאָס איז אַ וווּנדערלעכער געדאַנק פֿון הירשביינען. וואָלף האָט פֿאַרלאָרן זיין מוטער ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. די שטוב איז פּוסט, קיין געקעכץ איז דאָרט קיינמאָל ניטאָ. דער אַלטער בענקט נאָך אַ לעפֿל געקעכץ, ברענגט הירשביין אַריין אַן אַלטיטשקע יידענע, וועלכע קומט פֿאַר דער חתונה און ברענגט מיט זיך מיט די פֿרייד, וואָס וואָלפֿס מאַמע וואָלט געקאָנט ברענגען ווען זי וואָלט געלעבט. זי קאָכט פֿאַר זיי, באַקט פֿאַר זיי, בענטשט ליכט און פֿילט אויס דאָס לײדיקע אָרט פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער מאַמען.

די מערסטע טענות קומען פֿון אַ סך, וועלכע קאָנען ניט פֿאַר־שטיין וואָרעם די דריי חברטעס זעען ריטעלען און ריידן מיט איר. מילא, וואָלף זעט זי אין דער פֿאַנטאַזיע, אָבער ווי קומען די מיידלעך צו ריידן מיט איר? מיין אויפֿפֿאַסונג איז פֿאָלגנדע: אַלע דריי חברטעס האָבן ליב וואָלפֿן און יעדע פֿון זיי ווייס, אַז וואָלף ליבט עמיצן אַנדערש, באַשאַפֿט פֿאַר זיי די פֿאַנטאַזיע פּונקט די אייגענע געשטאַלט וועלכע וואָלפֿס פֿאַנטאַזיע האָט געשאַפֿן. ווען זיי קושן זי, האָט יעדע פֿון זיי אַ באַזונדער געפֿיל. פֿאַר איינער שמעקן ריטעלעס באַקן ווי קוויטן, פֿאַר דער צווייטער ווי גראָז און פֿאַר דער דריטער ווי דער טייך, ווייל פֿאַר יעדערער פֿון די מיידלעך שמעקט וואָלפֿס געליבטע פֿון דער פֿאַנ־טאַזיע אַנדערש.

איצט דער סוף פֿון דער מעשה. דער נסתר הייסט וואָלפֿן גיין אין טייך און אָפּגטן ריטעלען, עס הייסט די טראָסטינע, וועלכע ער האָט מקדש געווען. דער נסתר גלויבט באמת, אַז וואָלף האָט מקדש געווען ניט קיין טראָסטינע, נאָר אַ שד, און אַז אַ סך האָבן שוין מקדש געווען שדים, איז גאָרניט קיין נייעס. הירשביין האָט זיך דאָ פּשוט געווענדעט צום פֿאָלקלאָר, צו די פֿאָלקס־לעגענדעס. דאָ פֿאַרענדיקט זיך די „מעשה" ווונדערלעך דראַמאַטיש. דער נסתר זאָגט: „גיי אין טייך ווו דו ביזט פֿריער געגאַנגען ביזן האַלדז און גיב פֿאַר עדות אַ גט". וואָלף גייט אַריין אַהין און ווי ער קומט צו צו דער טראָסטינע וועגן וועלכער ער האָט אַזויפֿיל געחלומט, און זייענדיק רעליגיעז־אָבערגלויביש, פֿול מיט מורא פֿאַרן נסתר און פֿאַר די עדות, פֿילט ער, אַז דאָ ענדיקט זיך און רייסט זיך איבער זיין חלום, זיין פֿאַנטאַזיע, און ער חלשט אין טייך. ווען מען נעמט אים אַרויס, זאָגט ער גע־בראָכן: „פֿירט מיך אַהיים צו מיין ווייב און צו מיין קינד". וואָלף גיט זיך אונטער. ער מאַכט שלום מיטן געדאַנק און ער מוז אויפֿהערן חלומען און פּייפֿן, ווייל עס איז ניט יידיש און מען דאַרף לעבן מיטן ווייב ווי גאָט האָט געבאָטן.

איך האָב אין הירשביינס „שדים וויסן וואָס" געזען אַ ווונ־דערלעכע פּאָעמע, אַ ליד, וואָס ווערט פֿאַרגעשפּילט דורך לע־בעדיקע מענטשן. איך האָב זיך אין הירשביינס „שדים וויסן וואָס" פֿאַרליבט בשעת איך האָב געלייענט דעם מאַנוסקריפּט, ליב געהאַט ווען איך האָב אויף דער אויפֿפֿירונג געאַרבעט און איצט בין איך נאָך מער פֿאַרליבט אין דער פּאָעמע ווען איך שפּיל זי, ווייל זי איז עפּעס מער ווי אַ טעאַטער־פּיעסע".

## דר. א. קאָראַלניק שרייבט:

„צוטראַכטן אַ נאָמען פֿאַר אַ ווערק, וואָס עס זאָל ניט זיין, אַ ראָמאַן צי אַ דראַמע, צי אַפֿילו אַן אַרטיקל, איז אַ שווערע אַרבעט, אָפֿט מאַטערט זיך דער שרייבער אַ לאַנגע צייט ביז ער געפֿינט דעם פּאַסיקן נאָמען. און ווען ער טראַכט אים צו, איז ער ניט תמיד געראָטן. איך בין דערפֿאַר באמת דאַנקבאַר פּרץ הירשביינען פֿאַר דעם, וואָס ער האָט מיר פֿאַרשפּאָרט אַן אַרבעט, צוגעגרייט אַליין אַ נאָמען פֿאַר מיין אַרטיקל, אַ נאָמען, וואָס דריקט אויס אַזוי פּלאַסטיש, אַזוי קלאָר דאָס וואָס איך וויל זאָגן, און אפֿשר אויך דאָס וואָס ער אַליין האָט געוואָלט זאָגן. הירשביין האָט זעלטן געהאַט אַזאַ גוטן איינפֿאַל. אַלע זיינע אַנדערע דראַמען טראָגן אַזעלכע אומבאַשטימטע נעמען: „דער פֿאַרוואָרפֿענער ווינקל", „פּוסטע קרעטשמע", „גרינע פֿעלדער", „נבלה". מען קאָן זיך טראַכטן דערביי וואָס מען וויל. וואָס קאָן ניט פּאַסירן אין אַ פּוסטער קרעטשמע? און ווער קאָן זיך משער [פֿאָרשטעלן] זיין וואָס גרינע פֿעלדער קאָנען אונדז געבן? אָבער דאָס מאָל האָט ער אָנגענומען, ווי מען זאָגט, דעם אָקס פֿאַר די הערנער און אַוועקגעשטעלט אויף זיין נייעסטער דראַמע מיט אַ שטאַרקער, אַנטשלאָסענער האַנט אַ נאָמען, אַ מיינונג, אַ קריטיק, „שדים וויסן וואָס", און האָט דערמיט אַרויסגענומען דעם כלי־זין [געווער] ביים קריטיקער, ביים צושויער. איר ווילט וויסן וואָס די דראַמע וויל, איר ווילט פֿאַרשטיין דעם ענין, איר ווילט אַרויסזיפּן עפּעס אַ סימבאָל, אַ זין, אַ כיון, ענטפֿערט אייך דער דראַמאַטורג „שדים וויסן וואָס", און איר זענט הילפֿלאָז. וואָס קאָנט איר נאָך זאָגן? אפֿשר דאָס איינציקע וואָס מ'וואָלט נאָך געקאָנט מוסיף [צוגעבן] זיין, איז אַ שטיקל וואַריאַציע פֿון די ווערטער, לאָמיר זאָגן: „שדים, זאָלן עס וויסן", אָבער עס איז ניט קיין גרויסער אויפֿטו, אַזוי אָדער אַזוי, עס איז דער אייגענער מין. מען מוז זיך באַציִען ערנסט — אַזוי זאָגט די פּאַטענטירטע ליטעראַטור־קריטיק — צו יעדן ליטעראַרישן ווערק. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס ליטעראַטור איז בעסער פֿון לעבן, אָבער אַזוי איז עס אָנגענומען געוואָרן, און בפֿרט אויף דער יידישער גאַס. און ווער רעדט ווען עס קומט צו דעם



ווערק פון אַ שרייבער מיט אַ נאָמען, מיט אַ פּערפּעסטיקטער רעפּוטאַציע, מיט אַ שרייבער, וואָס איז אַזוי ערנסט, וואָס איראָניזירט קיינמאָל ניט, וואָס שמייכלט קוים־קוים. אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך זינדיקער, זיצנדיק אין שוואַרצס טעאַטער ביי דער פאָרשטעלונג פון הירשביינס „שדים ווייסן וואָס“, האָב איך זיך ניט געקאָנט שטימען אויף דעם ערנסטן טאָן. די גאַנצע צייט האָט זיך מיר געבאָמבלט אין קאָפּ דער באַקאַנטער אַנעקדאָט מיט דעם בחור, וואָס האָט ניט געקאָנט דערציילן קיין וויץ. דער בחור האָט געהאַט אַ טאַטען, אַ שאַרפן ווערטל־זאָגער און אַ קלוגן יידן, פרעגט ער אַמאָל ביי אים: „טאַטע, פאַרוואָס האַלטן דיך מענטשן פאַר אַ חכם?“, „ווייסט פאַרוואָס, איך קאָן ריידן מיט מענטשן, קום, איך וועל דיר ווייזן“. און ער גייט מיט אים אַריין אין אַ קרעטשמע, ווו עס זיצן יידן באַלעבאַטים. „גוטן אָוונט, באַלעבאָסטע. איר ווייסט וואָס איך בין?“. מען הייבט אָן טרעפן, ביז ער זאָגט זיי אויס דעם „סוד“, אַז ער איז הונגעריק, און מען לאַכט. אַ גוטער וויץ. וויל דער בחור נאָכטאָן דאָס אייגענע, קומט אַריין אין קרעטשמע און פרעגט אויך וואָס ער איז, און ענטפערט צום סוף „איך וויל עסן“, און מען לאַכט נאָך אַמאָל, אָבער שוין ניט פונם וויץ.

באמת, גערהאַרדט הויפּטמאַן האָט מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן אַ ראָמאַנטישע דראַמע „די פאַרזונקענע גלאָקע“. אַ גלאָקנגיסער, וואַלד, טייך, שרעטלעך, מכשפות, וואָס ריידן מיט שלעזישן דיאַלעקט, און דערנאָך ראָזענדליין די וואַסער לאַמפּע מיט גאָלדענע האָר, לאָקנד, פאַרלאָקנד, אַ געפּלאָנטערטע, פאַרפּלאָנטערטע זאַך, אַלטע ראָמאַנטיק, און ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער סימבאָליק, געפינט מען דאָרט אַזאַ מאָגערן, אַזאַ אָרעמען, אַזאַ צוועלף אויף אַ טוציקן סימבאָל, אָבער עס איז צום וויינקסטן דאָ וואָס צו זען, איבער וואָס צו טראַכטן. מען הערט אַ רייכע שפּראַך, אַ שיינעם ריטם, קונסטפול־געשליפענע ווערטער. מען קאָן זיך אויף אַן אָוונט אַריינוויגן אין אַ שטימונג פון לעגענדע, פון פאָלקלאָר. אָדער אַן אַנדערע — אַנסקיס „דבוק“, אַ מיטלמעסיקע זאַך, ניט קיין דראַמע, ניט קיין קונסט, אָבער אַ פּאָר אינטערעסאַנטע בילדער: דער משולח, דער רבי, דער מת, אַ פּאָר סצענען, וואָס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק. אָדער נעמט טאַקע הירשביינס דראַמען אַליין; די פריערדיקע, סקעלעטן, אָבער אַ רעטענישדיקן סקעלעטן־שמייכל. איבער דער אייביקער קרעטשמע און דעם אומפאַרמיידלעכן ישובניק ווערט עפּעס אַ שטימונג. איר קאָנט עס אָנרופן מיסטיק, קאָנט זאָגן ראָמאַנטיק אָדער פּאָעזיע, אָבער מאָלט אייך אַ קאָמבינאַציע — הויפּטמאַן, אַנסקי, הירשביין! שטעלט אייך פאָר אַ צונויפגיסן פון ראַוטענדלען, וואָס ווערט אויסגעלייזט פון דעם משולח אין אַ פּוסטער קרעטשמע, און איר מוזט, ווילנדיק ניט־ווילנדיק און מיט דער בעסטער פריינטשאַפט און דער גרעסטער אַכטונג צום שריפטשטעלער — איר מוזט זאָגן: שדים ווייסן וואָס דאָס איז. גוט, לאָמיר זאָגן אַזוי: הירשביין האָט געוואָלט אָנשרייבן אַ באָבע־מעשה, אַ לעגענדע, אַ פאַבל פאַר גרויסע אָדער קליינע קינדער: אַ מעשה פון אַ וואַלד־בחור, וואָס פאַרליבט זיך אין אַ „ריטעלע“, אין אַ מיידל, וואָס איז נעבעך פאַרשאָלטן צו ווערן אַ „טראָסטינע“ און צו לעבן

אין אַ טייך. איך בין שוין לאַנג אַוועק פון די קינדער־יאָרן און האָב שוין אַ ביסל פאַרגעסן די מעשיות, וואָס איך האָב געהערט אין דער קינדהייט, אָבער מיר דאַכט זיך פאָרט, אַז איך האָב שוין אַזאַ מעשה אַ מאָל געהערט. דאָס מאַכט ניט אויס. קינדער האָבן ליב תמיד צו הערן די אייגענע מעשה נאָך אַ מאָל. זיי ווערן ניט מיד. און איך קאָן זיך אויסמאָלן, אַז הירשביין האָט אונדז געוואָלט צוריקפירן אויף אַ ווייל אין דער אַטמאָספערע פון קינדער. מהיכי תיתי [זאָל זיין]. ווען עס וואָלט עמיצער געקומען און דערציילט מיר אויף אַ שיינעם אופן די געשיכטע פון דעם „פויפּסט מיט די צוועלף קעפּ" און פון גזלנאַ און שרעטלעך און ניט־גוטע, וואָלט איך אים זיכער געווען דאַנקבאַר. אָבער ווען מען נעמט אַזאַ אַ נאַיִווע מעשה אָדער לעגענדע, אָדער ווי אַזוי מען זאָל עס ניט אָנרופן, און מען טוט זי אָן אין טלית און תפילין, פאַריידישט דעם וואַלד, פאַרגויִישט דעם יידן, שלעפּט אַריין אַ משונהדיקן יידן מיט אַ צעריסענער קאַפּאָטע און אַ געקנוטעטן שטעקן, וואָס זאָגט מוסר און הייסט דאַוונען און וואַשן זיך פאַרן עסן און נאָך זאָגן שאו ידיכם אויך דערצו, פרעג איך זיך: זיינען שוין יידישע קינדער פון דער וויג אַזעלכע כניאָקעס? קאָן מען אַפילו אין וואַלד זיך ניט באַהאַלטן פאַר דעם משולח? און עס פאַרדריסט מיך באמת אופן הונט, וואָס האָט צעריסן די קאַפּאָטעביים „נסתר", פאַרוואָס ער האָט אים ניט צעביסן אויף טויט.

ווען ניט אָט דער ייד, דער נודניק, וואָלט דאָך אַלצדינג געווען אַזוי גוט, אַזוי לעגענדאַריש. „וואָלף", אָט דער משוגענער וואַלד־בחור, וואָלט אַנטלאָפן פון דער שענקערס טאָכטער, זיין על פי דת משה וישראל־ווייב, און וואָלט אַריין אין טייך צו זיין ריטעלע, און וואָלט זיך באַזעצט אין דער טראָסטינע און געעלטערט זיך דאָרט אין עושר און אין כבוד, און ביידע, דער טראָסטינער און די טראָסטינעכע, וואָלטן אפשר געוואַרט אויף אַ נייעם תיקון, און עס וואָלט געווען שטאָף פאַר אַ נייער דראַמע. אָבער קומט דער ייד, מישט זיך אַריין אין פאַמיליען־לעבן. הייסט וואָלפן געבן אַ גט דער טראָסטינע, און וואָלף גט אָפּ די וואַסער־נימפע, וואַשט זיך, זאָגט שאו ידיכם, און גייט אַהיים צו זיין רבקהלען און ווערט ווידעראַרום אַ כשרער ייד, אַ וואַלד־שומר מיט אַמביציעס. איך בין אים חושד, אַז אין הונדערט צוואַנציק יאָר אַרום, ווען דער שענקער, דער שווער זיינער, וועט שטאַרבן, וועט ער נאָך ירשנען זיין שענק און וועט שוין זיין רב וועלוול. אָדער אפשר האָט טאַקע פאָרט הירשביין געוואָלט זאָגן בערך אַזאַ געדאַנק? אפשר האָט ער געמיינט צו סימבאָליזירן דעם יידן, וואָס טאָר ניט, קאָן ניט, זאָל ניט זיין קיין „וואָלף", טאָר ניט צוגיין נאָענט צו דעם פרימיטיוו, צו דער נאַטור, ערד און וואַסער, צו גאָרניט, אַ חוץ צום הימל? עס קאָן זיין! אָבער אויב מען מוז אין אַ דראַמע טאַקע ניט זאָגן אַלעס אויסדריקלעך, אַ ווונק, אַ רמז, מעג דאָך זיין. ניט אַלע יידן זיינען דאָך מהרש"אס און ניט יעדער וויל זיך און קאָן זיך אָפּגעבן מיט ליטעראַרישן פּלפּול. מילא, איך האָב זייער ליב שאַראַדן, רעטענישן. גיב אָפּט אָפּ פיל צייט אויף אַזעלכע אומזיסטיקע מוח־ברעכענישן, אָבער אַמאָל ווער איך מיד דערפון, און „גיוו אַפּ" [שטעל אָפּ]. איך קאָן ניט לייזן דעם רעטעניש און לאָז עס איבער צו קליגערע אָדער קינדערישע.

אָבער אויב איך קאָן צו הירשביינען סוף כל סוף ניט האָבן קיין שום טענות, צו מאָריס שוואַרצן האָב איך דווקא אַ טענה אַ קינסטלערישע. מיין אַלטע טענה צו שוואַרצן: סטיל־מאַנגל. אויב איר שפּילט שוין אַ באָבע־מעשה, טאָ שפּילט באָבע־מעשה. ניט שדים ווייסן וואָס, ניט אַזאַ מיש־מאַש פון סטיל. שוואַרץ אַליין — וואָלף, דער בחור, וואָס פאַרכשופט אַלע מיידלעך — פאַרוואָס זעט ער פון דעם אָנהייב אָן אויס ווי אַ צעמישטער? אַ שיינער דאַרף ער דאָך זיין, אַ דעמב, אַ וואַלד־מענטש, אַ מין יידישער וואַלד־טייוול, פול מיט גלוסטן, פול מיט כוח, וואָס זעען מיר? אַ בטלן, וואָס וואָלט באַדאַרפט זאָגן אַ קאַפּיטל זוהר און ניט היטן קיין וואַלד. האָט זיך שוואַרץ ניט געקאָנט גרימירן ווי אַ „שיינער"? פאַרוואָס האָט דער אַלטער קעסלער געקאָנט שפּילן אַ בחור פון אייזן אין „יאַנקל בוילע" און פאַרוואָס קאָן דאָס שוואַרץ ניט? פאַרוואָס ווען שוואַרץ שפּילט כלעסטאַקאָוו אָדער דאָן זשואַן, קאָן ער זיך אַזוי שיין גרימירן, און ווען עס קומט צו אַ „נאַטור־מענטש", צו אַ „דעמב", ווערט ער ווי אַ לולב? און ווייטער, וואָס האָט ער געהאַט צו מוני ווייזענפריינד, איז די ראָלע פון דער יידן מיט דער צעריסענער פּלייצע, דער ייד, וואָס גיט אַזעלכע שאו־ידיכם עצות, אַ ראָלע פאַר אַזאַ אַקטיאָר? ניט ער פּאַסט צו איר, ניט זי צו אים. מוני ווייזענפריינד איז נאָך זיין גאַנצער אָרט, אַ שוישפּילער פון לאַנגזאַמע באַוועגונגען, פון אייגנטימלעכע זשעסטן. ער האָט אין זיך מער קאָמיק ווי טראַגיק און ווייניקער פון אַלצדינג סימבאָליק. און דער עיקר, ער האָט אין דער פּיעסע גאָרניט וואָס צו טאָן.

אָדער פרויען־ראָלן? איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס די דאָרפס־מיידלעך פון פאַרצייטיקע יאָרן זיינען געווען געקליידט ווי לכל־הפּחות פאַרמערקעס פון ניו־יאָרק סטעיט. אַלע אַזוי שיין אָנגעטאָן, מיט ווייסע בעקעלעך און גלענצנדיקע לאַקירטע שיכעלעך. עס וואָלט בלויז נאָר געפעלט, אַז זיי זאָלן האָבן געשוירענע האָר, און ווען בערטאַ גערסטען נעמט תיכף, כמעט פון דער ערשטער סצענע אָן, איר געוויינלעכן טאָן און אַזאַ אומגליקלעך־טראַגיש פּנים, ווייסט מען שוין ניט וואָס קאָן נאָך ווייטער פּאַסירן, און פאַרוואָס טאַנצן די דריי פאַרליבטע מיידלעך אַרום וואָלפן אַזוי קדושה־טאַנץ־מעסיק? און פאַרוואָס מוז בינע אַבראַמאָוויטש גיין אָנגעטאָן אין קאָלירטע שמאַטעס, וואָס זעען אויס כמעט ווי באָטיק? און ווי קומט צו אַ דאָרפס־מיידל אַזאַ שיין זיידן שאַלעכל ווי בערטאַ גערסטען טראָגט עס ביים דריטן אַקט? איין סטיל־זינד נאָך דער צווייטער. די איינציקע, וואָס האָט געשפּילט „אין טאָן" איז געווען מרס. אַפּעל, אומגעלומפּערט, אָבער לעגענדאַריש ווי פון אַ ספּור־המעשה מיט אַלטע האַלץ־שניטן. און לאה ראָזען? ווי שיין זי קאָן שפּילן ווען זי האָט וואָס. זי האָט פּלאַסטיק. זי האָט באַוועגונג. זי האָט בייגיקע פינגער און רייִדנדיקע הענט, אָבער זי איז געווען אַזוי איינטאָניק. אפשר ניט איר שולד. זי האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, און דאָרט וווּ זי האָט יאָ געהאַט, האָט איר יידיש געהאַמפּערט.

אַ שאָד, אמת, אַ שאָד! אַזויפיל טרחה [מי], אַזויפיל דעקאָראַטיווע אַרבעט, אַזויפיל פיזישע אַרבעט — די שוישפּילער זיינען געקראָכן אין וואַסער, האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס געזונט. סילפן אָדער ניאַדן האָבן געטאַנצט, און דווקא צוויי מאָל, מוזיק האָט געשפּילט, דער וואַלד האָט גערוישט. אַלצדינג איז געווען אַזוי גוט געמיינט, און אַלצדינג צוליב שדים ווייסן וואָס".

## אב. קאַהאַן שרייבט:

„איך האָב געזען פּרץ הירשביינס פּיעסע „שדים ווייסן וואָס" אויף דער בינע פון שוואַרצס טעאַטער ווו זי ווערט אויפגעפירט אין מיטן וואָך פון דיזן מאָנטיק אָן. די זאַך איז אַ פּאָעטישע

פאַנטאַזיע און די פאַנטאַזיע ער׳נערט שטאַרק אָן געוויסע זאַכן פון דער וועלט־ליטעראַטור: אָן הויפטמאַנס „פאַרזונקענע גלאָקן״. צום ביישפּיל, עס זיינען פאַראַן שיינע שטעלן, וועלכע באַשטעטיקן דאָס וואָס מיר זאָגן אימער וועגן דעם פאַרפאַסער .ער איז אַ באַגאַבטער מענטש און זיין טאַלענט זעט זיך דאָ אויך אַרויס. דאָס קאָן יעדער באַמערקן, אַפילו דער, וואָס האָט זיינע אַנדערע ווערק ניט געזען. אָבער נאָך אַלעמען גלייב איך, אַז דיזן מאָל האָט ער זיך ניט גענומען פאַר זיין זאַך. פּרץ הירשביין איז אַ פּאָעט, אָבער אַ פּאָעט פון דיזער ערד, ניט פון יענער וועלט. ווען ער מאָלט יידישע ישובניקעס, ווי זיי זיינען אין דעם דאָרף אין זייערע „פאַרוואָרפענע ווינקעלעך״, מיט זייערע „גרינע פעלדער״, מיט זייערע אַבערגלויבנס, מיט זייער גראָבקייט און מיט די׳ פּאָעטישע שטראַלן, וואָס ברעכן זיך דורך דורך דיזע גראָבקייט, דאַן איז ער ביי זיך אין דער היים. דאַן שאַפט ער לעבנס־בילדער, דורכגעמישט מיט פּאָעטישע טרוימען, וועלכע אַפּעלירן צו דער איינבילדונגס־קראַפט און לאָזן איבער אַן אָפּקלאַנג ווי׳ פון אַ שיינער מעלאָדיע. דיזן מאָל אָבער איז זיין פּאָעזיע ניט אויף דער ערד, נאָר אויף יענער וועלט. די העלדין איז אַ וואַסער־גייסט, אַ מין גלגול פון אַ זינדיקער מיידל, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן. דיזער גייסט פאַרליבט זיך אין דעם העלד. די פאַרבלאָנדזשעטע נשמה האָט מען באַזעצט אין אַ טראַכטניק, אַ פּוסטער ווייסער שטעקל, וואָס וואַקסט אין וואַסער, און דיזן וואַסער־שטעקל איז דער העלד מקדש מיט דעם רינג, וועלכן ער האָט אָנגעגרייט פאַר רבקהן, זיין ערדישע כלה. ער איז, אַלזאָ, פאַרהייראַט צו דער גייסט־מיידל, צו אַ רוח. ער פאַרלירט זיין אייגענעווירקלעכקייט. ער גייט אַרום ווי אין אַ קראַנקן חלום.

עס איז אַ שיינע מעשה, אויב איר ווילט. ווען דאָס וואָלט איבערגעשריבן געוואָרן אין דער פאָרמע פון אַ פּאָעמע, ניט קיין צו לאַנגע, וואָלט דאָס געווען פיין. אָבער אין דער פאָרמע פון אַ פּיעסע, איז דאָס שרעקלעך לאַנגווייליק טראָץ די פּאָר שיינע עפעקטן, וואָס קומען אַרויס און טראָץ די אויסגעצייכנטע דעקאָראַציעס אויף וועלכע שוואַרץ האָט זיך געלאָזט קאָסטן. די טעמע איז ניט אין הירשביינס ליין [שטייגער] און די זאַך איז ניט פאַר דער בינע.

אַ שיינער שטיקל וואַלד מיט אַ שטיקל פון אַ טייך, מיט אמתע וואַסער, נאַסע, פלוסקנדע וואַסער, אָבער די אמתע וואַסער קאָן ניט באַזייטיקן די טרוקנקייט פון דער פּיעסע אַלס אַ פּיעסע, אַפילו ווען דער עולם וואָלט דורכויס באַשטאַנען פון די העכסט־אינטעליגענטע מענטשן, וואָס מען קאָן געפינען אין ניו־יאָרק, וואָלט די פּיעסע אויך געווען פאַר זיי לאַנגווייליק. וועגן געוויינלעכן באַזוכער איז שוין גאָרני׳ט דאָ וואָס צו ריידן. עס ציען זיך די מינוטן, די שטונדן, נאָר אין אַ פּאָר שטעלן איז עס אינטערעסאַנט פאַרן אויג און פאַרן אויער.

שוואַרץ מיינט גוט. ער וויל שפּילן דאָס בעסטע, וואָס ער קאָן נאָר געפינען, אָבער דערביי מאַכט ער אָפט אַ מיסטייק [טעות]. אָפט קומט אַרויס ניט מער ווי אַ פּרעטענזיע. אין די פּאָר יידישע „קיבערצאַרניעס״, וואָס ניו־יאָרק פאַרמאָגט, געפינען זיך איניקע יונגעלייט, וועלכע צעפּלאָנטערן די פראַגע פון גוטע ליטעראַטור מיט דער פראַגע פון פאַנטאַזיע, אומגעוויינלעכקייט, אומנאַטירלעכקייט. טאָמער איז אַ זאַך ניט נאַטירלעך און שמעקט ניט מיט דעם געוויינלעכן לעבן, נאָר מיט אַ „יענער וועלט״, מיינען זיי, אַז דאָס איז שוין גוטע ליטעראַטור. אין בערלין, פּאַריז און אין מאָסקווע גייען אָן באַוועגונגען וועגן נייע ליטעראַרישע פאָרמען. עס בילדן זיך נייע שולן, זיי האַלטן זיך ניט לאַנג. איינע גייט אַוועק, אַ צווייטע באַווייזט זיך און זי טרעט באַלד אָפּ איר פּלאַץ צו אַ נייע נייעס. אין דיזע אַלע באַוועגונגען נעמען אָנטייל איניקע הויך־טאַלענטפולע מענטשן, אָבער אויף איין טאַלענטפולן געפינט איר אַ גאַנצן ערב רב פון פּוסטע כלים, פון קאַליקעס, וועלכע באַהאַלטן זייער טאַלענטלאָזיקייט אונטער דער מאַסקע פון „נייע וועגן״. די עטלעכע קיבערצאַרניע־יונגעלייט וועגן וועלכע איך רייד דאָ, מאַכן נאָך יענעם ערב רב, און שוואַרץ, ווי׳ עס זעט אויס, געפינט זיך שטאַרק אונטער זייער איינפלוס. די אינטעליגענץ, וואָס ער ווייזט אַרויס אַלס שוישפּילער, און אָפט אויך אַלס רעזשיסער, ווייזט ער ניט אימער אַרויס אַלס אויסקלייבער פון פּיעסן.

אים קומט אַ קאָמפּלימענט פאַר דעם אַרט ווי אַזוי ער פירט אויף „שדים וויסן וואָס״. מיט דעם אָבער וואָס ער האָט דיזע ווערק אַליין שפּילט די הויפּטראָלע, און דאָ קומט אים ווידער אַ קאָמפּלימענט.

וואָס אַנבאַטרעפט די אַנדערע, וואָס נעמען אָנטייל, האָבן זיי, ערשטנס, ניט וואָס צו שפּילן און, צווייטנס, איז דער אָנגעצויגענער כאַראַקטער פון דער פּיעסע אַ גרויסע שטערונג פאַר דעם, וואָס קאָן שפּילן. צום ביישפּיל, די ראָלע פון דער וואַסער־מיידל אויסגעקליבן פאַר זיין בינע, האָט ער געמאַכט אַ מיסטייק. ער האָט פריילין לאה ראָזען, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין גערעדט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. זי האָט טאַלענט און זי האָט אים אַנטוויקלט אויף איינע פון די בעסטע בינען אין איראָפּע. אָבער דאָ קומט איר אויס נאָר צו דעקלאַמירן אָדער זיפצן ווי אַ גייסט פון יענער וועלט. זי איז אַ גוטע שוישפּילערין אויף צו שפּילן אַלס אַ פרוי פון פלייש און בלוט, אָבער ניט אַלס אַ פרוי אָן פלייש און בלוט, אָבער ניט אַלס אַ פרוי אָן פלייש און אָן בלוט. די ראָלע, בלוט, די ראָלע, וועלכע זי האָט, פירט זי דורך אַזוי ווי די ראָלע פאָדערט. זי טוט עס מיט געניטקייט, אָבער עס איז פאַר איר נעבעך קיין ראָלע ניט. אַלס רבקה, דעם העלדס כלה, שפּילט בערטאַ גערסטען. זי איז אין דער ראָלע גאַנץ צופרידנשטעלנד. עס איז אָבער דאָ גאַנץ ווייניק וואָס צו טאָן אין איר.

פאַראַן נאָך צוויי מיידלעך אויף דער בינע, וועלכע לעבן זיך אין דעם פעלד. איינע רופט מען פעשע. דיזע ראָלע האָט געשפּילט יסכה פרענקל. זי האָט אַרויסגערעדט די ווערטער אָן דעקלאַמאַציע, נאַטירלעך און מיט אינטעליגענץ. אַלס די צווייטע מיידל האָט אָנטיילגענומען אַננאַ טייטעלבוים. זי האָט מער דעקלאַמירט, אָבער דאָס האָט איר ניט געשטערט צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק מיט איר האַלטן זיך און מיט דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון איר שפּילן. אַננאַ אַפּעל האָט צוגעגעבן קאָמיזם צו דער פּיעסע, ווען זי איז ערשינען אַלס דעם חתנס מומע, אַ הויכע, לאַנגע ישובניצע מיט אַ לאַנגע דאָרפישע קלייד ביז דער ערד, אָן אַ סטאָון, האָט זי אַרויסגערופן אַ סך געלעכטער מיט איר שטימע און מיט איר מאַניער. צו וואָס זי האָט דעקלאַמירט, איז אייגנטלעך געווען אומפאַרשטענדלעך. געוויינלעך טוט זי דאָס ניט. אפשר איז דאָס די ווירקונג פון דער ניט־ערדישער טעמע: אַן אינהאַלט, אין וועלכן די הויפּט־פיגור איז אַ רוח, פאָדערט דעקלאַמאַציע דורכויס, אַזוי גלייבט זי מסתמא, מאַדאַם אַפּעל. זי האָט אָבער יעדנפאַלס געמאַכט אַ „היט״ [דערפאָלג]. בינע אַבראַמאָוויטש האָט אַ ראָלע פון אַן אַלטער וואַנדערנדער יידענע און זי האָט איר דורכגעפירט זייער גוט, ווי איר שטייגער איז. טייטעלבוים האָט זייער ווייניק

וואָס צו זאָגן. מוני ווייזענפריינד איז פאָרגעקומען אַלס אַ פּרומער, געהיימניספולער ייד, וועלכער פּיניקט זיין לייב פון פרומקייט וועגן. ער זאָגט דעם העלד מוסר און ער טרייעט [באַמיט זיך] אים צו פירן אויפן ריכטיקן וועג, און ענדלעך באַפרייט ער אים פון זיין גלגול דורכדעם, וואָס ער הייסט אים דעם וואַסערגייסט אָפּגטן. ער איז געווען גאַנץ גוט".

## י. מאַר שרייבט:

„נישט דער אַקטיאָר שוואַרץ, ניט דער רעזשיסער שוואַרץ, האָבן ניט דערשפּירט די סצענישע אומבאַהאָלפנקייט פון דעם שטיק, וואָס הייסט „שדים ווייסן וואָס". עס איז ממש אומפאַרשטענדלעך. אַ בלינדער האָט עס געקאָנט אָנטאַפּן. און וואָכן־לאַנג האָט מען דאָס שטיק שטודירט, וואָכן־לאַנג האָט מען אויף אים בר־מינן באַדעקט מיט מאָגערע קינסטלעכע בלימלעך. ניט דער אַקטיאָר שוואַרץ, וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, ניט דער רעזשיסער שוואַרץ, וואָס האָט וואָכן־לאַנג רעזשיסירט דאָס גאַנצע שטיק, האָבן איינגעזען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ סצענישן געאַרבעט און מען האָט ניט באַמערקט, אַז דאָס איז אַ סצענישער בר־מינן. און די פעלערן פון דער דאָזיקער לעגענדע־דראַמע זיינען אַזוי בולט. זיי ליגן אַזוי אָפן, אַז מען דאַרף ניט פאַרמאָגן קיין באַזונדערע מבינות און קיין באַזונדערן קריטישן חוש, אַז מען זאָל זיי באַמערקן. ראשית, האָט דער פאַרפאַסער גענומען אַ קורצע מעשהלע און האָט זי מיט גוואַלד צעצויגן אין עטלעכע אַקטן. און אַזוי ווי עס איז פאַר אים געווען שווער פון דעם עצם סיפּור המעשה אַרויסנעמען שטאָף פאַר אַ גאַנצע דראַמע, האָט ער זיך געהאָלפן מיט די אַלטע, אָפּגעדראָשענע מיטלען — ער האָט פאַרלאַטעט די גרויסע לעכער מיט עפּיזאָדן־סצענעס. זיינען די עפּיזאָדן רעאַליסטישע און פּאַסן ניט צו דער לעגענדע. ערטערווייז האָט ער דאָס רעאַליסטישע געוואָלט פאַרלעגענדעווען און ער האָט דעם רעאַליזם אַריינגעלייגט אין מויל משונהדיקע ווערטער. איז אַרויס עטוואָס אַזוינס, וואָס איז געפּינטלט און געפלעקט, געשטוקעוועט און געלאַטעט.

פּ. הירשביין איז אַ שרייבער, וואָס מען קאָן אים מוחל זיין אויך אַן אומגעלונגענע שאַפונג. דאָס פּאַסירט מיט אַלע שרייבער. פּ. הירשביין האָט זיך זיין ווינקל אין אונדזער וועלטל אין וועלכן ער זעט זייער פיל שיינע, שטילע און האַרציקע אידיליעס. דאָס איז דאָס דאָרף. אמת, דאָס דאָרף האָט געשפּילט אַ קליינע ראָלע אין אונדזער לעבן. מיר זיינען דאָך אין עצם אַ שטאָטיש פאָלק, דורך און דורך שטאָטיש, אפשר צופיל שטאָטיש, אָבער דער ישובניק פאַרנעמט דאָך אַן אָרט אין דעם יידישן פאָלקס־וויץ, אין דעם יידישן פאָלקס־הומאָר. נעמען אָבער דעם דאָזיקן ווינקל פאַרן קוואַל פון יידישן לעבן, פון יידישע פּראָבלעמען און פון יידישן שטייגער, איז עס שווער ווי „צו דורכפירן אַ העלפאַנט דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל". דאָס דאָרף איז אַ שפּליטער, אַ ברעקל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם שטאָטישן לעבן. און פּ. הירשביין, וואָס וויל בשום אופן ניט אַוועקגיין פון דאָרף, שאַדט זיך אַליין מיט זיין עקשנות. ער מוז זיך כסדר איבערחזרן. ער מוז זיך אָנשטויסן אויף די זעלביקע מענטשן און אויף די זעלביקע איבערלעבונגען זייערע. עס איז פאָרט אַ קליין וועלטל, מיט אַ הייפל מענטשן און מיט קליינע, זייער קליינע השגות. האָט איר כמעט אין אַלע זיינע דאָרף־שטיק דיזעלביקע מענטשן און כמעט דיזעלביקע לעבנס־פריידן און לעבנס־קלעמענישן.

איצט האָט פּ. הירשביין נאָך געוואָלט דאָס פּראָבלעם פון ליבע אויסשפּילן צווישן זיינע עטלעכע ישובניקעס. אַגב איז די גאַנצע מעשהלע ניט יידיש. דאָס וואַסער־מיידל איז אַ גויִיש מיידל. ביי רבי חיים וויטאַל איז פאַראַן אַן ענלעכע מעשה נורא און זי איז באמת יידיש, מיסטיש־יידיש. ער דערציילט: אַ בחור איז אַמאָל געגאַנגען אין אַ וואַלד, איז ער מיד געוואָרן און ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן אַ גרויסן, אַלטן בוים. פּלוצלונג האָט ער באַמערקט, אַז אַ פינגער, אַ פינגער פון אַ פרוי טאָרטשעט אַרויס פון דער ערד. צום אָנהייב האָט ער זיך דערשראָקן. דערנאָך איז אים די זאַך טשיקאַווע געוואָרן און ער האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס, האָט ער גענומען זיין פינגערל און האָט אָנגעטאָן אויף דעם פרויען־פינגער, און דאָ איז אַרויס פון דער ערד אַ פרוי און האָט זיך אים געוואָרן אויפן האַלדז מיט די ווערטער: „דו ביזט מיין מאַן, מיין באַשערטער"... דאָס איז די ריכטיקערע ליניע פאַר דער לעגענדע.

צו דעם גרויסן אומגליק פון פּ. הירשביינס שטיק איז נאָך די רעזשי געווען די אומבאַהאָלפנסטע. אַ מיש־מאַש: אַ פּלאָנטער פון רעאַליזם און לעגענדע אויף טריט און שריט, אַ פאַנטאַסטישער וואַלד מיט אַ רעאַליסטיש טייכל מיט אמת נאַסע וואַסער, אַ ריטעלע (וואַסער־מיידל) און פישער, וואָס קומען צום טייכל כאַפּן פיש אויף שבת און ראשית כל זעצן זיי זיך כאַפּן אַ ביס. און דאָ האָט נאָך פּאַסירט דאָס גרעסטע אומגליק — קיין אַקטיאָר האָט ניט געשאַפן קיין ראָלע. שוואַרצס וואָלף איז געווען אַזוי בלאַס, אַזוי בלוט־אָרעם, אַז עס איז פּשוט געווען אַ צער אויפן טאַלענטפולן אַקטיאָר. אַפילו די גרויסע קינסטלערין לאה ראָזען האָט אויסער באַוועגונג גאָרניט געקאָנט אַרויסשיילן פון איר ראָלע.

„שדים ווייסן וואָס" איז דורכגעפאַלן. דאָס אַליין איז נאָך קיין אומגליק ניט. דאָס פּאַסירט אין די בעסטע טעאַטערס. אָבער די אויפפירונג פון דעם דאָזיקן שטיק האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדז בולטער און דייטלעכער, אַז אין קונסט־טעאַטער פעלט דער מענטש מיטן זיכערן טעאַטער־וויסן און מיט דער ריכטיקער ליטעראַרישער מבינות. עס איז קלאָרער געוואָרן, אַז מאָריס שוואַרץ שטעלט צופיל אויף זיך אַליין, און אַז עס איז פּשוט אַן אומגליק פאַר אונדזער בעסערן טעאַטער, וואָס די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, סיי אין דעם אויסוואַל פון די פּיעסן און סיי זייער אויפפירונג, ליגט אויף איין מענטשן, צופיל פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צופיל אַרבעט און צופיל אָנשטרענגונג פאַר איין מענטשן".

## דער לעבעדיקער שרייבט:

„צו דרשנען וועגן אַן אויפפירונג מיט אַ וואָך שפּעטער, נאָכדעם ווי אַלע האָבן שוין וועגן איר געדרשנט, איז אַ חסרון מיט אַ מעלה. אַ חסרון, ווייל מען האָט ביי דיר צעכאַפּט אַלע וויצן (אַפילו דעם געוואַלטיקן וויץ אויפן נאָמען פון דער פּיעסע)... און די לעצטע צייט זיינען ביי אונדז אַלע געוואָרן וויצלער, אַפילו בוכוואַלד. די מעלה, ווייל האָבנדיק ביי זיך די קריטיקן פון די קאָלעגן, איז דאָס אַליין אַ נייער קוואַל פאַר וויצן. נעם איך זיך פריער צו דער מעלה.

פון די אַלע, וואָס האָבן אַרונטערגעריסן הירשביינס „שדים", איז מיר אַמסימפּאַטישסטן אב. קאַהאַן און שכנא עפּשטיין. ערשטנס, ווייל זיי האָבן געשריבן מיט באַציִונג און, צווייטנס, אָן וויצן... די דאָקטוירים אָבער, דר. מוקדוני און דר. קאָראַלניק האָבן זיך אי געוויצלט, אי אָן באַציִונג. זיי האָבן ניט געשריבן וועגן די „שדים",

נאָר זיך אַליין אַרויפגעוואָרפן ווי נישט גוטע... אַזאַ איינדרוק האָט עס געמאַכט. ס׳איז פּונקט ווי ביידע טיטולירטע אונדזערע וואָלטן די גאַנצע צייט געזעסן ביים ראַנד פון וואַלד, מיט דובינעס אין די הענט און געוואַרט ביז הירשביין וועט זיך באַנאַרישן, און, נו, וועלן זיי אים דאַן דערלאַנגען! עך־טי!.. אָבער צו וואָס דאַרף מען עס? און אַז הירשביין האָט זיך באַנאַרישט, איז וואָס? מען קען זאָגן: אויב פּרץ הירשביין האָט זיין פּלאַץ אויף דער יידישער בינע, איז עס דוקא נאָר מיט זיינע באַנאַרישונגען און נאַרישקייטן. און, חכמים, לאַכט נישט פון נאַרישקייטן! אַלע נאַרישקייטן האָבן אין זיך שיינקייט און צויבער און שאַפונג, און אויב מען האָט ליב הירשביינען, איז עס נאָר פאַר זיינע שיינע נאַרישקייטן אָדער נאַרישע שיינקייטן. און, חכמים, וואַרפט זיך נישט מיט נאַרישקייטן! הלוואי וואָלטן מיר פאַרמאָגט אַ סך פון דעם מין נאַרישקייטן. מיר האָבן צופיל קלוגשאַפטן און געקליגלט־קייטן, אָט וואָס!

און „שדים וויסן וואָס" איז פּרץ הירשביינס נאָך אַ נאַרישקייט, אַ קלענערע, צי אַ גרעסערע... (שוואַרץ אַנאָנסירט זי אַלס די גרעסטע...) פּרץ הירשביינס „שדים" איז אַ שיינע נאַרישקייט. אפשר אַזוי שיין ווי זיינע אַנדערע. נאָר צו יענע האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט און צו דער נאָך ניט. ווען מען זאָל געוועןן הערן אונדזערע חכמים, וואָלט מען די „פּוסטע קרעטשמע" און „פאַרוואָרפן ווינקל" אויך נישט געשפּילט, ווייל עס איז געווען נישט גענוג קלוג פאַר זיי. פּרץ הירשביינס „שדים" איז אַ שיינע נאַרישקייט. ס׳איז אפשר שווער צו שפּילן, ווי מען קאָן נישט שפּילן אַ סך שיינע נאַרישקייטן (דערהויפּט ביי אונדז, אַ פאָלק פון כולו חכמים). מען קאָן עס נישט שפּילן, פּונקט ווי מען קאָן נישט שפּילן אַ זון־אונטערגאַנג, דאָס אָטעמען פון אַ קינד אָדער דעם פליטער־פלאַטער פון שמעטערלינג־פליגעלעך. עס איז שווער, אָבער נישט אוממעגלעך. און וואָס קומט הירשביינען און שוואַרצן, ווען זיי האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך עס יאָ צו שפּילן? איך זע אין דעם קיין אומרעכט נישט, קיין סקאַנדאַל אַוודאי נישט... און אויב אַזוי, צו וואָס דאָס אַרויפוואַרפן זיך? פּרץ הירשביינס „שדים" האָבן פעלערן, נו, איז האָבן זיי! אַז מענטשן מעגן האָבן פעלערן, מעגן עס שדים אַוודאי....

פּרץ הירשביינס „שדים" האָט אָבער די מעלה, וואָס עס איז דאָס ערשטע מעשהלע אויף דער יידישער בינע. גוייִש?.. איז וואָס קען מען זיך העלפן? וואָס קאָן מען טאָן, ווען גוייִם האָבן פאַרט פאַרכאַפּט די נאַטור, די לאָנקעס, די וועלדער, די טייכן, די רוסאַלקעס און אַפילו די ליבע? און אַלס ערשט מעשהלע האָט מען עס געדאַרפט דערמוטיקן. מיר האָבן אַזאַ טריקענ־יש אויף דער יידישער בינע, אַ שרעק! און דאָ נעמט אַ מענטש און דערלאַנגט אונדז אַ גאַנצן טייך און אַן אמתן דערצו. „שדים וויסן וואָס" האָט מען געדאַרפט אַנדערש שטעלן. „שדים" דאַרף מען נישט שטעלן, ווי מענטשן. „וואָס ווינציקער מענטש און רעאַליזם!" — דאָס האָט געדאַרפט זיין די מאָטאָ פון דער רעזשי. מען האָט געדאַרפט שטעלן אין אַ בלוי־לבנה־ליכט פון אַ וואַלד־מעשהלע. מען האָט עס געדאַרפט אַזוי ווייזן, אַז מען זאָל עס וואָס ווינציקער זען און דאַן וואָלט מען עס בעסער באַנומען. מען האָט עס געדאַרפט שטעלן ווייט אָפּגעשיידט פון אונדז. וואָס ווייטער, אַלץ בעסער און קלערער. די מענטשן און די „שדים" האָבן געדאַרפט ריידן פון דער טיף און פון דער ווייט. זיי האָבן אַלע געדאַרפט קומען פון מרחקים, פון אַ ווייט לאַנד ווי דער מקובל (ווייזענפריינד און

האָט מען געדאַרפט בלויז הערן און אויך מיט אַ נישט רויִקער שטים... זען זי? חס וחלילה! און אויב שוין זען, איז אין אַ טיל זלפה (אַבראַמאָוויטש)... ריטעלען, דעם גלגול פון דער מעשהלע, אין דער לופט, אין אַ שווים־שוועב, אין אַ גייסט־פאָרם... וואָס ווינציקער לייב און מער טראָסטינע, וואָס ווינציקער פלייש און מער ווירבל און שדים־פלאַטער...

שוואַרץ האָט געדאַרפט נאָך ווינציקער ריידן, שרייען אַוודאי נישט... וואָס מער בוים און ווינציקער מענטש. ער האָט געדאַרפט שפּילן אין קעשיערס טאָן. ער, קעשיער האָט דעם וואַלד־מענטשן געכאַפּט. שוואַרצס שטים האָט געדאַרפט זיין אַ קראַנקע, ווי פון אַ קראַנקן פייגל, אַזוי ווי אַ יונג־אַלטע, אַ פאַרליבטע, ווילד־וואַלדיקע, אָבער נישט קיין מענטשלעכע און שוואַרצישע... שוואַרץ האָט אָפּט געשפּילט מיט אַ הינקעמאַן־שטים. ווי פּאַסט זיך טאָלער צו הירשביינען? אויב שוואַרץ קאָן נישט קריגן די ריכטיקע שטים, טאָ זאָל ער אַריינשטעלן אין די צייטונגען: „אַ שטים פאַרלאַנגט". און דעם ייד, דעם מקובל? אויך אים האָט מען געדאַרפט זען נאָך ווינציקער, ווי, להבדיל, דעם הונט, וואָס וויל אים בייסן. אויך דאָ האָט מען געדאַרפט הערן זיין שטים און זיינע שווערע טריט, אָבער נישט מער. און דעם גט האָט מען געדאַרפט אינגאַנצן אויסלאָזן. צו וואָס קאָנקורירן מיט די היגע רבנים? און פון מיינעט וועגן האָט מען אויף געמעגט אויסשניידן פון די „שדים" דאָס גאַנצע יידישע פּראָבלעם. עס קלעבט זיך אַלצאיינס נישט... די יידישקייט אין „שדים וויסן וואָס" באַהעפט זיך זייער שלעכט מיט דער גוייִשקייט. די רוסאַלקע מיט די תפילין וויקלען זיך נישט... די ענדע האָט געדאַרפט זיין אַ גוייִשע. דערטרינקען האָט זיך דער „וואָלף" געדאַרפט אין וואַסער אַריין! אין וואַסער אַריין! און וואָס שנעלער, אַלץ בעסער... דאָס וואָלט געווען נאַטירלעך אין איינקלאַנג מיט אַלע נאַטור־געזעצן און ליבע־קאָדעקסן... די טומאה האָט געדאַרפט זיגן. זי האָט אים געדאַרפט אַריישלעפן אין וואַסער... ווייל די טומאה זיגט אַלעמאָל... און ווען דער וואָלף דערטרינקט זיך און קערט זיך נישט אום צו דער ווייב, וואָלט די זאַך זייער פיל געוווּנען. מען וואָלט, לכל הפחות, געקאָנט אַוועקגיין מיט אַ האַלבער שעה פריער אַהיים... און דאָך איז פּרץ הירשביינס „שדים וויסן וואָס" אַן אויפטו, אַ חידוש, אַ נייע שיינקייט... עס גיט נאָך אַ רוק אונדזער בינע אַ ביסל טיפער אין וואַלד אַריין, אין דעם שיינעם פלאָנטער פון צויבער־מעשהלעך... עס איז פאָרט דאָס ערשטע מעשהלע ביי אונדז. נו, איז עס נישט קיין „פיער גינט" און נישט קיין „פאַרזונקענע גלאָקע".

**ל. קעסנער שרייבט:**

„ניט קיין דראַמע — זאָגט אונדז די סינאָפּסיס [אינהאַלט] אויפן פּראָגראַם — נאָר אַ פּאָעמע. מיר וועלן זאָגן, ניט קיין דראַמע, נאָר אַ בייקע, אַ סקאַזקע, אַ באָבע־מעשה, אַ שפּיל, אָבער ניט פאַר גרויסע, נאָר פאַר קינדער, אַ קינדער־שפּיל. און מען קאָן אַפילו אויף הירשביינס שפּיל ניט זאָגן דאָס באַקאַנטע וואָרט „אַ טיפער זין ליגט אָפּט אין אַ קינדערישן שפּיל". הירשביינס שפּיל האָט ניט קיין זין. אויב עס איז סימבאָליש, איז זיין סימבאָליק דאָס וואָס היינע רופט „די סימבאָליק פון זינלאָזיקייט". איז די פראַגע: קאָן מען מיט אַ קינדער־שפּיל, וואָס איז נאָך דערצו אָן יענעם „טיפן זין" באַפרידיקן די טעאַטראַלע נייגיר פון דערוואַקסענע? קאָן אַ רייפער דערוואַקסענער מענטש, אַ מענטש, וואָס וויל עפּעס איבערלעבן, זיך מיט אינטערעס צוהערן דריי מיט אַ האַלבער שעה צו דער „מעשה מיט אַ בער און אַ באַביצע" מיט

וועלכער באָבעס שלעפערן אין דריי־יאָריקע איניקלעך? די מערסטע פון די, וואָס האָבן לעצטן מאָנטיק געזען דאָס שטיק, זיינען פון טעאַטער אַהיימגעגאַנגען מיט ליידיקן. „שדים ווייסן וואָס ער וויל" — האָט איינער אונטערגעבורטשעט נאָכן לעצטן פאָרהאַנג. „ווי דענקט איר, ווייסן שוין שדים וואָס?" — האָט מיך איינער איראָניש געפרעג נאָכן צווייטן אַקט. „עפּעס איז דאָרטן גאָרניט ניטאָ. מ'האָט גאָרניט אַריינגעלייגט און גאָרניט אַרויסגענומען" — האָט מיר אַ שכנה אין טעאַטער ערקלערט, אונטערדריקנדיק מיט דער האַנט אַ גענעץ.

קינדער־מעשות זיינען אַמאָל אַ גוטער שטאָף, אַ כישוף־שפּיל („פּיטער פּען") און פאַר אַן אָפּערע („הענזל און גרעטל" פון הומפּערדינג), און דאָס אויך נאָר פאַר קינדער. איך האָב געזען און געהערט „הענזל און גרעטל" אין דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע און האָב שטאַרק הנאה געהאַט — פון מיין קינדס הנאה. מיין פּערזענלעכער פאַרגניגן האָט זיך באַשרענקט אויף עטלעכע וווּנדערשיינע שטיקלעך מוזיק און אויף דער צויבערלעכער דעקאָראַטיווער זייט פון דעם מערכן־שפּיל, און דערביי דאַרפט איר ניט פאַרגעסן, אַז הומפּערדינגס קינדער־שפּיל האָט יאָ יענעם דערמאָנטן „טיפן זין אין קינדערישן שפּיל". עס איז אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג פון קינדער. אויב עס געלינגט דעם שפּיל צו מאַכן פון אונדז, דערוואַקסענע, אויף איין אויגנבליק צוריק קינדער, דאַן איבערלעבן מיר אויך דאָס נעמלעכע וואָס אונדזערע קינדער.

אין הירשביינס שפּיל לעבט איבער אַ דערוואַקסענער, אַ בחור „ווי אַ דעמב" קינדיש־זינלאָזע באָבע מעשה־איבערלעבונגען. דאָס איז אַבסורד. דאָס איז „דיבוק"־אומזין, אַנדערש געשלייערט. דער „דיבוק" איז אַוועק גוט, געצויגן „פּולע הייזער" פאַר לאַנגע וואָכן. פאַרוואָס? ווייל ער האָט אַרום זיך געהאַט: 1) יידיש לעבן, 2) יידישע סביבה, 3) יידישע מיסטיק, קבלה־סודות, וואָס מיסטיפּיצירן נאָך היינט אויך אַ סך יידישע מוחות, 4) יידישן אַבערגלויבן אין וועלכן עס וואָרצלען נאָך היינט אויך אָן אַ צאָל יידישע נשמות, 5) מעכטיקע דראַמאַטישע עלעמענטן: ליבע, שרעק, לייד, אַ קאָנפליקט צווישן געטלעכקייט און מענטשלעכקייט, טיפע אינערלעכע איבערלעבונג. דערצו דאָס וואָס אַפּעלירט אַזוי שטאַרק צום יידישן אויג און האַרצן: רבנים, גוטע יידן, חסידים, אַ שול, אַן ארון קודש, אַ פּרוש, אַ ריקודל, אַ יידישע חתונה א.א.וו. פון די אַלע זאַכן איז אין הירשביינס שפּיל נאָר דאָ דריי: ליבע, לייד און שדים. זיינען צוויי פון די דריי — ניט קיין יידישע. וואָלף ליבט זיין ריטעלע ווי אַ גוי, ווי אַ דאָרף־שייגעץ, דורכויס ערדיש. אין זיין גאַנצן ווויל און ווי געפינט איר ניט קיין שום אַבסטראַקטעס, אידעאַלעס, יידיש־עטישעס. נאָך מער גוייִש איז זיין אָפּן סעקסועלער געפיל־אויסברוך פאַר די צוויי דאָרפס מיידלעך אין צווייטן אַקט. דער „שד" ריטעלע איז אַ דייטשע נימפע, די ראָמאַנטעלעען פון הויפּטמאַנס „פאַרזונקענע גלאָק". יידן האָבן אַן אַנדערן באַגריף וועגן אַ שד. ביי יידן איז אַ שד דער באַגריף פון מיאוסקייט, טומאה, פאַרזעעניש, שרעק. אַ שד קאָן מען ניט זען ווייל מען קאָן ניזוק ווערן פון קוק אַליין, פון זיין שוידערלעכן אָפּשטויסנדן אָנבליק. דאָס האָט אַנסקי פאַרשטאַנען און דערפאַר טאַקע ווייזט ער אונדז ניט דעם שד אין זיין „דיבוק". ער לאָזט אונדז בלויז הערן זיין שטימע, און די איז שוין אויך גענוג שוידערלעך, אָבער אַ שיינער שד, אַ „ניט גוטער", וואָס קאָנצענטרירט אויף זיך די גאַנצע סימפּאַטיע פון צושויער — אַ דאַנק לאה ראָזענס זעלען־פילן־שפּילן — דאָס איז אַזוי פרעמד און צעטומלענדיק, אָפּנאַרעריש, באַטויבונג אָן דערהויבונג. און דאָך פריקרע דעם יידישן גייסט, אַז עס ווירקט אַזש מיסטיפיצירנדיק. קאָן מען ניט פאַרויסזאָגן וואָס פאַר אַ פּסק דאָס שטיק וועט האָבן אויף דער קונסט־בינע. דאָס שטיק האָט אין זיך שיינקייט — דעקאָראַטיווע. אַן אינטערעסאַנטע דעקאָראַציע איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער קאַלקולאַציע פון אַ טעאַטער־קאַסע־קעסטל.

און נאָך אַ וויכטיקע זאַך: דאָס שטיק ווערט גוט געשפּילט, אַן אַ שיעור בעסער ווי אַזאַ „דראַמע" פאַרדינט. הירשביין מעג זיך באַדאַנקען ביי דער „קונסט־טעאַטער"־טרופּע פאַר דאָס וואָס זיי האָבן פון זיין דראַמאַטיש מפּילע געמאַכט. דער גאַנצער אַפּלאָז האָט געגאָלטן זיי. ראשית — לאה ראָזען. ס'איז, גלייב איך, די ערשטע אַקטיוו־דראַמאַטישע ראָלע וואָס זי האָט געקראָגן צו שפּילן פון זינט זי איז געקומען פון ווין צום „קונסט־טעאַטער". פאַר מיר ווייניקסטנס איז דאָס איר ערשטע פּראָבע. אין „דיבוק" האָב איך זי ניט געקאָנט „כאַפּן". לאה ראָזען האָט די פּראָבע אויסגעהאַלטן מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, סיי אין ריטעלע סיי אויסערן ריטעלע, איז זי געווען דאָס צאַרטע וואַסער־ריטל ביים ברעג טייך, „רך כקנה", אין שיינעם קאָנטראַסט צו איר געליבטן „דעמבענעס" וואָלף, „קשה כארז". זי איז געווען אַזוי אומערדיש, אַזוי סילפירן־צאַרט, אַזוי בלומיק, ווינטיק, גרין־וואַסערדיק, שמעקנדיק ווי דער סוד פון דופט פון וואַלד־גראָזן און בעראָזע־וואָרצלען. איר פּנים איז געווען ווי די לבנה פון יונגן פרילינג, אירע אויגן טיף און היפּנאָטיש ווי דאָס מיסטעריעזע טייכל פון אור־וואַלד. ליגנדיק פאַרגייסטיקט אין וואַסער־ריטל האָט איר ווייטיק זיך געבויגן אַזוי דין און אומענדלעך. ס'איז געווען ווי די גאַנצע געבונדענע נאַטור וואָלט זיך געפּיעשטשעט פאַרן באַשאַפער און געבעטן באַפרייונג. מיט אַזאַ ערדיש־איבערערדישער שטימע מוז אָפּריכטן חצות דער בוים אין וואַלד, דער שטיין אויפן גרונט, די וואַסער־בלום, די ווערבע איבערן טייך, די ליליע, וואָס וואַקסט אין איר שאָטן. און אין די מינוטן ווען ריטעלע ווערט מענטשלעך, איז זי ניט קיין מענטש, נאָר אַ הרכבה, אַן אויסטערלישע צוויי־געשטאַלט, וואָס איז אויסגעגאָסן אין איינס. ערדישעס און אומערדישעס מישט זיך אויס און ווערט אַ מאָדנער „קאָמפּאָונד" [צונויפגוס], אַ מענטש־מלאך־טייוול, אַ דענאַטוראַליזירט שטיק נאַטור אָן אַ גראַוויטאַציאָנס־פּונקט. זי שוועבט אַהער, זי שוועבט אַהין, זי וויגט זיך ווי אַ טראָסטענע צווישן ערדישע און איבערערדישע צוציִונגס כוחות. זי איז און זי איז ניט און זי איז ווידער יאָ און ווידער ניט — און אין דיזער טאָפּל כוואַליע פון זיין און ניט זיין ווירבלט דאָס צאַרטע ריטעלע און ליידט, ליידט, ליידט, ליבט און ליידט, ליידט און ליבט, און איר זיצט און קוקט און אייך פאַלט איין היינעס פּערז: איז די לייד גרעסער פון דער ליבע? איז די ליבע גרעסער פון דער לייד? איך גלייב, אַז ביידע זיינען גלייך גרויס. לאה ראָזען האָט דאָס אַלץ אַרויסגעבראַכט, אַרויסגעשפּילט, אַרויסגעפילט. אַלץ, קיין ניואַנס איז ניט געבליבן אומגעצייכנט.

מאָריס שוואַרץ אַלס דער שטאַרקער וואַלד־בחור וואָלף איז געווען דער ווירדיקער פּאַרטנער פון לאה ראָזען. ער האָט מיט זיך אויסגעדריקט קראַפט און דאָרפישקייט און דאָס וואַקסטום פון זיין ליבע און צעטומלעניש איז צוגעגאַנגען נאַטירלעך, מיט שטופּן און שטייגונגען. ער איז ניט געווען אינספּירירנדיק — די ראָלע איז עס ניט — אָבער טראַגיש־מענטשלעך איז ער געווען. ניט אין זיין אומגלויבלעכער באַציִונג צו דעם „שד", נאָר אינדיווידועל, אַלס מענטש, וואָס ליידט, וואָס גייט אַרום פאַרלאָרן,

29-F

זיין אַרבעט, זיין כלה, דערנאָך זיין פֿרוי און קינד, ציען אים צו דער ערד, צו אַלטעגלעכקייט, און ריטעלע ציט אים צו זיך, צו דער טרוים־וועלט. ריטעלע איז גובר. דער טרוים איז שטאַרקער איידער די וואָר. אָבער סוף כל סוף רייסט זיך וואָלף אַרויס פֿון דער טרוים־נעץ. ניט ער אַליין טוט עס, נאָר עמיצער טוט פֿאַר אים. אָט דער עמיצער איז נאָך אַן אויסערגעוויינלעכע באַשעפֿעניש, אַ נסתר, אַ ייד, וואָס האַלט זיך אויף אין וואַלד אַ״ן פייניקט זיין גוף כדי צו לייטערן זיין נשמה. אַ מענטש, וואָס זיין לייב און זיין הונט לעקט אָפּ דאָס בלוט. מיט זיין בלוט שפייזט זיך דער הונט, און דעם הונט דאַרף ער האָבן אום אָפּצולעקן דאָס זיין באַנעמונג שפריצט נעבלהאַפֿטע סימבאָלישקייט. ער בלוטיקט בלוט. דער נסתר איז פֿריער בלויז אַ פֿרומער, מאָדנער ייד, און דערנאָך ווערט ער אַ למד־וואָווניק, אַ נשמה־אַריינדרינגער, אַ סימבאָלישע קעגן־קראַפֿט, וואָס איז גובר דעם כוח פֿון טרוים. ער איז אַ מין דריטער היפּנאָטישער עלעמענט, וואָס אַנטשיידט דעם געראַנגל. דער גרונט־חסרון אין הירשביינס באַלעמעלאַכשאַפֿט איז וואָס ער האָט ניט באַוויזן צונויפֿצושמעלצן דעם פֿאַנטאַסטישן יסוד פֿון דעם שטיק מיט דעם סטיליזירט־רעאַליסטישן. די גאַנצע מעשה דאַרף שאַפֿן די אילוזיע פֿון אַן אמתע מעשה. אָדער, אויב איר ווילט, פֿון אַ פּאָעטיש־מעגלעכער מעשה, אָבער די דאָזיקע אילוזיע איז די גאַנצע צייט אָנגעשטרענגט און אָפּטמאָל ברעכט זי צוזאַמען, און ווען אַ פֿאַנטאַסטישע אילוזיע פּלאַצט, באַקומט זיך גראָטעסק. ווען די גאַנצע מעשה זאָל זיין אַ חלום, וואָלט אַלץ געווען רעכט. וואָלטן די מענטשן געמעגט האַנדלען ווי אומנאַטירלעך, וואָלט ריטעלע געווען פונקט אַזוי רעאַל ווי אריה, ווי וואָלף, ווי רבקה, ווי דער טייך. שילדערט אָבער הירשביין די מעשה אין דעם טאָן פֿון אמתדיקייט, פֿון וואָר, און אין דער וואָרער וועלט פֿלעכט ער אַריין פֿאַנטאַסטישע באַשעפֿענישן. ווי אַזוי, פֿרעגט זיך, קאָן אַנהאַלטן די אילוזיע? ווי אַזוי קאָנען שדים און פּיפּערנאָטערס זיך אַרומדרייען אויף סעקאָנד עוועניו, לאָמיר זאָגן? ווי אַזוי קאָן רבקה בלייבן אַ וואַרע רבקה ווען ריטעלע שטייט נעבן איר? עס גלייבט זיך ניט: דעם לעזער און צושויערס פֿאַנטאַזיע זאָגט זיך אָפּ אויפֿצונעמען אַזאַ מעכאַנישן געמיש פֿון רעאַליסטישע און פֿאַנטאַסטישע וועזנס. ס׳איז באמת אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס הירשביין האָט זיך דאָ ניט באַנוצט מיט דעם פּשוטן מיטל צו שאַפֿן פֿאָרמעלע חלום־בילדער. פֿאַרוואָס זאָל וואָלף ניט חלומען דאָס וואָס ס׳קומט פֿאָר?

ווען איר לייענט דאָס שטיק, זעט איר, אַז ס׳איז ניט אַזוי ליטעראַטור ווי טעאַטער. דער טעקסט איז אינטערעסאַנט און באַטייטונגספֿול בלויז אין צוזאַמענהאַנג מיט די סצענישע עפֿעקטן. די דעקאָראַציעס, די שטימען, די באַוועגונגען פֿון די פּערזאָנען. ווי איר ווייסט, וועט דער „יידישער קונסט־טעאַטער" איינגיכן אויפֿפֿירן „שדים ווייסן וואָס" און ביי הירשביינען און זיינע פֿאַרערער מעג טיאָכקן דאָס האַרץ פֿאַרן סצענישן שיקזאַל פֿון דעם שטיק. ס׳וועט זיך פֿאָדערן עטוואָס אויסערגעוויינלעכעס אין רעזשי אויף בייצוקומען דעם הויפּט־חסרון, דעם פּלאָנטער פֿון ווירקלעכקייט און פֿאַנטאַזיע. הירשביין האָט דעם רעזשיסער פֿאַרגעבן אַ שווער, כ׳האָב מורא, אַן אומעגלעכע אויפֿגאַבע, און ס׳וועט זיין אַן איבעראַשונג אויב מאָריס שוואַרץ וועט זיך ספּראַווען מיט דער אויפֿגאַבע.

איך וויל זיך חלילה ניט מישן אין פֿרעמדע געשעפֿטן, אָבער איך האָף, אַז שוואַרץ האָט גענוי אָפּגעשאַצט אַלע געפֿאַרן און שוועריקייטן, וואָס שטעקן אין דער סצענירונג פֿון אַזאַ דעליקאַטער שטיק. איך ווייס, אַז די טעכנישע שוועריקייט וועט מער גובר זיין. אויף דער סצענע וועט זיין אַ טייך פֿון טויזנטער גאַלן וואַסער מיט די געהעריקע אויסשטאַטונגען. איך ווייס, אַז די טרופּע איז קאָמפּעטענט גענוג צו ראַנגלען זיך מיט ערנסטע ראָלן. ס׳איז אָבער אַ פֿראַגע פֿון גאַנץ האַלטן דאָס שפּיל, פֿון בויען איין זאַך און האַרמאָניזירן אַלע עלעמענטן און ס׳מוז געשלאָסן ווערן דער שווערער שלום צווישן די שרייענדיקע ווידערשפּרוכן. איין פֿאַלשער טאָן, איין האַמעטנער שטריך אין די דעקאָראַציעס, איין גשמיותדיקער ריר מצד דער אַקטריסע, וואָס וועט שפּילן ריטעלען, און דאָס ביסל פּאָעטישקייט קאָן פֿאַריאָגט ווערן, און פֿון דער פֿאַנטאַזיע קאָן ווערן אַ גראָטעסק־שפּיל. די גאַנצע אילוזיע פֿון דעם שטיק האַלט זיך אויף פּאָוועטינע, און פּאָוועטינע איז גרינג איבערצורייסן. און אַפֿילו ווען דער רעזשיסער זאָל באַוויזן פֿריער אויפֿצוטרוימען, דערנאָך אויסצופּלאַנעווען און דערנאָך דורכצופֿירן זיין שווערע אויפֿגאַבע, בלייבט ערשט אַ פֿראַגע צי „שוים ווייסן וואָס" איז אַ וויכטיקער ביטראָג צו אונדזער קונסט־פֿאַרמעגן. מ׳קאָן דערפֿון מאַכן אַ שיינע טעאַטער־שפּיל, און דאָס גופֿא איז עפּעס ווערט. אָבער די גאַנצע זאַך איז דאָך ניט מער ווי שפּינוועב — צאַרט, דין, גרינג און — נוצלאָז. אין אַ וועלט, וואָס רוישט און שטורעמט און באַוועגט זיך מיט אַ משוגענער שנעלקייט, קאָן פּאָוועטינע קיין האַפֿט ניט האָבן, און דער געמיט פֿון מאָדערנעם מענטשן, אָנגעשטעקט מיט דעם געשווינדן טעמפּאָ פֿון אונדזער היינט און מיט דעם האַסטיקן אימפּעט אין דער ריכטונג פֿון מאָרגן, קאָן קוים פֿאַרנעמען אָן פֿאַרדרוס און ווידער־טעם די צאַרט־צאַרטיקע צעצויגענע מעלאָדיעס פֿון דעם פּאַראַפֿראַזירטן נעכטן. הירשביינס פּאָעזיע האָט אַזאַ האַפֿט אַנטקעגן די נייטיקע רעגונגען פֿון היינט ווי שפּינוועב אַנטקעגן שטורם־ווינט".

**דר. א. מוקדוני רייסט שטאַרק אַראָפּ די פּיעסע:**

„פּרץ הירשביין איז ביי אונדז אַן אָנגעזעענער דראַמאַטורג. זאָל די אָנערקענונג, וואָס מען האָט אים געשענקט, בלייבן גאַנץ, אומבאַשעדיקט און אומבאַמערקט פֿון זיין נייעסטער טעאַטער־שטיק, וואָס הייסט „שדים ווייסן וואָס". זאָל עס זיך ניט אַריינפֿלעכטן, זאָל זיך ניט אַריינפּלאָנטערן אין דער פֿאַרדינטער אָנערקענונג, ווייל דאָס דאָזיקע שטיק איז אַן אומגליקלעכער ליטעראַרישער צופֿאַל, ווייל עס איז אַ קינדיש־נאַיווע, קינדיש־אומבאַהאָלפֿענע סצענישע באַשעפֿעניש. געדיכטע, קאָמפּאַקטע אומבאַהאָלפֿנקייט. עס איז אַ שטיק אָן לשון. ווייל עס ריידן, האָט עס קיין ווערטער ניט. אַ פּאָר צענדליק ווערטער פֿאַרמאָגט עס. איר קאָנט זיי ממש איבערציילן אויף די פֿינגער, און טויטע זיינען די ווערטער. קיין פֿונק חיות [לעבן] איז אין זיי ניטאָ. עס איז אַ שטיק אָן סימן פֿון כוח. ווייל עס זיך באַוועגן, מאַכן טריט, קאָן זי ניט, און זי פּויזעט, פּויזעט סאַפּנדיק מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, אַז דיר ווערט אומהיימלעך. עס האָט אַ מעשהלע צו דערציילן, קאָן עס די נוטה למותדיקע [נאָנט צום טויטן] פֿאַנטאַזיע ניט אַרויסברענגען. עס רייסן זיך, עס פּלאָנטערן זיך די שוואַכינקע, די דינע פֿעדעמלעך, קנוילט זיך עפּעס אַ זלידנער, קלעביקער חלום, אַ חלום.

אין „קאָברינס „יאַנקל בוילע" איז אַריין אַ דיבוק, אין אַנסקיס „דיבוק" האָט זיך אַריינגעריסן יאַנקל בוילע. דער משולח אין „דיבוק" לויפֿט אין וויסטע וועלדער זוכן זיין באַקאַנטע מאַדאָנאַ

לאה און ער געפֿינט זי אין אַ טײַכל. אין מיטן טאַנצן אַרײַן וואַסער־מיידלעך מיט נאַקעטע קני, ווערט אַ באַלעט, רחמנא לצלן, יידן קומען געהיימניספֿול כאַפּן פֿיש אויף שבת, וואַקסן אויס מיידלעך און ווערן אַנגעצונדן פֿון אַ בחורס אַ ריטל. ליריק צעגיסט זיך אין זייערע גלידער ווען זיי דערזעען דעם בחורס האַק און זיינע תּפֿילין, זיי ווילן פּייפּן אויפֿן בחורס פּייפֿל, קאָנען זיי ניט. און אַ בעזעם, אַ לאָפּאַטע, טרוקענע בעבלעך, גרויסע שטיוול, פֿאַרנעצטע הויזן, אַ ייד, וואָס דראַפּעט זיין לייב ביז בלוט און זוכט אַ הונט ער זאָל באַלעקן דאָס טריפֿנדיקע בלוט. אַ מומע, אַן אַלטע יידענע, אַ נעץ. און אַלע מענטשעלעך זיינען ווי צוקערדיקע שלח־מנותלעך, זיי באַלעקן זיך פֿון זייער אייגענער זיסקייט. אַלע ליידן פֿון צוקער־קראַנקייט, זיסנקע זיינען זיי. ניט ווערטער לאָזן זיי אַרויס פֿון זייערע מיילער, נאָר לאָליפּאָפּלעך, צוקערלעך. אַ זלידנער חלום. אַזעלכע חלומות זעט מסתּמא אַ צעטומלטער יידישער טעאַטער־באַזוכער. מען מוז זיך אויפֿכאַפּן, אויסרייבן די אויגן, אַז ניט, וועלן מיר פֿליען פֿון טעאַטער אַהיים אויף אַ קאָטשערע.

אַ שרייבער קאָן אַמאָל אָנשרייבן אַ שלעכט ווערק, און מיר ווונדערן זיך גאָרניט וואָס דער גרויסער גאָט, וועלכער האָט באַשאַפֿן אַזאַ געניאַל ווערק ווי דער מענטש איז, האָט אויך באַשאַפֿן אַ ווערעמל. מיר פֿאַרשטייען עס. אָבער פּאַראַד, טומלדיק, קינסטלערישע אויגן־גלאָצעריי. טעאַטראַלע דבקות, קלינגנדיקע בשורות, אַז אַ באַרג גייט צו קינד אַרום אַזאַ אומבאַהאָלפֿן טעאַטערשטיק. דאָס פֿאַרשטייען מיר ניט. וואָס אַזוינס האָט דאָ גערייצט דעם אַקטיאָרישן און רעזשיסאָרישן אַפּעטיט? ווי אַזוי איז דאָס דאָזיקע שטיק אַרויף אויף דער סצענע? זי האָט ניט קיין פּיס, זי האָט אַפֿילו ניט קיין רעדלעך און קיין געזונטע פּרוזשינעס. אַ בעל־גוזמא [איבערטרייבער] האָט אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט געקויפֿט אַן אויטאָמאָביל פֿון אַ פֿירמע מיט אַ זייער גרויסער רעפּוטאַציע. האָט ער זיך געלאָזן פֿאָרן און אַ ראָד איז אַראָפּגעפֿאַלן. דער אויטאָמאָביל איז געפֿאָרן ווייטער. עס איז אַראָפּגעפֿאַלן נאָך אַ ראָד, דער אויטאָמאָביל מאַכט זיך ניט וויסנדיק און לויפֿט ווייטער. הכּלל, עס איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ דריטער ראָד, דער אויטאָמאָביל לויפֿט ווייטער. עס איז אַראָפּגעפֿאַלן די פֿערטע ראָד. דער אויטאָמאָביל לויפֿט. „אויף וואָס איז ער געלאָפֿן" — פֿרעגן אַלע פֿאַרוווּנדערט. „אויף דער רעפּוטאַציע" — האָט געענטפֿערט דער בעל־גוזמא. ניט אַנדערש, אַז די דאָזיקע שטיק גייט אויף דער סצענע אויף דער גוטער רעפּוטאַציע, וואָס הירשביין האָט. דער גאַנצער דראַמאַטישער מעכאַניזם איז דאָ אַ צעשראָקענער. ער קלאַפּט ניט. ער באַוועגט זיך ניט. ער רירט זיך ניט. איינער קומט אַרויף אויף דער סצענע, ווילט זיך אייך אים געבן אַן איבעראַשטן שלום־עליכם, „פֿון וואַנען קומט אַ ייד?, עפּעס מיט אַמאָל ווי פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן"! דאַרף איינער אַוועקגיין פֿון דער סצענע. ער מוז אַוועקגיין, ווייל עס דאַרף אַריינשפּרינגען דער באַלעט, קראַצט ער זיך אין דער פּאַטילניצע. ווי מאַכט מען זיך דאָ אַרויס?, גיט אים דער מחבר אַן עצה: גיי, קלייב שוועמלעך, גייט איינער אַוועק, בלייבט אַ צווייטער און ווייס שוין גאָרניט ווי אַנטקומען צו ווערן פֿון דער סצענע. און דאָרטן שאַרן מיט די פּיסלעך די טענצערינס. שושקעט אים דער מחבר אין אויער אַריין: „גיי, העלף קלייבן שוועמלעך", און כּדי פּטור צו ווערן אויף אַ ווײַלע פֿון צוויי פֿאַרשוינען, קומט אַרײַן אין דער זיידענער לעגענדע אַ מעשה מיט שוועמלעך. דאָס וואַסער־מיידל ריטעלע עסט ניט. זי איז דאָך אַ לעגענדאַרישע פֿיגור. זי וויל בלויז אַ שמעקטאָן דעם ריח פֿון אַ קיכל, באַקט מען פֿון איר כּבֿוד וועגן קיכלעך, אַ סך קיכלעך, און עס קומט אַ לאָפּעטע אויף דער סצענע. פֿאַראַן דאָרט אַ טאַטע, אַ ווילער טאַטע, וואַרפֿט זיך ניט פֿיל אין די אויגן. ער קומט אָפּזאָגן זיינע פּאָר ווערטער פּראָזע און גייט אַוועק. איינמאָל האָט זיך דער טאַטע ניט געכאַפּט, אַז ער דאַרף נעלם ווערן [פֿאַרשווינדן], קומט דער טאַטע קערן די שטוב מיטן בעזעם, און דער זון קערט אויך אַ ביסל, דאָס הייסט — כּיבוד אָב. ווערט אויך איינמאָל אַרויסגעשיקט פֿון דער סצענע אויף דעם

דער העלד וואָלף, דער גאַנצער בעל־הבית אין דעם שטיק, נעמלעכן אופֿן. מען שיקט אים ברענגען שפּענער. דערווייל איז פֿאַראַן אַרבעט אויף דער סצענע, דערווייל איז דאָ פֿעדעם אויף צו פֿלעכטן די לעגענדע. זיינען אַריינגעפֿלאָכטן אין דער לעגענדע אַ בעזעם, אַ לאָפּאַטע, שפּענער און נאָך אַזעלכע לעגענדאַרישע „געגנשטענדע". און אין דער דאָזיקער לעגענדע — אין שטיוול, מיט בעזעמער, מיט שוועמלעך און מיט לאָפּאַטעס, איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַזויפֿיל אַקטיאָרישע אַרבעט, אַזויפֿיל רעזשיסאָרישע ענערגיע און אַזויפֿיל קינסטלערישע געדולד און פּראַצע. גרויסע, קרעפֿטיקע, ברויזנדע אַקטיאָרן האָבן זיך פֿאַרמאָסטן ווי גיגאַנטן צו כאַפּן אַ פֿליג. דער שטאַרקער אַקטיאָרישער קאָלעקטיוו פֿון „קונסט־טעאַטער" האָט זיך גענומען מיט זיינע געזונטע באַק־ציינער צעקנאַקן אַ סעמעטשקע. לאה ראָזען, איינע פֿון די שטאַרקסטע אַקטריסעס אויף דער וועלט־בינע, האָט פֿאַר איר גרויסן קינסטלערישן אַפּעטיט, פֿאַר איר וווּנדערלעכער דיקציע און פֿיינסטע שטים־מיטלען באַקומען אַ קליין בינטעלע, פֿלאַכע, פֿאַרבלאָזע און צעטערפּעטע ווערטער. פֿאַר איר גרויסן טעמפּעראַמענט, וואָס קאָן באַלעבן און שאַרף באַטעמען גרויסע פֿרויען־געשטאַלטן, האָט זי באַקומען אַ מפּילע, אַ לעגענדאַרישע בעיבי [קינד], אַ זייפֿן־בלעזל. האָט איר געזען ווי אַ גרויסער טאַלענט, אַ סצענישער גדול האָט געריסן איבערגעבראָכענע שטרויעלעך. וויפֿל באַוועגלעכקייט, וויפֿל טעאַטראַלע קולטור האָט זיך געריסן און זיך דערהויבן איבער דעם דראַמאַטישן דלות. מיר האָבן דאָ אַ סצענישן אוצר, און מען באַווייזט אים אונדז אַזוי זעלטן און עפּעס ניט אין דער ריכטיקער ראַם.

מאָריס שוואַרץ, דער לעבעדיקער אַקטיאָר, וואָס נעמט אַ ראָלע מיט זיינע אייגענע באַק־ציינער, האָט געמוזט קייען שיטערע ווערטער. ער האָט געמוזט שפּילן אַ צוקערדיקן יאַנקל בוילע. אַלע אַקטיאָרן האָבן געזוכט מיט זייערע אויגן אַ לעבעדיק וואָרט. בערטאַ גערסטען האָט געהאַט דעם בעסטן חלק. איר רבקה איז באַשטימט צו זיין אַ רעדעוודיקע. עפּעס ניט־ווילנדיק האָט זיך פֿאַרשלאָגן אַ שטיקל מענטשלעך האַרץ אין איר, און בערטאַ גערסטען איז אַ ליבער, אַ האַרציקער שלח־מנות. זי און בינע אַבראַמאָוויטש, האָבן ממש מיט איבעראַשנדיקן טאַלענט געלעבט, פֿאַרטיפֿט און באַהנט זייערע מיקראָסקאָפּישע ראָלן, וואָס קלעבן זיך אַזוי ווייניק צו דער גאַנצער לעגענדע. איזידאָר קעשיער האָט אויף זיינע ברייטע אַקטיאָרישע פּלייצעס געטראָגן נעבעך אַ ריטעלע, האָט ער געפֿונען איין וואָרט: „איך וועל אים אויסשטראָפֿן", האָט אין אים אַריינגעלייגט אַזויפֿיל מענטשלעכע ליבלעכקייט און גוטסקייט. מער קיין עכטע ווערטער האָט ער נעבעך ניט געהאַט. ווייזענפֿרייינד האָט דעם ביטערסטן חלק אין דער פּיעסע. ער דאַרף משולחן ווי אין „דיבוק", און דאָס איז אַזוי באַנאַל פֿאַר דעם טיפּן, אָריגינעלן ווייזענפֿרייינד, די מיידלעך,

פֿאַרזיסטע גלגולים פֿון די פֿריערדיקע הירשביין־דראַמעס, האָבן זיך געליאַלקעט חנודיק. אַננאַ טייטעלבוים מיט ווייבערישן רייץ און מיט אַ ביסל קאַפּריז, יסכה פֿרענקל, פֿאַרן אָנהייב ניט שלעכט. אַברהם טייטעלבוים, אַזאַ פֿיינער אַקטיאָר, און וואָלף גאָלדפֿאַדן, האָבן אַ מאָדנע קינסטלערישע אויפֿגאַבע; פֿאַרקאַטשן די הויזן און נעצן די פֿיס אין וואַסער. אַ חוץ דעם נאָך אַ פּאָר ווערטער פֿון וועלכע עס ווערט אייך ניט קאַלט און ניט וואַרעם. דאָס געמלעכע, אַ ביסל אויף אַן אַנדערן שטייגער, האָט צו טאָן שטראַסבערג.

האָט איר אַ שטיק אין וועלכן גרויסע טאַלענטפֿולע אַקטיאָרן זיינען אינגאַנצן אַרבעטסלאָז. אַ מוראדיקע אַרבעטסלאָזיקייט פֿאַר אַלע אַקטיאָרן. אַ שאָד, וואָס די מאַמע יוניאָן זאָרגט ניט פֿאַר דעם מין אַרבעטסלאָזיקייט. דאָס איז דאָך אמתע אַרבעטסלאָזיקייט, און צד באַוווּנדערן איז די ענערגיע פֿון מאָריס שוואַרץ. אַ תהום פֿון אַרבעט האָט ער אַריינגעלייגט אין דעם שטיק. ער האָט אויפֿגעבויט אַ גרויסן דעקאָראַטיוון בנין. אין דעם האָט זיך באַדאַרפֿט באַוועצן עפּעס אַ ברייטע, פֿעסטע דראַמע, אַ צעבליטער טעאַטער־שפּיל, און עס איז אַריין אַן עופֿהלע. זעט מען ניט אין דער דעקאָראַטיווער ברייטקייט דעם אמתן שכן — די דראַמע".

**כ. גאָרין באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם צי דער סוזשעט פֿון „שדים וויסן וואָס" איז ניי, און צי דאָס איז דער וויכטיקסטער ענין אין אַ פּיעסע:**

„מען האָט אויפֿגעוואָרפֿן, וואָס אין „שדים וויסן וואָס" איז די טעמע ניט קיין נייע. דאָס איז קיין חסרון ניט. דער אמת איז, אַז אַלע טויזנטער און טויזנטער דראַמעס, וואָס מען שפּילט אין טעאַטער, פֿאַרמאָגן נאָר אַ קליינע צאָל טעמעס. אַ בעל־חשבון האָט זיך שוין אַמאָל גענומען אויסצורעכענען פּינקטלעך וויפֿל אַזעלכע טעמעס זיינען פֿאַראַן, און ער האָט ניט געקאָנט אָנציילן קיין גאַנצע דרייסיק. און די פֿראַגע איז ניט צי די טעמע איז אַן אַלטע, נאָר וואָס פֿאַרע חדוש [נייקייט] דער פֿאַרפֿאַסער האָט אויפֿגעטאָן. אַ נייער איינפֿאַל, אַ נייער קנייטש, אַ נייע באַהאַנדלונג, אַ נייער באַלייכטונג, דאָס איז, וואָס מען זוכט אין אַ ניי ווערק. און דעריבער איז ניט די פֿראַגע, אַז עמיצער האָט זיך שוין פֿריער באַנוצט מיט דער „טעמע" אָדער מיטן סוזשעט פֿון „שדים וויסן וואָס". נאָר וואָס פּרץ הירשביין האָט דאָ אויפֿגעטאָן.

הגם די טעמעס און סוזשעטן פֿון דראַמעס זיינען באַגרענעצט אין צאָל, דאָך איז ניט געמיינט, אַז כמעט אַלע פּיעסן זיינען ענלעך איינער אויף דער צווייטער. יעדער נייער איינפֿאַל, יעדע נייע סיטואַציע, יעדעס נייע בילד, גיט יעדער פֿון די פּיעסן גאָר אַן אַנדער פּנים און אַן אַנדער אינהאַלט. אַ גוטן ביישפּיל דערפֿון האָבן מיר געהאַט טאַקע פֿון פּרץ הירשביינס קאָמעדיע „אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל". ווי באַקאַנט, איז דאָס דער אַלטער „ראָמעאָ און דזשולעט"־סוזשעט, אָבער אויסער דעם, וואָס דאָ און ווי דאָרטן איז אַ ליבע צווישן אַ יונגער מיידל און אַ יונגן בחור, און אַז אירע עלטערן זיינען די שונאים מיט זיינע עלטערן, איז דאָ מער קיין ענלעכקייט ניטאָ. די ליבע איז דאָ אַן אַנדערע, און די גאַנצע אויפֿפֿאַסונג איז אַן אַנדערע. ביי שעקספּיר'ן איז דאָס געווען אַן אמתדיקע טראַגעדיע, און דאָ איז דאָס געוואָרן אַ פֿריילעכע קאָמעדיע. עס איז ניט שווער צו זען, אַז הגם די טעמע איז די זעלביקע, זיינען זיי אָבער גאַנץ פֿאַרשיידענע פּיעסן און אײנע האָט לחלוטין גאָרניט צו טאָן מיט דער צווייטער. און מען דאַרף ניט מיינען, אַז דאָס איז דערפֿאַר, וואָס „ראָמעאָ און דזשולעט" איז געווען אַ טראַגעדיע און „אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל" אַ קאָמעדיע. מיר וועלן ברויכן דעם זעלביקן ביישפּיל ווייטער. זיידער הירשביין האָט אָנגעשריבן די דערמאָנטע קאָמעדיע, האָט מען שוין אויף דער יידישער בינע אָפּגעשפּילט גאָרדינס „ברידער לוריע". דאָס איז אויך געווען אַ שטיק אויפֿן סוזשעט פֿון „ראָמעאָ און דזשולעט", אָבער זי איז אַזוי פֿאַרשיידן פֿון שעקספּירס טראַגעדיע און פֿון הירשביינס קאָמעדיע, אַז עס איז ניטאָ קיין איינציקער פּונקט אויף וועלכן זיי זאָלן זיך באַגעגנען, אַ חוץ ווי געזאָגט פֿריער, וואָס דאָ איז אַ ליבע צווישן אַ מיידל און אַ בחור און די עלטערן פֿון ביידע צדדים זיינען זיך דם־שונאים".

**ביי אַן אַנדער געלעגנהייט פּרוּווט גאָרין אויפֿקלערן ווי אַזוי דאָס „קונסט־טעאַטער" איז געקומען אויפֿצופֿירן די פּיעסע:**

„היינטיקע וואָך איז אין „קונסט־טעאַטער" אַרונטער אַ שטיק צו וועלכער מ'האָט געמאַכט גרויסע הכנות [צוגרייטונגען] אין אַ משך פֿון דריטהאַלבן חדשים־צייט. עס איז זעלטן אַז אַ יידישער טעאַטער זאָל אַוועקלייגן אַזויפֿיל מי און צייט און געלט אויף אַ שטיק ווי דאָס האָט דער „קונסט־טעאַטער" געטאָן מיט „שדים וויסן וואָס". און עס דאַרף ניט זיין דער מינדסטער צווייפֿל, אַז דער דירעקטאָר פֿון דעם דאָזיקן טעאַטער וואָלט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בשום אופֿן זיך ניט גענומען פֿאַר אַזאַ פּיעסע. פּרץ הירשביין האָט אַ רייכן רעפּערטואַר שוין געהאַט מיט זעקס־זיבן יאָר צוריק, אָבער פֿון דעם דאָזיקן גרויסן רעפּערטואַר האָט מאָריס שוואַרץ אויסגעקליבן בלויז אַזעלכע פּיעסן ווי „אַ פֿאַראַזעלכע, וואָס זיינען מער אָדער וויניקער נאָענט צום לעבן, און וואָרפֿן ווינקל", „דעם שמידס טעכטער", „גרינע פֿעלדער", אַלע ער האָט זיך ניט צוגערירט צו די אַנדערע פּיעסן, ווייל זיי זיינען געווען צו פּאָעטיש אָדער צו פֿאַנטאַסטיש אָדער צו מיסטיש און דאָס גלייכן. אויב ער האָט זיך איצט אָנגעכאַפּט אָן די „שדים", איז ער דאָ געווען אונטער דעם נייעם איינפֿלוס, וואָס די אַריבערגעקומענע האָבן אויף אים געהאַט אין די לעצטע פּאָר יאָר. מען האָט אַזויפֿיל פּולווער אויסגעשאָסן וועגן די גליקן פֿון פֿאַנטאַסטישקייט און משונהדיקייט אויף דער בינע, ווו הימל און ערד זאָלן זיך אויסמישן, כאַאָס און טומאַן זאָלן זיך אַרומנעמען, אַז דאָס האָט אַפּעלירט צו זיין פֿאַנטאַזיע. און וואָס איז געווען דער פּועל יוצא [רעזולטאַט]?. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די זעלביקע, וואָס האָבן אין אים אַרויסגערופֿן אַ באַגער און לעכצן צו די דאָזיקע פֿאָרמען, האָבן אַליין די גרעסטע חוכא וטלילה [געלעכטער און שפּאָט] געמאַכט ווען דאָס שטיק איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן. זיי האָבן זיך אַליין דערשראָקן ווען זיי האָבן בפּועל [פֿאַקטיש] דערזען וואָס דערפֿון איז אַרויסגעקומען".

**ל. קרישטאָל איז באַגייסטערט סיי פֿאַר דער פּיעסע, פֿאַר דער אויפֿפֿירונג:**

„'שדים וויסן וואָס' איז אַ פּאָעמע וועגן דעם פֿאָלקס־אָבעראַ מעשה אין וועלכער דער גרענעץ צווישן דעם פֿאַנטאַסטישן גלויבן. עס איז אַ מעשה ווי דאָס פֿאָלק אַליין וואָלט זי דערציילט. קאָנען זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז גייסטער זאָלן לעבן צווישן מענטשן פֿון בלוט און פֿלייש. מיר באַגרייפֿן גייסטער נאָר ווי אַן איינרעדעניש פֿון וועלכער עס ליידן געוויסע גייסטיק־קראַנקע פּערזאָנען. מיר פֿאַרגעסן זייער אָפּט, אַז ערשט מיט איין דור צוריק

האָבן געזונטע פֿאָלקס־מענטשן אָנגענומען די פֿאַנטאַסטישע גייסטער־מעשות וועגן שדים און רוחות און שרעטעלעך פֿאַר פֿולשטענדיקעווירקלעכקייט. אונדזער דור פֿון ציוויליזאַציע האָט פֿרייוויליק אָנגענומען אַ גייסטיקן „פּראָהיבישאָן“ [פֿאַרבאָט]. מיר זיינען גייסטיק ניכטער און „טרוקן“ ווי עס פּאַסט פֿאַר אמתע „פּראָהיבישאָניסטן. איז עס בעסער? איז עס ערגער? עס איז ווי פֿאַר וועמען. יעדע ניכטערקייט האָט זיך אירע מעלות און אירע חסרונות. פֿאַרן וויסנשאַפֿטס־מענטשן איז גייסטיקע ניכטערקייט דער ערשטער באַדינג. פֿאַרן פּאָעט איז דאָס די גרעסטע קללה. צווישן בעלעטריסטן זיינען אויך פֿאַראַן אַזוינע, וואָס לויט זייער נאַטור זיינען זיי גענייגט צו וויסנשאַפֿטלעכקייט. דאָס זיינען די „פּסיכאָלאָגישע“ שרייבער. די אַנדערע זיינען פֿאַנטאַזיאָרן, וויזיאָנערן, פּאָעטן.

און פּרץ הירשביין איז אַ וויזיאָנער, אַ פּאָעט. וואָלט ער געווען אַ „פּסיכאָלאָגישער“ שרייבער, וואָלט זיך זיין ריטעלע די וואַסער־מיידל פֿון „שדים ווייסן וואָס“, געוויזן אויפֿן סצענע נאָר דאַמאָלט ווען וואָלף דער יונגער וואַלד־שומר, איז איינער אַליין מיט זיך. עס וואָלט דאַן זייער לייכט געווען „פּסיכאָלאָגיש“ צו באַגרינדן איר עקזיסטענץ ווי אַ פּראָדוקט פֿון וואָלפֿס צערייצטער, קרענקלעכער פֿאַנטאַזיע. פּרץ הירשביין ווייס דאָס פּונקט אַזוי גוט ווי מיר אַלע. הירשביין האָט דעריבער ניט געדאַרפֿט קיין „פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג“. ער האָט דאָס פֿאַרמידן. עס קאָן זיין, אַז ער האָט דאָס אַפֿילו געטאָן בכיון. דאָס פֿאָלק האָט ניט געקלערט אַזעלכע זאַכן וויסנשאַפֿטלעך. עס האָט ניט געוווּסט פֿון פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע. די מעשות וועגן די גרעסטע וווּנדער זיינען ביים פֿאָלקס־מענטשן געווען אַזוי נאַטירלעך ווי די געוויינלעכסטע פּאַסירונג. דער „ניט גוטער“ איז געווען פּונקט אַזוי רעאַל ווי אַן אַנדער שונא. מען האָט פֿאַר אַ שד מורא געהאַט מער ווי פֿאַרן אוראַדניק.

פּרץ הירשביין האָט געוואָלט דערציילן אַ מעשהלע פּונקט אַזוי ווי עס שפּינט זיך אויס אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון פֿאָלק. דערפֿאַר האָט ער געלאָזן זיין ריטעלע, אַ גלגול פֿון אַ מיידל, וואָס לעבט איר צווייטע עקזיסטענץ, אַלס אַ טראָסטינע ביים וואַסער. זיך טרעפֿן מיט די „נאַיִווע“ מיידלעך, און אויך מיט דער אַלטער זלפה, אַ מין איינפֿאַכערע שרה בת טובים, וואָס וואַנדלט פֿון ישוב צו ישוב און ברענגט מיט זיך ליבע, היימישקייט און נשמהדיקע פֿרייד. עס איז אינטערעסאַנט וואָס פֿון די מענער איז בלויז וואָלף, דער יונגער וואַלד־שומר, דער איינציקער, וואָס זעט ריטעלען. די אַנדערע מענער זעען זי ניט. ניט וואָלפֿס טאַטע, ניט די פֿישער, וואָס קריכן שטענדיק אַרום אין דעם טייך ביי וועלכן זיי געפֿינען זיך. אַ יידענע אין די מיטעלע יאָרן, וואָס קומט צו זיין חתונה, זעט זי אויך ניט. אַפֿילו דער נסתר, דער ייד, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום אין וואַלד און פּייניקט זיין לייב כדי אויסגעלייטערט צו ווערן פֿון תאווה און זינד, זעט אויך ניט ריטעלען. די ערקלערונג דערפֿון איז ניט קיין פּסיכאָלאָגישע, נאָר אַן עטישע. דאָס פּרימיטיווע פֿאָלק האָט ניט געוווּסט פֿון פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז אַ פּראָדוקט פֿון שכל. עס האָט אָבער יאָ געוווּסט פֿון עטיק, וואָס איר שורש שטאַמט פֿון מענטשלעכן אינסטינקט. אין דעם פֿאַל איז עס אַ מין אינסטינקטיווע סעקסועלע עטיק. ריטעלע, דער גלגול, איז אַ גייסטיק־סעקסועלע בריאה, וואָס איז ניט אינגאַנצן פֿון אונדזער וועלט. זי איז אַ „דאָרטיקע“ און צוליב איר גייסטיק־סעקסועלער נאַטור קאָנען זי זען נאָר אַזעלכע איבער וועמען זי

האָט אַ שליטה [באַווירקונג] (פֿון אַלע מענער האָט זי אַ שליטה בלויז אויף וואָלפֿן), און אַזוינע, וואָס זיינען סעקסועל ריין און „אומשולדיק“. די סעקסועל־ריינע און „אומשולדיקע“ זיינען די דריי מיידלעך: וואָלפֿס כלה, רבקה, און אירע צוויי חברטעס דאָבע און פּעשע, און אויך די אַלטינקע זלפה, ווייל זי איז שוין סעקסועל פּטור. דער נסתר, וועלכער פּייניקט זיך אויסגעלייטערט צו ווערן פֿון זינד און תאווה, האָט דורך זיינע אָנשטרענגונגען דערגרייכט דערווייל די ערשטע מדרגה. ער ווייס, אַז אַזאַ גלגול איז דאָ, אָבער זען זי האָט ער נאָך ניט זוכה געווען. איך ווייס ניט צי פּרץ הירשביין האָט עס אַזוי אויפֿגעפּאַסט באַוווּסטזיניק. איך בין כמעט זיכער, אַז ניט. זיין איינגעבוירענער געפֿיל פֿאַר עכטער פֿאָלקסטימלעכקייט האָט געפֿירט מיט זיין האַנט ביים שרייבן און אים דאָס אונטערגעזאָגט.

אַז מען פּאַסט אויף די מעשה „שדים ווייסן וואָס“ אין איילעניש, קאָן זיך דאַכטן, אַז ווייל די געשיכטע פֿון אַ בחור, וואָס פֿאַלט אַריין אין די נעצן פֿון אַ וואַסער־מיידל איז ניט יידיש, איז „שדים ווייסן וואָס“ דערפֿאַר גענומען פֿון פֿרעמדע באַלאַדן. דאָס איז אָבער אַ פֿאַלשע אויפֿפֿאַסונג. ניט מיט אַ וואַסער־מיידל איז וואָלף געשטרויכלט געוואָרן, נאָר מיט אַ גלגול, און דאָס איז שוין דווקא יידיש. ווען איך האָב פֿאַראַיאָרן געלעזן אין „די צוקונפֿט“ „שדים ווייסן וואָס“, איז מיר ניט איינגעפֿאַלן, אַז עס וועט ווען עס איז אויפֿגעפֿירט ווערן אויף דער בינע. איך האָב געלייענט אַ פּאָעמע „שדים ווייסן וואָס“, כאָטש עס איז געשריבן אין „נאַטירלעכע“ דיאַלאָגן און ניט אין פֿערזן, אין סצענעס און ניט אין קאַפּיטלעך. איך האָב זיך בשום אופֿן ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ פּנים אַזאַ זאַך קאָן האָבן אין טעאַטער. דערצו האָב איך נאָך אַרום יענער צייט געזען אויף דער בינע די באַרימטע ענגלישע פּאָעמע „די ענטשענטעד מאַרינער“ (דראַמאַטיזירט פֿון יודזשין אָ'נעיל און אויפֿגעפֿירט פֿון די „פּראָווינסטאַון פּלעיערס“). איך בין דאַמאָלט איבערצייגט געוואָרן, אַז די באַלאַדע ווי די פֿאַנטאַסטישע פֿאָלקס־מעשה איבערהויפּט קאָן קיין שום פּנים ניט האָבן פֿון טעאַטראַלן שטאַנדפּונקט. אמת טאַקע, אַז די „ענטשטענדער מאַרינער“ איז אָריגינעל געשריבן געוואָרן אין דער פֿאָרם פֿון אַ פּאָעמע, אָבער ניט אין דער פֿאָרם איז געווען די מניעה [שטערונג]. יודזשין אָ'נעיל קאָן גוט די דראַמאַטישע מלאכה און ער האָט די פּאָעמע זייער געשיקט דראַמאַטיזירט. די מניעה איז אין אַזאַ פֿאַל דער כאַראַקטער פֿון דעם שטאָף. באַלאַדעס זיינען צום דערציילן און ניט צום שפּילן. זיי זיינען צו עפּיש, צו רוִיק, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן דראַמאַטיזירן. פֿאַנטאַסטישע זאַכן אויף דער בינע זיינען מעגלעך נאָר דאַן ווען זיי זיינען אָדער סימבאָליש אָדער אַלעגאָריש. די באַלאַדעס און די פֿאָלקס־מעשות זיינען לויט זייער אינערלעכן כאַראַקטער אַזעלכע שאַפֿונגען, וואָס פּאַסן זיך גוט אַריין אין די ענגע ראַמען פֿון אַ פּאָעמע, אָבער זיי ווערן דערטרונקען אין דער ברייטער ראַם פֿון דער בינע, סיידן זיי זיינען קאָמבינירט מיט נאָך אַנדערן דראַמאַטישן שטאָף ווי רעליגיעזע לעגענדע (הויפּטמאַנס „פֿערזונקע גלאָקע“) אָדער מיט שטאַרקער דראַמאַטישע קאָנפֿליקטן צווישן מענטש און מענטש (ווי דער קאָנפֿליקט צווישן סענדער בריניצער און חנן אין אַנסקיס „דיבוק“). די דאָזיקע איבערצייגונג איז ביי מיר געבליבן גאַנץ ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש איך האָב שוין געזען „שדים ווייסן וואָס“ אין טעאַטער און טראָץ דעם, וואָס די דאָזיקע אויפֿ־

פֿירונג איז לויט מיין מיינונג זייער אַ ווירקזאַמע... 

צום שלום פֿון דער פֿאַרשטעלונג, מאַכן אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק. עס איז אַ פּאָעמע אויף דער בינע, אָבער טעכניש, סצעניש און שוישפּילעריש איז עס איינע פֿון די פֿיינסטע און אויסגעהאַלטנסטע אויפֿפֿירונגען אין אונדזער טעאַטער".

**מאָריס שוואַרץ באַשרייבט אין זיינע זכרונות ווי אַזוי עס איז אויפֿגענומען געוואָרן זיין אויפֿפֿירונג פֿון „שדים ווייסן וואָס":**

„ווער ס'האָט געזען די אויפֿפֿירונג פֿון הירשביינס „שדים ווייסן וואָס" אָדער געלייענט די פּיעסע, וועט דעם איינדרוק פֿון דער מיסטישער פּאָעזיע פֿון דעם ווערק קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. ביי אַנדערע פֿעלקער וואָלט אַזאַ פּאָעטישע אידיליע פֿאַר'כאַפּט דעם עולם. איך גלייב, אַז מיט דער פּיעסע האָט הירשביין זיך באַוויזן אַלס נאַטור־דראַמאַטורג, ווייל ניט נאָר איז אים געלונגען צו שאַפֿן זעלטענע כאַראַקטערן, נאָר דיביימער, דאָס גראָז אויף דער לאַנקע, דער טייך ריידן צו אונדז ווי לעבעדיקע מענטשן. אויף דער גאַנצער בינע איז אויסגעבויט געוואָרן אַ טייך אַרום וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די האַנדלונג פֿון ד'ער פּיעסע. דער מאָלער אַלעקסאַנדער טשערטאָוו, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער רעאַליסט, האָט זיך ממש איבערטראָפֿן מיט זיינע דעקאָראַציעס פֿאַר דער פּיעסע. צו שרייבן די מוזיק צו „שדים ווייסן וואָס" איז איינגעלאַדן געוואָרן דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר שלום סעקונדאַ. איך האָב תמיד געגלייבט אין סעקונדאַס מוזיקאַלישן טאַלענט. ער איז אָבער צעמאָלן געוואָרן אונטער דער שווערער ראָד פֿון דער יידישער אָפּערעטע. סעקונדאַ האָט זיך תמיד געוואָלט אַרויסראַטעווען פֿון דער אָפּערעטע און ער איז טאַקע אַנטלאָפֿן קיין פֿילאַדעלפֿיע, און דאָרט האָב איך אים געלאַדן צו שאַפֿן די מוזיק פֿאַר הירשביינס פּאָעטישע דראַמע. סעקונדאַס מוזיק צו „שדים ווייסן וואָס" ווערט נאָך איצט געשפּילט פֿון צייט צו צייט אויף ראַדיאָ־קאָנצערטן, און יעדער, וואָס הערט יענע וווּנדערלעכע ניגונים, ווערט איבעראַשט פֿון דער מיסטיק, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין דער מוזיק. סעקונדאַס ערפֿאָלג האָט שפּעטער געפֿירט צו דעם, אַז ער זאָל זיין אַנגאַזשירט עטלעכע יאָר אַלס מוזיקאַלישער דירעקטאָר פֿון „יידישן קונסט־טעאַטער".

הירשביינס פּאָעטישע דראַמע האָט זיך צום באַדויערן געהאַלטן בלויז צוויי וואָכן אין קונסט־טעאַטער. דער עולם איז ניט געקומען. מעגלעך, אַז דער נאָמען פֿון דער פּיעסע האָט ניט פֿאַרכאַפּט דעם טעאַטער־עולם, אָדער דער אויסדרוק „פּאָעטישע דראַמע" איז געווען פֿרעמד און שווער פֿאַר דעם טעאַטער־פּובליקום. איך ווייס נאָר איינס. אַ חוץ זעקס וואָכן שווערע אַרבעט, האָט די אויפֿפֿירונג געקאָסט דעם טעאַטער אַן ערך צען טויזנט דאָלאַר, שוין אַריינרעכנענדיק די פֿאַרלוסטן פֿון שפּילן צוויי וואָכן פֿאַר ל'יידיקע בענקלעך. ווער קאָן זיין אַזוי קלוג צו ווייסן וואָס דער עולם ערוואַרט פֿון פּיעסן? עס איז געווען ווי מען וואָלט זיך צוזאַמענגערעדט ניט צו קומען אין טעאַטער זען די דאָזיקע פּיעסע... „שדים ווייסן וואָס" האָט געהאַט דעם זעלבן סוף ווי „די גאָלדענע קייט". צוויי קינסטלערישע אויפֿפֿירונגען זיינען נפֿטר געוואָרן [אויסגעגאַנגען] איידער זיי האָבן געזען די ליכטיקע שיין פֿון דער טעאַטער־וועלט. איך באַטראַכט ניט די דאָזיקע שטיק פֿאַר דורכפֿאַלן. גיכער טראַכט איך, אַז די טעאַטער־מאַסן זיינען ניט געווען ווערט צו זען אַזעלכע צוויי קינסטלערישע ווערק אויף אונדזער ווילד־צעאַקערטן פֿעלד פֿון יידישן טעאַטער. עס זיינען פֿאַראַן ביים טעאַטער באַרעכטיקטע דורכפֿאַלן. „שדים ווייסן וואָס" און „די גאָלדענע קייט" זיינען ניט דערזען און ניט געפֿילט געוואָרן, אָבער ניט דורכגעפֿאַלן".



## „אין יעדן הויז"

**דעם 4 דעצעמבער 1924 ווערט אָ'ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „אין יעדן הויז" פון ב. גאָרין.**

**ב. צ. גאָלדבערג שרייבט:**

„אַז מען שרייבט וועגן „אין יעדן הויז" דאַרף מען האָבן אין זינען אַ פּאָר זאַכן. מען דאַרף געדענקן, אַז ב. גאָרין איז ניט קיין דראַמאַטורג, נאָר אַ טעאַטער־קריטיקער. מען דאַרף אויך ווייסן, אַז די פּיעסע האָט שוואַרץ ניט אויפגעפירט ווי ער פירט געוויינלעך אויף אַ נייע פּיעסע אַלס אַ צוגאָב צו זיין רעפּערטואַר. גאָרינס פּיעסע האָט אַזאַ געשיכטע הינטער זיך: פריינט און קאָלעגן האָבן געוואָלט גאָרינען אויסדריקן זייער אָנערקענונג צו אַ פּאַסיקער געלעגנהייט. עס איז איצט אויך ערשינען די צווייטע אויפלאַגע פון זיין צוויי־בענדיקע „געשיכטע פון יידישן טעאַטער", האָט אַ קאָמיטעט פון די מענטשן געפונען פאַר פּאַסיק צו שטעלן אויף דעם אָוונט גאָרינס אַן אייגענע פּיעסע, וואָרעם דאָס פלייש איז שוואַך און דער טעאַטער־קריטיקער האָט אויף דער עלטער זיך אונטערגעגעבן דעם אַלמענטשלעכן דראַנג צו שרייבן פּיעסן.

אָט אַזוי איז „אין יעדן הויז" אַרויף אויף דער בינע. דער עולם איז געקומען, דעם אמת געזאָגט, פאַרפירעריש געשטימט, גרייט געלאַנגווייליקט צו ווערן. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז די פּיעסע וועט נאָך אַמאָל געשפּילט ווערן. אָבער דער רעזולטאַט פון דער פאָרשטעלונג איז געווען, אַז דער עולם איז אָנגענעם איבעראַשט געוואָרן. די פּיעסע איז געווען לייכט, שפּילעוודיק, אַמוזאַנט און האָט נאָך אָנגעצויגן דעם עולם צו וועלן וויסן וואָס ווייטער וועט זיין. איצט האָט שוואַרץ גענומען און געשטעלט די פּיעסע אויף פרייטיק, שבת און זונטיק. אויב דער עולם סוף־וואָך וועט די פּיעסע אויפנעמען אַזוי ווי דאָס פובליקום לעצטן דאָנערשטיק, וועט ב. גאָרין ווערן אַנשטאַל אַן אַלטער קריטיקער, אַ יונגער דראַמאַטורג. גאָרין האָט אין זיין פּיעסע צופרידנגעשטעלט דעם „אַלגעמיינעם פאַרלאַנג". דעם „קעניג ליר" האָט אי רדאָך מסתמא געזען .געדענקט איר ווי זיצנדיק אין טעאַטער און צוזען די פּלאָגענישן פון דעם אומגליקלעכן קעניג, האָט זיך אייך געוואָלט, אַז עס זאָל זיך אַלץ אויסלאָזן צום גוטן. דער עולם וויל, אַז דער קעניג ליר זאָל ניט האָבן געווען אַזאַ נאַר אין אָפּטאָן אַזאַ זאַך. ער וואָלט וועלן, אַז דער סוף זאָל זיין, אַז דער קעניג ליר זאָל נאָר האָבן אויספּרובירט זיינע קינדער, און אַז צום סוף זאָל ער ווידער איבערנעמען די מלוכה און ווערן קיסר ווי געווען. אָט דעם פאַרלאַנג נאָכן גוטן סוף און די נקמה אין די קינדער פירט דורך גאָרין אין זיין פּיעסע, און ווייל ער פירט זיי דורך לייכט, ריין און אָן ביטערניש, נעמט עס טאָפּלט אויס.

**[נאָכן איבערגעבן דעם סוזשעט]**

...דער עולם האָט דאָ אַ שטיקל אַנונג, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיטן איבערגעבן דאָס געשעפט, נאָר אים פאַלט ניט איין, אַז דער

אַלטער האָט זיי אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל. דאָס האַלט דעם עולם געשפּאַנט. דאָס ווייזט ווי גאָרין קען די דראַמאַטישע טעכניק. דאָס און אַ ריי אַנדערע קלענערע „טוירנס" [ווענדונגען] פון דיאַלאָג און באַוועגונג, גרייטן צו דעם עולם צו וויסן און ערוואַרטן פּונקט וויפל מען דאַרף. גאָרין האָט, אַלזאָ, אַ מאָס אין האַנט און באַווייזט אויך, אַז ער קאָן שאַפן נאַטירלעכן ריינעם און אָנגענעמען הומאָר און אַז ער האָט דעם חוש פאַר סצענישקייט און שפּילעוודיקייט. גאָרין פאַרהערט אָבער אַ גרילץ פון אַ פאַרעלטערטער טשאָלנט־יידישקייט, ווי, למשל, ווען דער פּאָטער גיט דער טאָכטער די הונדערט טויזנט דאָלאַר, נעמט ער אויס אַ תנאי [באַדינג], אַז זי מוז האָבן מזוזות אויף אירע טירן, דערפאַר, וואָס פריער האָט זי אים ניט געלאָזט האַלטן יידישע צייטונגען. די מזוזה אַלס נקמה, הגם דער פּאָטער איז אַ ראַדיקאַל, און די גאַנצע רייד, אַז יידן דאַרפן ניט קיין יידישקייט, אָבער ניט־יידן מוזן עס האָבן, דאָס איז צוגעעלטערט און געהער ניט צום ענין. די פּיעסע האָט גענוג מיט וואָס צו אַפּעלירן צום יידישן מיטלקלאַס אָן דעם שטיק פילאָזאָפיע. איר זענט געווינט צו זען אַ סך שטאַרקע דראַמאַטישע און טראַגישע מאָמענטן אין דראַמען מיט דעם קעניג ליר־מאָטיוו. דאָ האָט איר נאָר דעם דראַמאַטישן שיין, ניט די דראַמע. מען גליטשט זיך גראַציעז און לייכט, אָבער אַלץ נאָר פון אויבן. נאָר, אַז גאָרין וויל, האָט ער דאָ אַן „אַליבי" [אַן אויסרייד]. ער קאָן טענהן, אַז עס דאַרף דאָ ניט זיין קיין דראַמאַטישקייט. דער טאַטע ווייס דאָך, אַז ער האָט אין באַנק די דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר, און די קינדער זיינען דאָך בכלל קלענערע, שוואַכע און פלאַכע נאַטורן, וואָס זיינען ניט פעיק אויף טיפע איבערלעבונגען, זוכט דעריבער ניט קיין טיפקייט און קיין שטאַרקייט. עס איז לייכטער, גוטמוטיקער, באַלעבאַטישער שפּאַס מיט דעם געהעריקן אונץ דראַמע צו מאַכן שפּאַנענד און טראָפּן טראַגעדיע צו דערמאָנען, אַז ניט אַלץ, וואָס שיינט, איז גאָלד

די גרעסטע מעלה האָט די פּיעסע, וואָס זי ווערט אויסגעצייכנט געשפּילט. זעלטן ווען אַ פּיעסע איז אויסגעשפּילט געוואָרן אַזוי ביזן דעק ווי „אין יעדן הויז". אַלע שפּילן גוט. בעסער פון אַלעמען איז מאָריס שוואַרץ אין אַ נייע ראָלע אין וועלכער איר דערקענט אים כמעט ניט. די [דער] גרים, דער הילוך איז אַזוי צוגעפּאַסט צו דעם שנאָרערישן שרייבער פון משה רבינוס ביאָגראַפיע. נאָך אים קומט מוני ווייזענפריינד, וואָס האָט אַלע ווילע אַנטדעקט אַ נייע באַוועגונג, אַ נייע ווענדונג אַרויסצוברענגען זיין כאַראַקטער. נאַטירלעך אויסגעהאַלטן און מיט מאָס האָבן געשפּילט באַראַטאָוו און קעשיער. איבערהויפּט דער לעצטער איז געווען ווי פון אַן אָפּיס־געביידע אַרויסגענומען, אַן אָלרייטניקס קליין אָלרייטניקל. אַפילו צו בערטאַ גערסטען קאָן מען דאָסמאָל גאָרניט האָבן. זי איז זעלטן אַזוי געווען אין אַ ראָלע. די אַנדערע צוויי יידן, די געסט, שערמאַן און גאָלדפּאַדן, זיינען געווען אויסגעטראָיעטע קאַריקאַטורן. גאָרין, דער טעאַטער־קריטיקער, האָט זיך גאָרניט וואָס צו שעמען מיט זיין קאָלעגע גאָרין דער דראַמאַטורג. ווען עס וואָלט געווען עמיצענס אַנדערע פּיעסע, וואָלט ער עס זיכער געלויבט".

**ל. מ. ביעלי שרייבט:**

„ב. גאָרין האָט געוויזן פאַראַכטאָגן דאָנערשטיק, אַז ער איז ניט נאָר אַ גרויסער מבין אויף טעאַטראַלישע פּאָטראָוועס, נאָר ער קאָן אַליין אויך פאַרפאַרטיקן אַ געשמאַקן טעאַטראַלישן מאכל. דער כלל, אַז פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער קאָנען אַליין קיין פּיעסע ניט שאַפן, האַלט ניט אויס. אין יעדן לאַנד זיינען דאָ ליטעראַטן, וואָס באַזיצן די קונסט פון ביידע מלאכות: קריטיק און דראַמאַטורגיע. דער קלאָרסטער באַווייז דערפון איז בערנאַרד שאָו, דער גלאָרייכער קריטיקער און בריליאַנטענער דראַמאַטורג. זאָגט מען ווידער, אַז קריטיקער זיינען מייסטנס אַזעלכע, וואָס זיינען דורכגעפאַלן שאַפנדיק פּיעסן, איז דאָס אויך ניט אמת. ווער עס האָט געזען גאָרינס פּיעסע „אין יעדן הויז", קאָן ניט צווייפלען, אַז דער אויטאָר באַהערשט אַלע נייטיקע טעכנישע עלעמענטן, וואָס מאַכן אַ פּיעסע אינטערעסאַנט, היסטריאָניש, פולבלוטיק און צו דער זעלבער צייט עכט ליטעראַריש, פולקום אויסגעהאַלטן און יידיש. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז די פאַרוואַלטערס פון שוואַרצס „קונסט־טעאַטער" האָבן ניט אין זינען געהאַט צו שטעלן גאָרינס פּיעסע אויף פרייטיק, שבת און זונטיק, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן זיך געפלייסט צו מאַכן די גאָרין־ערן־אָוונט־אויפפירונג אַזוי גוט ווי נאָר מעגלעך. איך דענק, אַז בלויז די מורא טאָמער וועלן נאָכדעם אַלע קריטיקער זיי פאַרפלייצן מיט דראַמע־מאַנוסקריפּטן, איז גענוג זיי אָפּצושרעקן פון אויפפירן אַ ווערק פון אַ פּראָפעסיאָנעלן קריטיקער, פונדעסטוועגן שטעלן זיי עס פאַר פרייטיק, שבת און זונטיק, ווייל שפּילנדיק דיזע פּיעסע, האָבן זיי דערפילט, אַז אונדזער בינע נייטיקט זיך אין אַזעלכע דראַמעס, אַז אונדזער טעאַטער־עולם בענקט נאָך אַזעלכע פּיעסן און אַז זיי אַליין, די אַרטיסטן, געפינען פולשטענדיק קינסטלערישע צופרידנשטעלונג אין איר.

די פּיעסע באַהאַנדלט די פאַרהעלטנישן צווישן אַ יידישן טאַטען און קינדער אין אַמעריקע, צווישן אַ קלוגן, איינגעוואַנדערטן, ערפאָלגרייכן טאַטען און האַלב־געבאַקענע אַמעריקאַנער קינדער, און צום ערשטן מאָל אויף אונדזער בינע, דוכט מיר, בלייבט דער טאַטע דער קלוגער, דער גערעכטער, דער זיגער. די גאַנצע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמע פון אונדזער צווייטן דור אין אַמעריקע שפּיגלט זיך אָפּ אין דיזער איינער פּיעסע. דער צושוויער שטעלט זיך אויפן בריק וואָס צעשיידט דעם אימיגראַנט — טאַטע און די אַמעריקאַנער קינדער, — און ער קוקט ווייטער אויף ביידע זייטן און אַרונטער אין דעם תהום, וואָס צעשיידט זיי.

און די כאַראַקטער־טיפּן! קיינער פון אונדזערע דראַמאַטורגן האָט זיך ביז יעצט ניט צוגערירט צום היימישן משכיל, וואָס טויג זיך גראַדע אויס צו ביזנעס טראָץ דעם, וואָס ער פאַרלירט גאָרניט פון זיין היימישע איידלקייט און נאָבלקייט. די ראָלע פון שלמה האַלפּערן, וואָס ווערט אַזוי שיין און נאַטירלעך אַרויסגעבראַכט פון בן־צבי באַראַטאָוו. און ווו האָבן מיר געזען געשילדערט דעם כאַראַקטער־טיפּ פון אַ מר. בערלינער, וואָס מאָריס שוואַרץ שפּילט. מיר לעזן אין אַ צייטונג, אַז עפּעס אַ משכיל, אַ טרוימער, האָט ערגעץ אין אַ ווינקל אויף דער איסט־סייד זיין נשמה אויסגעהויכט. מיר וויסן פון עכט־יידישע אינטעליגענטן, וואָס זיינען אַריבערגעקומען צו גרינדן עפּעס אין אַמעריקע, צו שאַפן עפּעס דאָ אין פרייען גאָלדענעם לאַנד און ווי זיי ווערן אַנטוישט, פאַרביטערט, אָבער ווי זיי לעבן, ווי אַזוי זיי זעען אויס, זעען מיר יעצט אויף דער בינע צום ערשטן מאָל. ווען די פּיעסע וואָלט ניט אַנטהאַלטן קיין אַנדערע אייגנשאַפטן ווי נאָר די שילדערונג פון דיזן טיפּ, וואָלט זי דערמיט אַליין בלויז פאַרבליבן קלאַסיש אין אונדזער ליטעראַטור. בלויז יחידי סגולה [אויסדערוויילטע] האָבן געלעגנהייטן צו זען אַזעלכע טיפּן, די געפאַלענע און ניט־אָנערקענטע פירער, וועלט־פאַרזאָרגער, היסטאָריע־גריבלער, מענטשן

פון גאָלע האַרץ, וואָס בלאָנקן זיך אַרום צווישן קיבערצאַרניעס און געוויסע קאַפּעע־הייזער, בטלנים. אָבער פאַר דעם מאָלער איז אַלעס אַ געגנשטאַנד, און זייער ווייניק מאָלער וואָלטן געקאָנט שאַפן אַזאַ סקיצירונג ווי גאָרין, און זייער ווייניק וואָלטן די לייוונט־סקיצע געקאָנט אַזוי פאַרענדיקן ווי שוואַרץ טוט עס. עס וואָלט געווען אַן אומשאַצבאַרער שאָדן פאַר דער יידישער ליטעראַטור ווען דיזער טיפּ וואָלט ניט פאַראייביקט געוואָרן דורך עפּעס אַ קלאַסישע ליטעראַרישע ווערק.

אויסער די דראַמאַטישע פּערל, די אײדלע פּונקן, וואָס דיזע פּיעסע באַזיצט, געפין איך, אַז איר הויפּט־ווערט ליגט אין דעם וואָס זי צייגט אָן אויף דעם קלאָרסטן אופן די באַדנלאָזיקייט פון אונדזערע אַריבערגעקומענע ראַדיקאַלע „פרייע" יידישע נאַציאָנאַליסטן. מר. האַלפּערן האָט ערצויגן זיינע קינדער מיט אַ בליק זיי זאָלן זיין אַזוי פריי ווי ער. ער האָט אָבער פאַרגעסן, אַז זיי פעלט די ערציִונגס־אַרברייטונג, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון יוראָפּ, און דאַרום זיינען זיינע קינדער אויסגעוואַקסן, דער עלטסטער דזשייק (איזידאָר קעשיער) אַ מיטלמעסיקער גאַרניט, דער צווייטער, הערי (מוני ווייזענפריינד) אַ ליידנשאַפטלעכער געמבלער, און זיין טאָכטער (בערטאַ גערסטען) אַ פּוסטע כלי, וואָס שעמט זיך מיט יידישקייט. אַלע דיזע דריי ראָלן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין געניטע הענט, און עס איז אַ וואָרער, האַרציקער און קינסטלערישער גענוס צו זען זיי אויף דער בינע. מאַד. גערסטען איז אַפילו אַן איבעראַשונג. קיינמאָל האָב איך זי נאָך ניט געזען אין „עקסייטערע" [אויפגערעגטע] סצענעס. איך האָב געדענקט, אַז אימער מוז זי נאָר שפּילן סאַמעט ווייך, געמיטלעך, צירלעך־מאַנירלעך, אָבער דאָ קומט איר אויס צו זיין אין כעס, איבעראַשט, אויפגערעגט, און ז׳ ספּראַוועט זיך אויך מיט אַזאַ ראָלע מייסטערהאַפט... די ראָלע פון דער מוטער פון דעם הויזגעזינד, וועלכע פאַרשטייט דעם טאַטען בעסער ווי די קינדער, און וועלכע וויל פאַרשטיין די קינדער בעסער ווי דער טאַטע, דיזע קאָמפּליצירטע ראָלע ווערט געשפּילט פון מאַד. אַפּעל, און ווי אימער — פאָרטרעפלעך.

ביים רעזומירן ווילט זיך פרעגן דעם פּראָפעסער, וואָס וואָלט געווען ווען שלמה האַלפּערן בלייבט ניט ביי געלט? ווער וואָלט דאַן געבליבן דער קלוגער, דער זיגער? ווי אַזוי וואָלטן דאַן די קינדער און די ווייב אויף אים געקוקט, און ווי וואָלט ער אַליין געקוקט אויף זיך און אויף די אַרומיקע? דאַן וואָלט ער וואַרשיינלעך אויסגעזען ווי דער אַלטער רעגס [שמאַטע]־קלייבער ביי לייוויקס „שמאַטעס", אָבער יענער איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַ פרומער און אין טראַדיציאָנאַליזם געפינט ער אַן אויסוועג, אַ זין אינם לעבן, אָבער דער פרייער האַלפּערן, וואָלט ער געוואָרן אַ „יידישער קעניג ליר"? אָבער דאָס איז שוין אַ פרישע פּראָבלעמע, און ס׳איז ניט מיין אַבזיכט יעצט צו באַלעסטיקן מיינע לעזער מיט נייע פּראָבלעמען. די פּיעסע איז כדאי צו זען, איבערהויפּט איז כדאי, אַז טאַטעס פון אַמעריקאַנער קינדער און קינדער, וואָס האָבן „אייראָפּעישע" טאַטעס, זאָלן זי זען. איך רעקאָמענדיר עס אויך מיין אַמעריקע. עס נעמען אויך אָנטייל וואָלף גאָלדפאַדן מיט אָריגינאַליטעט און אברהם טייטעלבוים מיט משה שטראַסבערג מיט ווייניק אויסצייכענונג. די גאַנצע אויפפירונג האָט מיך שטאַרק דערמאָנט די דראַמעס, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן פון די מאָסקווער קינסטלער, איבערהויפּט „דר. שטאָקמאַן". עס וואָלט טאַקע געווען אַ גוטע זאַך מען זאָל דיזע דראַמע ווידער אויפפירן אין יידיש. אַלעס, וואָס מען קאָן פאָדערן פון אַ קינסטלער־דראַמאַטורג און פון קינסטלער־שוישפּילער האָבן מיר אין דער פּיעסע „אין יעדן הויז" אין אַ פולער מאָס".

## ל. קרישטאָל שרייבט:

„ב. גאָרין, דער אויטאָר פון דער קאָמעדיע „אין יעדן הויז" איז ניט אַ דראַמאַטורג, וואָס שרייבט אויך טעאַטער־קריטיק, נאָר אַ טעאַטער־קריטיקער, וואָס האָט אויך אָנגעשריבן אַ פּאָר פּיעסן. עס איז דערפאַר נאַטירלעך, אַז מען זאָל צוגיין צו גאָרינס אַ פּיעסע אַנדערש ווי מען גייט צו צו אַ פּיעסע פון אַן אַנדער שרייבער. ווי שטאַרק איינער זאָל ניט וועלן פאַרגעסן, אַז ער זעט אַ פּיעסע, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון אַ קריטיקער, געלינגט עס אים ניט. דער צושויער, וואָס איז באַקענט מיט גאָרינס ליטעראַרישער טעטיקייט, זוכט דערפאַר (און געפינט טאַקע) אין דער פּיעסע די „האַנט" פון קריטיקער.

עס קאָן זיין, אַז אַזאַ באַציִונג איז ניט גערעכט. עס איז אָבער נאַטירלעך, סיידן מען זאָל אַריינרופן איינעם, וואָס איז ניט קיין טעאַטער־מענטש, ניט קיין ליטעראַט און אַפילו ניט קיין לעזער פון דער יידישער פּרעסע און אים איינלאַדן צו שרייבן אַ קריטיק אויף גאָרינס פּיעסע, אָדער סיידן מען זאָל די אַרבעט איבערגעבן אַ מענטשן, וואָס קאָן זיך אָנטאָן אַ כוח און זיין ניט־נאַטירלעך, אָבער עס איז נאָך אַ גרויסער ספק צי אַזאַ אָביעקטיווע קריטיק וועט זיין די אמתערע און די מער גערעכטע...

עס זיינען אומעטום פאַראַן ליטעראַטן, וואָס שרייבן אי ראָמאַנען, אי פּיעסן, אי פּאָעזיע, אי עסייען, אי קריטיק, אַזוי, אַז אָפּטמאָל ווייסן מיר אַליין ניט וואָס עס איז זייער ליטעראַרישע „ספּעציאַליטעט". זיי וואַרפן זיך פון איין ליטעראַרישן געביט אויפן צווייטן מיט איין און דעם זעלביקן אימפּעט. זיי זיינען פילזייטיק. אין אַזעלכע פאַלן איז עס די אויפגאַבע פון דער קריטיק פעסטצושטעלן וואָס איז זייער שטאַרקסטע זייט. ד׳ געוויסע ליטעראַרישע „ספּעציאַליטעט" איז אָבער אַזוי אויסגעשפּראָכן, אַז נאָר דורך גאָר איטענסיווער און גאָר פּראָדוקטיווער טעטיקייט אויף אַן אַנדערן ליטעראַרישן געביט, קאָן אים געלינגען צו ענדערן די באַציִונג, וואָס מען האָט צו אים, און עס איז נאָך אַ ספק צי עס וואָלט זיך געלוינט פאַר גאָרינען און קיינער ווייס ניט צי ער וויל עס גאָר.

פון דער פּיעסע „אין יעדן הויז" האָב איך געקראָגן דעם איינדרוק, אַז איר פּראָפעסער איז אויך דאָ דער קריטיקער פון טעאַטער, כאָטש שטאַרק אונטערדריקט, צי דאָס איז געווען זיין באַוווסטזיניקע כונה אָדער ניט, איז דאָ ניט וויכטיק. ערשטנס, זיינען ד׳ אייגענע אַבזיכטן פאַרן אויטאָר אַליין אָפּטמאָל ווינציקער קלאָר ווי פאַרן לעזער אָדער צושויער. די ווערק פון אַ שרייבער זיינען תמיד זיינע פאַררעטער. זיי זאָגן אויס ניט נאָר דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, זיי גיבן אויך אויס דאָס וואָס ער האָט געוואָלט פאַרבאָרגן. און אויב אַזוי, שטעלט זיך די פראַגע: האָט ב. גאָרין שרייבנדיק די פּיעסע „אין יעדן הויז", געוואָלט פאַרבאָרגן פאַרן לעזער און צושויער, אַז ער, דער קריטיקער, איז שוין מיד פון די מילי־מיליאָנען מעלאָ־טראַגעדיעס, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן לויט דעם „קעניג־ליר־שאַבלאָן". אויב ער האָט דאָס געוואָלט, איז דאָס אים, ווי דער שטייגער, אין אַזאַ פאַל, ניט געלונגען. „דאָס ווערק פון זיינע אייגענע הענט" האָט אים אויסגעגעבן. אודאי איז גאָרין דער קריטיקער מיד פון די דאָזיקע פּיעסן מיט וועלכע עס האָט אַזויפיל יאָרן געשווייבלט אויף אַלע בינעס, און וועלכע זיינען נאָך אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע אין אונדזערע

מעלאָדראַמע־טעאַטערס. דערפאַר האָט ער אין דעם שטיק דערזען אַ טעמע ניט פאַר אַ טראַגעדיע, ניט פאַר אַ דראַמע, נאָר פאַר אַ קאָמעדיע. און דוקא דערפאַר וואָס אין אַזוינע פּיעסעס ענדיקט זיך געוויינלעך יעדער אַקט מיט אַ קנאַק, האָט זיך יעדער אַקט אין גאָרינס פּיעסע געענדיקט מיט ...גאָרניט.

וואָלט גאָרין דער פּיעסן־שרייבער ניט געוואָלט אונטערדריקן אין זיך דעם קריטיקער, וואָלט פּילייכט אַרויסגעקומען פון דער גאַנצער זאַך אַ סאַטירע אויף דער טעמע „דער אַמעריקאַנער קעניג ליר" אָדער „דער טעאַטראַלישער טאַטע". גאָרין אָבער האָט דאָ געטריבן פון זיך דעם קריטיקער. אַרויסגעשפּיגן דורך דער טיר, איז ער אַריין דורכן פענסטער. פון זיין אייגענעם „איך" איז נאָך דערווייל קיינעם ניט געלונגען אינגאַנצן פּטור צו ווערן, און אַנשטאָט אַ סאַטירע אויף טעאַטראַלישע פּיעסן פון אַ געוויסן טיפּ, איז אַרויסגעקומען אַ „קאָמעדיע" פון לעבן. די טעמע דערלאָזט אָבער ניט גענוג הומאָר. אַפילו אַן עכטער הומאָריסט וואָלט אויף אַזאַ טעמע ניט געקאָנט באַשאַפן קיין אמתע קאָמעדיע.

אין שעקספּירס „טראַגעדיע פון קעניג ליר" און די קעניג ליר־פּיעסן אין די פאַרשיידענע „באַאַרבעטונגען" פון דער זעלבער טעמע, ענדיקט זיך די שפּיל טראַגיש. אין גאָרינס קעניג ליר־„קאָמעדיע" איז די ענדע דוקא צום גוטן און „צום וווּיל און בעסטן". נאָר דערמיט האָט דער אויטאָר קנאַפּ וואָס מחדש געווען. ערשטנס, איז „ענדע גוט — אַלעס גוט" שוין אַן אַלטער שלאָגוואָרט אין טעאַטערס און דוקא ניט אין די בעסטע. צווייטנס, און דאָס איז נאָך וויכטיקער, האָט זיך די אָריגינעלע פּסעוודאָ־היסטאָרישע געשיכטע פון קעניג ליר, וואָס איז געווען זייער פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע סאָרטן נאָך איידער שעקספּיר האָט זי גענומען אַלס אַ טעמע, אימער געהאַט אַ „גוטע" ענדע. און אַפילו [ווען] דער שלוס פון דער פּיעסע וואָלט יאָ געווען „ניי", וואָלט דאָס אַליין ניט גענוג געווען צו רעכטפאַרטיקן די גאַנצע מעשה, וואָס איז דורכויס באַנאַל. איז, אַלזאָ, גאָרינס „ווערסיע" פון קעניג ליר געבליבן ניט אַהער און ניט אַהין. ער האָט ניט דערלאָזט דעם קריטיקער מאַכן פון דער טעמע קיין סאַטירישן פאַרס. דער קריטיקער אין אים האָט געמאָנט דאָס זייניקע און ניט דערלאָזט צו קיין טראַגעדיע אָדער דראַמע און גאָרין האָט זיך מיט זיך געייניקט אויף אַ „קאָמעדיע".

אַזוי אַרום איז באַשאַפן געוואָרן די פּיעסע „אין יעדן הויז" (אַגב איז דער נאָמען גאָרניט קיין גערעכטער. אַזוינס פּאַסירט ניט אין „יעדן הויז"). ס'איז אַרויסגעקומען אַ שוואַכע זאַך. אין אַלגעמיין, אַ גאַנץ אויסגעדראָשענע פּיעסע, אָבער אײדל אָנגעשריבן. דאָ איז דעם אויטאָר געקומען צו הילף זיין אייגענער „איך" י. גוידאָן, וועלכער האָט אַמאָל געשריבן ערציילונגען און סקיצן, איז דער דיאַלאָג אויסגעקומען לייכט און לעבעדיק, זיינען אייניקע סיטואַציעס געשאַפן געוואָרן נאַטירלעך און פיין. דער קריטיקער האָט דאָ אויך געהאַלטן אַן אויג און אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל זיין מיט אַ מאָס, מיט טאַקט און ביז אַ געוויסן גראָד אויך מיט געשמאַק, אָבער ווי אַ גאַנצע זאַך איז עס פאָרט שוואַך, צו גראָדליניק פאַר אַ קאָמעדיע, צו בלוט־אָרעם פאַר דער דראַמע".

### דערנאָך טרעט ל. קרישטאַל צו וועגן דער אויפפירונג און דאָס שפּילן:

„אויב די האַנדלונג מאַכט אין געוויסע טיילן פאָרט דעם איינדרוק פון עכטער קאָמעדיע, איז עס ניט צו פאַרדאַנקן דעם אויטאָר, נאָר די שוישפּילער. אין וועלכער מעלאָדראַמע (באַזונדער אין די מעלאָדראַמעס, וואָס ווערן געשפּילט אויף אונדזער בינע) זיינען ניטאָ כאָטש אַ פּאָר קאָמישע פאַרשוינען און קאָמישע סצענקעס? דער „קאָמיקער" איז אין יעדער מעלאָדראַמע אומפאַרמיידלעך. ער מוז דאָרט זיין ווי אַן אָפּפרישונג פאַר די נערוון פון די צושויער, וואָס ווערן „אָנגעצויגן" און געמאַטערט דורך דער „שפּאַנענדיקער" האַנדלונג. גאָרין האָט אויך די „קאָמיקער" ניט אויסגעמיטן. זיי זיינען אין זיין פּיעסע אויך פאַראַן, כאָטש אַ ביסל פאַרשטעלט אין דער „יוניפאָרם" פון טיפּן. איינער איז דער מר. בערלינער, אַ חבר פון שלמהן, דעם גאוונישן קעניג ליר, און דער צווייטער איז שלמהס יונגערער זון. זיינען אָבער ביידע „קאָמישע" ראָלן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַזעלכע צוויי שוישפּילער ווי מאָריס שוואַרץ און מוני וויזענפריינד און עס זיינען אַרויסגעקומען לעבעדיקע מענטשן פון געזונטער, פרישער קאָמעדיע.

מאָריס שוואַרץ (מר. בערלינער) האָט געשאַפן עפּעס פון גאָרניט. ער האָט אפשר צוועלף ווערטער אַרויסצורײדן, נאָר זיין גרים, זיין אויסשפּראַך, זיין האַלטונג, איז אַזוי רייך אין הומאָר, אַז ווען ער איז אויף דער בינע, קוועלט איר ממש אָן פאַר פרייד. ער גיט אַ שאַרזש אויף אַ מענטשן, אָבער עס איז קינסטלערישער שאַרזש, און שאַרזש איז אין דער ראָלע באַרעכטיקט. ווען מען וואָלט אים געשפּילט אַלס גראָדן כאַראַקטער, וואָלט פון אים גאָרניט געבליבן, ווייל ער איז מיט דער האַנדלונג גאָרניט פאַרבונדן און האָט כמעט ווי גאָרניט צו טאָן. די ראָלע וואָס מוני וויזענפריינד האָט, איז שוין אַ סך אַ גרעסערע, אַזאַ, וואָס גיט שוין פיל מער מעגלעכקייטן פאַר קאָמעדיע־שפּיל. אָבער אויך נאָר דאַן ווען דער שוישפּילער קאָן די ראָלע אויספּילן מיט זיין אייגענער שאַפונג, און וויזענפריינד שפּילט דאָ אויף זיין בעסטן שטייגער. וואָס דער שיקזאַל פון דער פּיעסע זאָל ניט זיין, וועט דער טיפּ, וואָס וויזענפריינד האָט דאָ געשאַפן, פאַרבלייבן אין זכרון פון די טעאַטער־ליבהאָבער ווי די פיר קינסטלערישע טיפּן, וואָס וויזענפריינד האָט ביז היינט געגעבן. די אַנדערע דריי זיינען אין שלום־עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד", אין גאָגאָלס „רעוויזאָר" און אין גאָטעספעלדס „ווען שטאַרבט ער".

בן־ציון באַראַטאָוו, וועלכער שפּילט דעם טאַטען, די צענטראַלע ראָלע פון דער פּיעסע, איז אימפּאָזאַנט, ראַפינירט און באַזונדערס אינטערעסאַנט אין די מאָמענטן ווען ער דאַרף אַרויסווייזן זיין איראָנישע באַציִונג צו די קינדער. זיין פערזענלעכקייט און זיין שוישפּילערישע קולטור העלפט אים דאָ צו זיין אַ סימפּאַטישער, לעבעדיקער מענטש, אַפילו אין דעם באַנאַלסטן מאָמענט פון דער האַנדלונג. דאָס איז דאַן ווען דער טאַטע, דער געוועזענער אידעאַליסט און היינטיקער אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן ערקלערט מעלאָדראַמאַטיש, אַז די ביזדעס פון וועלכע די זין זיינע ווילן אים אַרויסשטויסן, איז זיין „טעמפּל". אַלס אַ צענטראַלע פיגור אין אַ פּיעסע האָט ער, פאַרהעלטניסמעסיק, ניט קיין גרויסע געלעגנהייטן צו שפּילן. ניט אין דער טיף, ווייל ער האָט ניט קיין זייער וויכטיקע איבערלעבונגען אין דער ראָלע. ער איז אין דער ברייט, ווייל ער האָט ניט פיל צו טאָן. איר פילט אין אים פונדעסטוועגן די גאַנצע צייט דעם שוישפּילער, וואָס האָט קראַפט, פאַרנעם און פאָרנעמקייט. בערטאַ גערסטען אין דער ראָלע פון זיין טאָכטער, וואָס האָט אין דער פּיעסע ניט קיין באַשטימטן כאַראַקטער, האָט דאָך באַוויזן צו שאַפן אַ כאַראַקטער פון ...אַ כאַראַקטערלאָזער, אַ ביסל קאַפּריזנער אַמעריקאַנער יידישע מיידל. מיט איר שפּילן מאַכט זי נאַטירלעך אַ גאַנצע ריי אומנאַטירלעכע סצענעס (ווען זי חנפעט דעם טאַטען אויף אַן איבערגעטריבענעם שטייגער, ווען זי

זאָגט זיך אָפּ צו נעמען ביים לייכטזיניקן ברודער געלט צו באַהאַלטן א.ד.ג.), אָבער באַזונדערס פיין און שטאַרק שפילט זי אין דער סצענע ווען עס קומט פאַר די שטורעמדיקסטע קריגערײ אין דער פאַמיליע.

אַננאַ אַפּעל אין דער ראָלע פון דער כאַראַקטערלאָזער מאַמע, וואָס איז גלייך געטריי אי דעם מאַן, אי די קינדער, שפּילט זייער צוריקגעהאַלטן און זייער אויסגעהאַלטן אין איר כאַראַקטערלאָזיקייט־ראָלע. מען זעט די דאָזיקע שוישפּילערין זייער זעלטן אין אַן ערנסטער ראָלע פון אַ היינטוועלטיקער פרוי און דערפאַר מאַכט איר גוט שפּילן אין אַזאַ ראָלע אַ באַזונדער אָנגענעמען איינדרוק. וואָלף גאָלדפאַדן האָט אין דער פּיעסע געהאַט אַ קליינינקע ראָלע און ער האָט טאַקע פון איר גאָרניט געמאַכט, אפשר דערפאַר, וואָס דער רעזשיסער, מאָריס שוואַרץ, האָט ניט געלאָזן פאַר אים גענוג רוים אין דער אויפפירונג. האָט דאָך מאָריס שוואַרץ זיך אַליין איינגעטיילט אַ ראָלע, וואָס איז כמעט פונקט אַזוי קליין און האָט דאָך געפונען פאַר איר אַ שפּאַרע דורך וועלכע זיין קינסטלערישׂ־שאַרזשירטער טיפּ שטראַלט אַזוי שטאַרק אַרויס איבער דער פּיעסע. און אפשר איז גאָלדפאַדן טאַקע ניט בכוח צו געבן כאַראַקטער צו אַזאַ עפּיזאָדנעם פאַרשוין, וואָס קאָן זיך ניט אָנזען ווען ער איז ניט שאַרף שאַרזשירט. מ׳האָט נאָך דעם דאָזיקן שוישפּילער ווינציק געזען כדי אים קאָנען „משפּטן“ מיט זיכערקייט. אַרום און אַרום איז דער אַנסאַמבל־שפּיל אַזאַ, וואָס מ׳וואָלט געקאָנט אָן שום גוזמא און ריזיקע פאַרגליכן ווערן אַפילו צו דעם פיל־באַוווּנדערטן צוזאַמענשפּיל פון די מאָסקווער אַרטיסטן אין אַ טשעכאָוו־פּיעסע ווען די באַנאַליטעטן פון דער פּיעסע וואָלטן ניט געשטאַנען אין וועג. יאָ, ב. גאָרין האָט שרייבנדיק די פּיעסע אונטערדריקט אין זיך דעם קריטיקער, און דאָס איז נאָך אַ באַווייז, אַז פון אונטערדריקן אַ קריטיקער קומט קיין גוטס ניט אַרויס“.

### י. ענטין שרייבט:

„דאָס וויכטיקסטע [פון זיינע פּיעסן] אָבער איז זיין קאָמעדיע „אין יעדן הויז“, וואָס איז ערשט אָנהייב דעם סעזאָן געשפּילט געוואָרן אין יידישן קונסט־טעאַטער, און וועלכע, לויט אַלע סמנים, איז בלויז אַ קורצע צייט פריער פאַרפאַסט געוואָרן.

„אין יעדן הויז“ איז ביז אַ געוויסן גראַד געווען אַן איבעראַשנג, הגם אַ גאַנץ גליקלעכע. אין דער קאָמעדיע איז דאָ מער הומאָר ווי אין גאָרינס אַלע ערציילונגען, אַ הומאָר אַ פרישער, ניט־זעלטן אַ גאַנץ שטאַרקער, כמעט אימער אַ קוועליקער. דערצו זיינען דאָ לעבעדיקע בילדער און סצענעס, וועלכע ברייטן זיך אויס כמעט אין סיטואַציעס. עס זיינען אויך דאָ כאַראַקטערן. און דערביי, ווי אַמעריקאַניש, ווי עכט אַמעריקאַניש דאָס אַלץ איז. אַ מין לייכט אויפגעפּאַסטער יידיש־אַמעריקאַנישער קעניג ליר־סוזשעט מיט גאָרניט קשהדיקע קענטיקע כאַראַקטערן. לייכט אויגעפּאַסט, ווייל אַ גרינטלעכערע אויפפּאַסונג וואָלט דאָך נייטיק געווען טיפער אָנצורירן די פראַגע פון עלטערן און קינדער אין אַמעריקע, וואָס איז דאָסזעלבע ווי אויך אָנרירן די פראַגע פון יידישקייט אָדער נאַציאָנאַליזם און אַמעריקאַניזאַציע. דאָס אָבער האָט גאָרין, דער מענטש אָן אַ גלויבן, צו טיף אָנרירן ניט געוואָלט, רירט ער עס אָן אויבן־אויף. דאָך ניט אינגאַנצן אָן ביטערקייט. אין אַ פּאָר מאָמענטן הערט דער לאַך אויף צו זיין ליטעראַריש און ווערט שוין זשורנאַליסטיש, ד. ה. ביטערלעך“.

### י. מאַר שרייבט:

„גאַנץ צופעליק, אויסערן פּלאַן און אויסער דאָס פּראָגראַם פון קונסט־טעאַטער איז אויפגעפירט געוואָרן ב. גאָרינס „אין יעדן הויז“. פריינט פון דעם טעאַטער־קריטיקער האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן אַן ערן־אָוונט פאַר אים. צום ערן־אָוונט האָט מען אויפגעפירט די דערמאָנטע פּיעסע. דער קונסט־טעאַטער האָט זיך ווייניק געגרייט צו דער אויפפירונג, אַ פּאָר טעג סך הכל האָט מען דאָס שטיק רעפּעטירט, ווייל מען האָט גערעכנט, אַז דאָס איז אַן איינמאָליקע אויפפירונג צום ערן־אָוונט. אָבער ביי דער ערשטער אויפפירונג האָט אַלעמען איבעראַשט דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן. אָן אָרברייטונג, אָן פאַרדבקהטע הכנות און אָן צוגעגרייטער עלית נשמה זיינען די אַקטיאָרן פון קונסט-טעאַטער אַרויף אויף דער סצענע און האָבן געשפּילט ווי אַ גוט־איינגעשפּילטער סימפאָנישער אָרקעסטער, עפּעס אַזוי איינפאַך, עפּעס אַזוי זעלבסט־פאַרשטענדלעך און עפּעס אַזוי זיכער איז דאָס שטיק געשפּילט געוואָרן. מאָריס שוואַרץ האָט געהאַט אַ קליינע ראָלע פון אַ יידן בערלינער, וואָס שרייבט די ביאָגראַפיע פון משה רבינו. אין דער קליינער ראָלע איז אויסגעוואַקסן אַ זייער פּיקאַנטע און אַ זייער פאַרביקע סצעניִשע פיגור. דאָסזעלביקע האָט פּאַסירט מיט מוני ווייזענפריינד, וואָס האָט געשפּילט אַן אַמעריקאַנישן יידישן באָי, מיט בן־צבי באַראַטאָוו, וואָס האָט געשפּילט דעם פאָטער, מיט איזידאָר קעשיער און מיט בערטאַ גערסטען, מיט אַננאַ אַפּעל און מיט אַלע אַנדערע שוישפּילער. לעבעדיקע, אָפּגעפרישטע האָבן זיי זאַפטיק געמאָלט אַ בילד פון דעם אַמעריקאַנישן יידישן לעבן.

דאָס שטיק גופא רייסט זיך ניט צו די הימלען. עס מאַכט ניט קיין מיסטישע און קיין פילאָזאָפישע חנדלעך. עס איז אַן אָרעמלעך רעאַליסטיש שטיק. זי הייבט זיך אָן פאַרוויקלען ווי די דראַמע פון קעניג ליר און ענדיקט זיך אמת אַמעריקאַניש, מיט אַ גוט־מוטיקן וויץ. דער גאַנצער סצעניִשער תוך איז אַלט, נאָר צום סוף באַקומט די קאָמעדיע אַ פּלוצלינגע, אַן אומדערוואַרטעטע ענדונג. קעניג ליר איז קלוגער געוואָרן. ער גיט ניט אָפּ זיין גאַנצן פאַרמעגן די קינדער זיינע. ער לאָזט אַ גרויסע אַפּותיקא ביי זיך, און ווען די קינדער פאַרטאַכלעווען דאָס פאַרמעגן, וואָס ער האָט זיי איבערגעגעבן און הייבן אָן פאַרנאַכלעסיקן דעם טאַטען, אַנטפּלעקט זיך דער טאַטע פאַר זיי מיט זיין רייכטום, מיט זיין באַהאַלטענעם קאַפּיטאַל. עס איז ניט הונדערט־פּראָצענטיקע ליטעראַטור. עס איז אַפילו גאַנץ מאָגער אין דעם טעאַטראַלישן זינען. זי איז אָבער געבויט פון אַ געניטער האַנט. זי פאַרמאָגט, אַזוי צו זאָגן, גוטע, אַלטע דראַמאַטישע מאַנירן. דאָס איז אַ שטיק, וואָס צערודערט אייך ניט, וואָס לאָזט ניט איבער אין אייך קיין נאָגענישן. איר בלייבט אַפילו קאַלט און גלייכגילטיק צו דעם ברענענדיקן פּראָבלעם פון דער אומגליקלעכער יידישער פאַמיליע, וועלכע צעפאַלט און ווערט צעריסן און צעשטויבט. עס שטראַלט אַרויס פון דער דאָזיקער קאָמעדיע עפּעס אַ מין בעל הביתישער אָפּטימיזם. אָבער ניט דאָס שטיק גופא איז דאָ דער עיקר. דאָ איז ניכר געוואָרן, דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער קונסט־טעאַטער איז אין תוך אַ טעאַטער פאַר אַ רעאַליסטישן רעפּערטואַר. אין דער קלאָרער רעאַליסטישער וועלט אָריענטירט זיך דער קונסט־טעאַטער זייער גוט. דאָ פילט ער זיך ווי ביי זיך אין דער היים. דאָ ליגט זיין אמתע גבורה. די דאָזיקע קאָמעדיע האָט געהאַט אַן אומערוואַרטעטן ערפאָלג. פאַרשטייט זיך, דער ער־

פאָלג האָט ניט געקאָנט זיין אַזוי גרויס, ווייל דאָס איז בעצם אַ באַשיידן און שטיל שטיק, אַ שטיק אָן פייער-ווערק, אַ שטיק אָן שטורם און אָן קאָמעדישן און דראַמאַטישן דינאַמיט. אָבער אַלס שטילינקע, האַלב-נעבעכדיקע קאָמעדיע האָט זי געהאַט דעם מאַקסימאַלן ערפאָלג. דעם גרעסטן טייל פון דעם ערפאָלג דאַרף אָבער פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון די אַרטיסטן. זיי האָבן באַוויזן, אַז אין דעם רעאַליסטישן רעפּערטואַר זיינען זיי ממש ריזן״.

**אין זיין נעקראָלאָג אויף ב. גאָרין שרייבט אָסקאַר קאַרטאַזשינסקי:**

„...אין זיין אייגענער פּיעסע „אין יעדן הויז״, וואָס איז היינטיקן סעזאָן געווען אויפגעפירט אין מאָריס שוואַרצס „קונסט-טעאַטער״ איז די הויפּט כאַראַקטעריסטיק געווען קולטור. אַ שטילע, רויִקע און דאָך גאַנץ טעאַטראַלישע פּיעסע, וועלכע האָט זיך לייכט געלאָזט שפּילן און איז מיט פאַרגניגן אויפגענומען געוואָרן פון פּובליקום. אין אַ געוויסן זין איז זיין פּיעסע געווען אַ פאָרטזעצונג פון זיינע טעאַטער-קריטיקן. ער איז געווען שטרענג אין זיינע פאָדערונגען צו אַ פּיעסע, און אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין ביי אַ קולטור-מענטשן. ער האָט פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט צוגעבן, אַז אַ פּיעסע מוז מקריב זיין מיט ליטעראַרישקייט און אָנקומען צו געוויסע ביליקע עפעקטן אום צו האָבן ערפאָלג ביים פּובליקום. אין זיין פּיעסע האָט ער באַוויזן, אַז מען קאָן האָבן ערפאָלג אָן די דאָזיקע עפעקטן. אָנשטאָט שרייענדע, אומגעלומפּערטע קונצן מיט וועלכע פילע פון אונדזערע פּיעסן-מאַכער באַנוצן זיך, האָט ער געגעבן שטילע איראָנישע איינפעלע — כמעט נאָר אַ שמייכל — און דעם בעסערן עולם איז דאָס געפעלן געווען״.

**בוכוואַלד שרייבט:**

„ב. גאָרינס פּיעסע „אין יעדן הויז״ איז פול מיט באַקאַנטע טיפּן און פאָטאָגראַפישע לעבנס-שילדערונג, אָבער אינטערעסאַנטער פאַר אַלץ איז דאָרט דער אייגנאַרטיקער ייד בערלינער, וועלכער שרייבט די ביאָגראַפיע פון משה רבינו. ער איז ניט פון די מענטשן, וואָס מען קען זיי, וואָס מען באַגעגנט זיי אין לעבן אויף יעדן שריט און טריט, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די איבעריקע פּערזאָנען אין דער פּיעסע, און דערפאַר טאַקע האָט דאָ דער שוישפּילער וואָס צו שפּילן און דער צושויער וואָס צו זען. אַ געוויינלעכער טאַטע מיט אַ געוויינלעכער מאַמע, מיט געוויינלעכע קינדער, דאָס זיינען די ראָלן, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויפן מזל פון בן-צבי באַראַטאָוו, איזידאָר קעשיער, מוני ווייזענפריינד, אַננאַ אַפּעל, בערטאַ גערסטען און די איבעריקע. און הגם יעדער פון זיי פאָטאָגראַפירט אָט די געוויינלעכע מענטשן גאַנץ פּינקטלעך, איז עס אָבער פון קינסטלערישן זין קיין אויפטו ניט.

שוואַרץ אָבער האָט פאַר זיך אַ שוישפּילערישע אויפגאַבע פון אַ העכערן סאָרט: דורך פאַנטאַזיע, אינטויִציע און ערפינדערישקייט, און ער ספּראַוועט זיך מיט זיין אויפגאַבע אויף אַ גלענצנדן אופן. כאָטש די ראָל פון מר. בערלינער איז אין דער פּיעסע ניט מער ווי אַן עפּיזאָדן-ראָל, דאָמינירט זי דאָך די גאַנצע שפּיל און פאַרכאַפּט אייך ווי אַ קונסט-בילד אין אַ גאַלערעע פון מאַשינאַווע פאָטאָגראַפיעס. מר. בערלינער איז אַ תלמיד-חכם און אַ שלימזלניק, אַ שטילער, ווייכער מענטש און אַן אידעאַליסט מיט אַ פעסטן גלויבן אין זיין מיסיע — אַרויסברענגען משה רבינון פאַר דער וועלט. אַנטקעגן די פּראַקטישע, געוויינלעכע, לייטישע מענטשן קוקט ער אויס מאָדנע און קאָמיש. ער איז אָבער איידל און רירנד און הויבט אויף אייך אָן אַ דרך-ארץ פאַרן ספר, פאַרן פאַרשריבענעם וואָרט, פאַר דער יידישער און אַלמענטשלעכער קולטור, און איר זעט בערלינערן אַזוי ווי ער איז בלויז אַ דאַנק דער שעפערישקייט פון מאָריס שוואַרצן. ווען ניט אַ צוויי-דריי מאָמענטן ווען שוואַרץ לאָזט זיך אַרונטער צו דער גאַליאָרקע, וואָלט זיין מר. בערלינער געווען אַ פולקומענע שאַפונג״.

**דער פאַקט, וואָס ב. גאָרין, באַקאַנט בלויז ווי אַ טעאַטער-קריטיקער, האָט אָנגעשריבן די פּיעסע „אין יעדן הויז״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין „קונסט-טעאַטער״, האָט אַרויסגערופן דאָס אַלטע פּראָבלעם צי אַ קריטיקער איז ביכולת אַליין אָנצושרייבן אַ זאַך, וואָס איז קריטיקלאָז. אַלף-אַלף [אפרים אויערבאַך] נעמט זיך שטאַרק אָן די קריוודע פון מחבר:**

„איר הערט אָפט ביים יידישן טעאַטער די טענה: „אַ גאַנצער קנאַקער איז ער, קריטיקירט און מאָנט, אַז עס טויג ניט. די פּיעסע געפעלט אים ניט. אויפן שפּילן דרייט ער מיט דער נאָז. זאָל ער אַליין ווייזן וואָס ער קאָן, וועלן מיר זען, וואָס אַנדערע וועלן זאָגן״. דאָס מיינט מען דעם יידישן טעאַטער-קריטיקער, וועלכן מען באַטראַכט נאָך אַלץ פאַר אַ מין פאַראַזיט, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף די אָרעמע דראַמאַטורגן, שוישפּילער און טעאַטער-מענעדזשערס און זאָגט זיי דעות ווען אַליין ווייס ער ניט פון דאַנען אַהין. ביים יידישן טעאַטער איז דאָ אַ וואָרט וואָס איז רגול [געוווינט] אין יעדנס מויל „איר ווייסט ניט וואָס טעאַטער איז״. עס קומט אויס, אַז די בינע איז אַ מין מאַסאָנישע אָרגאַניזאַציע, וואָס קיין זייטיקער קאָן ניט וויסן אירע ריטואַלן. דער טעאַטער-קריטיקער, וואָס איז אָפט באַקאַנט מיט דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון טעאַטער מער ווי עטלעכע צענדליקער אַקטיאָרן צוזאַמענגענומען, ווערט באַטראַכט פאַר אַ טעאַטראַלן אימפּאָטענט, און מיט דער טענה „זאָל ער ווייזן וואָס ער אַליין קאָן״, וויל מען אים אינגאַנצן פאַרניכטן.

אויף דער דאָזיקער צינישער באַציִונג צו טעאַטער-קריטיק דאַרף מען לכתחילה קיין ענטפער ניט געבן. בריעבד אָבער ווען עס קומט אַ קרעפטיקער און בילדלעכער ענטפער, איז עס דער נצחון פון דער יידישער טעאַטער-קריטיק. דער אמת איז, אַז דער בעסטער, קאָמפּעטענסטער און אָרנטלעכסטער טעאַטער-קריטיקער מוז גראָד אַליין ניט קאָנען אָנשרייבן קיין דראַמע אָדער שפּילן אַ ראָלע, פּונקט ווי דער ליטעראַטור-קריטיקער מוז ניט קאָנען אַליין אָנשרייבן קיין ליד אָדער ערציילונג. עס זיינען גראָד געווען פאַלן ווען קריטיקער האָבן געפּרוּווט אַרויסטרעטן אַלס דיכטער, בעלעטריסטן אָדער דראַמאַטורגן, און זיי האָבן ניט געקאָנט נאָכקומען זייערע אייגענע פאָדערונגען פאַר קונסט. די דאָזיקע פּרוּוון האָבן אָבער ניט פאַרמינערט זייער ווערט אַלס קריטיקער. דאָס איז אָבער גערעדט געוואָרן ביי די אומות העולם, ווו דער קריטיקער ווערט ניט באַטראַכט ווי אַ שונא און ווי אַ זייטיקער, נאָר ווי אַן אייגענער מענטש. ביי אונדז, איבערהויפּט ביים טעאַטער, ווייסט מען פון איין טענה: זאָל ער אַליין ווייזן וואָס ער קאָן.

ב. גאָרין, דער פאָטער פון דער יידישער טעאַטער-קריטיק, האָט געגעבן דעם קרעפטיקסטן ענטפער אויף אונדזער טעאַטער-ציניזם מיט זיין קאָמעדיע „אין יעדן הויז״, וואָס ווערט געשפּילט

הײנטיקע וואָך אין „יידישן קונסט־טעאַטער". גאָרין האָט געוויזן וואָס ער אַליין קאָן. ער האָט געוויזן, אַז דער סוד פון טעאַטער איז גאָרניט אַזאַ טיפער, אַז דער מאַסאָניזם פון דער בינע איז ניט בלויז פאַר די געשווירענע דראַמען־שרײַבער. פאַר די יידישע טעאַטער־מענטשן האָט גאָרינס קאָמעדיע געמוזט זײַן אַ גרויסע איבעראַשונג. ס'טײַטש, 25 יאָר פאָדערט ער ערנסטקייט אויף דער יידישער בינע. 25 יאָר פירט ער מלחמה פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער, און צום סוף איז גאָר זײַן אייגענע קאָמעדיע אַזוי קלאָר און אַזוי פאַרשטענדלעך. מענטשן זײַנען מענטשן, די האַנדלונג באַוועגט זיך, דער עולם אין טעאַטער לאַכט און האָט הנאה. פלאי־פלאים [וואונדער איבער וואונדער]. די דאָזיקע טעאַטער־מענטשן האָבן ניט דעם באַגריף פון גרענעץ. זיי קאָנען ניט זען די דינע ליניע, וואָס טיילט אָפּ שונד פון ערנסטקייט. ליטעראַטור דאַרף בײַ זיי האָבן הערנער. די ערנסטע דראַמע דאַרף בײַ זיי גיין אויף שטאָלצעס. אויב דאָס וויל גאָרין, איז ער גאָרניט אַזאַ שרעקלעכער מענטש ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט.

„אין יעדן הויז" איז די קאָמעדיע פון טאָג־טעגלעכן לעבן, די קאָמעדיע פון אונדזער וואָכעדיקייט. מיט קינסטלערישער, כמעט פאַרפרוירענער רויִקייט, האָט גאָרין אַרײַנגעקוקט אין דעם ווינקעלע פון אונדזער לעבן און מיט דער זעלבער רויִקייט האָט ער עס פאַרגעשטעלט אויף דער בינע. גאָרין איז לײַכט, אָבער הינטער דער לײַכטקייט שטייט דער טיפער ערנסט. ער האָט גענומען אַ טעמע, וועלכע וואָלט געווען אַן אוצר פאַר אַ שונד־דראַמאַטורג, בײַ וועמען מען וואָלט געשווומען אין טרערן און געלאַכט וואָלט מען פון די באַנאַלע גראָבע וויצן. בײַ אים איז די טראַגעדיע פון די עלטערן אַזאַ אידעלע, אינטימע, און די קאָמעדיע איז אָנגעצייכנט מיט דינע שריכן מיט דער חכמה פון אַן ערפאַרענעם טעאַטער־מענטשן האָט גאָרין דערפירט זײַן קאָמעדיע ביז צום שטריך און ניט אַריבערגעטראָטן אים.

די שוישפּילער פון קונסט־טעאַטער האָבן גאָרינס קאָמעדיע דורכגעפירט מיט דער זעלבער פאַרזיכטיקייט ווי דער אויטאָר האָט זי געשריבן. מאָריס שוואַרץ האָט געשאַפן אַ טיפּ, וואָס וועט זײַן אַ דימענט אין זײַן קינסטלערישער קרוין. בערלינער איז אַ מייסטערהאַפטע שוישפּילערישע אַרבעט. דאָס איז אַ פאַרביק מענטשעלע. אין זײַן דערשלאָגנקייט איז דאָ אַזויפיל דערהויבנקייט, אין זײַן קאָמיזם איז ער טראַגיש. מוני ווייזענפריינד, מען דאַרף אים זען אַלס דאָס לײַכטזיניק אַמעריקאַנער בחורל, דאָס נגידישע באָטשיקל, וואָס געמבלט און פאַרגעמבלט אַפילו זײַן אייגענעם ווילן. בן־צבי באַראַטאָוו איז רויִק־קלוג אין זײַן ראָלע. אײַנגעהאַלטן מיט קינסטלערישער אויפריכטיקייט פירן דורך זייערע ראָלן בערטאַ גערסטען, חנה אַפּעל, איזידאָר קעשיער און די אַנדערע".

**אב. קאַהאַן איז גאַנץ צופרידן סיי פון דער פּיעסע, סיי פון שפּילן:**

„אין שוואַרצס טעאַטער ווערט איצט געשפּילט (פֿרייטיק, שבת און זונטיק) אַ פּיעסע פֿון ב. גאָרין אונטער דעם נאָמען „אין יעדן הויז". דאָס הייסט אַ געשיכטע, וואָס קומט פֿאָר כמעט אין יעדער פֿאַמיליע, און עס איז טאַקע אַזוי, דאָס וואָס ווערט פֿאָרגעשטעלט, קומט פֿאָר אין זייער פֿיל פֿאַמיליעס. עס האַנדלט זיך וועגן אַ ביזנעס, וואָס קינדער נעמען איבער בײַ זייער פֿאָטער, „דזשעלאָסי" [אײפֿערזוכט] צווישן די קינדער, ניט־פֿאַרגינערײַ, רײַסערײַ, די דורשט פֿון די קינדער, ניט־פֿאַרגינערס, אַרױספּושטופּן דעם פֿאָטער אינגאַנצן פֿון דער סצענע, און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער. ווײַבאַלד דאָס קומט פֿאָר זייער אָפֿט, קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן, אַז די טעמע האָבן אויפֿגענומען אַנדערע שרײַבער אויך. אין דער פּיעסע גופֿא געפֿינען זיך עטלעכע אָנצוהערענישן, אַז דער געדאַנק איז ניט קיין נײַער. עס ווערט גערעדט עטלעכע מאָל וועגן „קעניג ליר", מײנט עס שוין אויך דעם „יידישן קעניג ליר" פֿון יעקב גאָרדין. צווישן די אַקטן האָבן שרײַפֿטשטעלער, וועלכע זײַנען געווען אַנוועזנד אין טעאַטער, דערמאָנט אַ דראַמע פֿון דעם האָלענדיש־יידישן שרײַפֿטשטעלער הייערמאַנס, וועלכע ערינערט אויך אין דעם זעלבן אינהאַלט. מען האָט אויך אָנגערופֿן אַנדערע ווערק, וואָס באַציִען זיך אויף אַזאַ ענין. עס מאַכט אָבער ניט אויס, די וויכטיקסטע, אינטערעסאַנטסטע לעבנס־פֿאַרהעלטענישן ווידערהאָלן זיך אַזוי אָפֿט, אַז יעדער קאָן זיי נעמען פֿאַר זײַן טעמע און זיי וועלן אימער [שטענדיק] בלײַבן פֿריש און רײַך. וואָס קאָן זײַן ווייניקער אָריגינעל ווי וועגן אַ טעמע פֿון אַ פֿאַרהייראַטער פֿרוי, וואָס פֿאַרליבט זיך אין אַ פֿרעמדן מאַן? און דאָך האָט דאָס טאָלסטאָין ניט געשטערט צו מאַכן פֿאַר דעם אינהאַלט פֿון זײַן גרויסן ראָמאַן, פֿיליכט דעם מערקווירדיקסטן, וואָס איז ווען געשריבן געוואָרן. „אַננאַ קאַרענינאַ". אין אַ לעבנס־טעמע איז אַ סך וויכטיקער די פֿראַגע ווי אַזוי זי איז דורכגעפֿירט געוואָרן איידער די פֿראַגע צי זי איז אַן אָריגינעלע.

אין דעם ערשטן און דריטן אַקט פֿון גאָרינס פּיעסע דערפֿילט איר זיך אין דעם רעכטן שטראָם פֿון דעםווירקלעכן לעבן. אין אײך גליט זיך פֿונאַנדער אַן אינטערעס אין די זאַכן, וואָס קומען פֿאָר אויף דער בינע, וועלכן איר קאָנט ניט צוגלײַכן צו קיין אַנדערן אינטערעס. דאָס איז דער העכסטער סאָרט גענוס, וואָס אַ טעאַטער קאָן אײַך פֿאַרשאַפֿן. איר ווערט אַרײַנגעצויגן אַזוי ווי איר וואָלט פּלוצלינג געוואָרן איינער פֿון דער פֿאַמיליע בײַ וועלכער די פֿאָרגעשטעלטע פּאַסירונגען קומען פֿאָר. אין דעם דריטן אַקט דערגרייכט דער צוזאַמענשטויס צווישן די ברידער מיט די שוועסטער און די עלטערן דעם העכסטן פּונקט, און דאָ האָבן מיר אין שוואַרצס טעאַטער געהאַט איינעם פֿון די בעסטע בײַשפּילן פֿון שוישפּילערײַ, וועלכע מיר האָבן ווען עס איז געזען אין אַ יידישן טעאַטער. די זאַך איז אַזוי רעאַל — ניט רעאַליסטיש, נאָר טאַקע רעאַל — פֿול מיט ווירקלעכקייט, פֿול מיט די פֿלייש, בלוט און נערוון פֿון לעבן, אַז אַלע שוישפּילער ווערן דורכגעדרונגען מיט דעם צוזאַמענשטויס ווי מיט פּערזענלעכע ערפֿאַרונגען. אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרגעסן, אַז זיי זײַנען אַקטיאָרן. אַלע שפּילן זיי מיט דער העכסטער מאָס נאַטירלעכקייט, מיט אמתע געפֿילן, אמתע העויות, אמתע שטימען, אמתע טענער, אַן אמתער כעס, מיט אַן אמתער ניט־פֿאַרגינערײַ, מיט אמתע צעקאָכטע בלוט בײַ יעדן. די ראָלן זײַנען ווירקלעכע און דער צוזאַמענהאַנג איז אַ ווירקלעכער און זיי גייען אַלע אַרײַן אין די ראָלן. יעדער באַזונדער און די גאַנצע גרופּע אין איינעם. צוליב דיזע סצענע אַליין איז ווערט צו קומען זען די פּיעסע ווי זי ווערט געשפּילט אין שוואַרצס קאָמפּאַני.

קעשיער שטעלט פֿאָר דעם עלטערן ברודער, וואָס פֿאַרשטייט די ביזנעס בעסער און וואָס האָט אויך דעם שטאַרקן ווונטש, אַז אַלץ זאָל בלײַבן בײַ אים. ער איז כמעט דורכויס געווען געראָטן, געראָטן אין דעם בעסטן זין פֿון דעם וואָרט. ווײַזנפֿרײַנד שפּילט דעם יונגערן ברודער, אַ לײַכטזיניקער אַמעריקאַנער באָי, וועל־

כער איז פֿאַרטיפֿט אין קאָרטן און אין רעיסעס [פֿערד־געיעג]. ער איז אייגנטלעך אַ גוטער יונג אין נאַטור. ווייזענפֿריינד איז געווען ווונדערבאַר. ער האָט שוין געהאַט פֿיל גוטע ראָלן אויף דער בינע, און דאָס איז איינע פֿון זיינע בעסטע. די טאָכטער פֿון דער פֿאַמיליע איז גערסטען, און זי האָט אין דעם דריטן אַקט געשפילט מיט אַ פֿלאַקער פֿון אמתער קנאה, כעס און קאָנקורענץ־געפֿיל, מיט אַ קינסטלערישן ערנסט מיט וועלכן זי מעג זיין שטאָלץ.

אויסגעצייכנט זיינען אויך געווען באַראַטאָוו אַלס פֿאָטער אין דעם ערשטן אַקט. אויך פֿול מיט ווירקלעכקייט און אויך ווונדערבאַר געשפילט. דער צווייטער אַקט און דער פֿערטער זיינען שוואַכער, און ווען איך וואָלט געהאַט פלאַץ, וואָלט איך געקאָנט אָנווייזן אויף שטעלן ווען דער שרייבער האָט געאַרבעט מיט אַ „טאַנדייטנע" האַנט, מיט אַ ביסל מער אויפֿמערקזאַמקייט און מי וואָלט עס געקאָנט אַרויסקומען אַ פֿולשטענדיק קונסט־ווערק. אַ ביישפיל פֿון „טאַנדעט" קאָן מען זען אין דער ראָלע, וועלכע שוואַרץ האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיך. דער געדאַנק, וועלכער דינט אַלס אַרגומענט פֿאַר דיזער ראָלע, איז אויך אַן אינטערעסאַנטער, אָבער די געביידע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דיזן פֿונדאַמענט, איז געמאַכט פֿון ביליקע מאַטעריאַלן.

אַ יידל, אַ משכיל, אַ בוך־מענטש פֿון די, וואָס פֿאַרברענגען זייערע טעג אין דער לייברערי [ביבליאָטעק], אַ „פֿלאָקן־שיסער" ווי מען האָט גערופֿן אין דער אַלטער היים, שרייבט עפעס אַ ווערק וועגן משה רבינו, גריבלט זיך אין אַלערליי ווערק, זאַמלט שטאָף, איז פֿאַרטיפֿט אין זיינע פֿאַרפֿאַסערישע שטרעבונגען, אין זיין פֿאַרפֿאַסערישן עגאָיזם. אַ ייד, אַן אָרעמאַן, נאַטירלעך. האַלפערן. דער רייכער פֿאַמיליען־פֿאָטער פֿון דער פיעסע, שטיצט אים. דער יידל קומט צו אים אָפֿט אַריין, אין נאַטור איז ער ניט קיין שנאָרער, דער משכיל, און דאָס וואָס ער דאַרף נעמען ביי פֿרעמדע אַ טשעק, קרענקט אים, ער איז אַ צעטראָגענער מענטש, אַ נאַ׳ווער, אַ קאָמישער, אַ סימפאַטישער און אינטערעסאַנטער. דאָס איז דער טיפ, וועלכן שוואַרץ שפילט שפעטער, ווען די האַלפערן־קינדער הייבן אָן צו הערשן אין הויז, מאַכן זיי ענדערונגען, זיי שלעפן אַראָפּ פֿון וואַנט די פיקטשורס [פֿאָטאָגראַפֿיעס] פֿון האַלפערנס פֿאַרצייטיקע עלטערן און מופֿן [טראָגן איבער] דאָס פֿון פאַרלאָר [סאַלאָן] אין דעם טאַטענס בעדרום [שלאָף־צימער] אַריין, אויך פֿאַרווערט האַלפערנס טאָכטער דעם ניוס־דילער [צייטונגס־פֿאַרקויפֿער] צו ברענגען יידישע צייטונגען צום טאַטען. ער קען ענגליש, זאָל ער לייענען די „טיימז", זאָגט זי. איצט, ווען דער „פֿלאָקן־שיסער" קומט אַריין, באַגעגנט די טאָכטער אים מיט ניט־גאַסטפֿריינטלעכע בליקן, זי וויל אַזאַ יידל ניט האָבן אין שטוב. גרימירט איז שוואַרץ מערקווירדיק גוט, און ריידן רעדט ער מיט אַ שטימע, וועלכע איז אַ טייל פֿון דעם „פֿלאָקן־שיסערס" איך, אַזאַ שטימע, אַז צוערשט האָט זיך ניט געגלייבט, אַז דאָס איז שוואַרץ. איך וואָלט שוואַרצן ראַטן, אַז ער זאָל צו דער גאַנצער ראָלע זיך פֿאַרהאַלטן מיט דער ערנסטקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין איניקע מאָמענטן, אין דיזער ראָלע באַווייזט ער ווידער וואָס פֿאַרע אויסגעצייכנטער און פֿיל־זייטיקער שוישפילער עס האָט זיך פֿון אים אַנטוויקלט. וואָרעם אָבער מאַכט ער חוזק פֿון דעם אָרימען משכיל נעבעך? וואָס טרייעט [באַמיט] ער זיך ניט פֿאַרצושטעלן אַזוי ווי אַזאַ טיפ איז? דער יידל באַקלאָגט זיך, צום ביישפיל, פֿאַר האַלפערן, אַז ער האָט מורא אַריינצוקומען צו אים אין שטוב, ווייל זיין טאָכטער האָט אים געגעבן אַזאַ „קיקעלע" מיט די אויגן, אַז ער שרעקט זיך פֿאַר איר. אַ געוויסער טייל פֿון דעם עולם האָט זיך סטראַשנע [שטאַרק] צעלאַכט און אַפלאָדירט, און אַרום זיי הערט זיך נאָך ווייטער און ווייטער לאַכן און ווייטער אַפלאָדירן האָט ער דעם „קיקעלע" ווידערהאָלט ווידער און ווידער, אַבסאָלוט ניט לויט דעם כאַראַקטער פֿון דעם מענטשן. עס איז פֿאַראַן גענוג קאָמיזם אין אים, אָבער פֿון דעם סאָרט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טראַגיזם, און שוואַרץ איז גראָד געווען גענייגט צו מאַכן שפאַס פֿון דער ראָלע. עס איז אַרויסגעקומען אַ גאַנץ איינפֿאַכע שפאַסעריי, וועלכע האָט געמאַכט אַ תל אויס דעם גאַנצן טיפ און אויך אַ באַרג אַש — אויף דיזן מאָמענט — פֿון אונדזער באַגריף וועגן שוואַרץ אַלס שוישפילער. כ׳לעבן, עס איז ניט פֿאַר אים קוואַפן זיך אין אַזעלכע מיטלען צו געווינען אַן אַפלאָדיסמענט און אַ לאַך, ס׳איז נידריקער פֿון זיין ווירדע. ער דאַרף דאָס ניט. ער קריגט גענוג אַפלאָדיסמענטן, וועלכע האָבן אַ פֿיל העכערן ווערט. עס וואָלט ווינשנסווערט געווען, אַז גאָרין זאָל די ראָל באַאַרבעטן, איר ערנסטער אַוועקשטעלן, און אויב שוואַרץ וועט איר שפילן מיט אַ פֿולשטענדיקער ערנסטקייט, וועט אַרויסקומען אַן אמת שיינע זאַך."

**אין אַ נאָטיץ אין „פֿאָרווערטס" (5 דעצעמבער 1924) ווערט אָנגעגעבן, אַז דער גרויסער מעדיסאָן סקווער גאַרדען ווערט אַראָפגעריסן, און מאָריס שוואַרץ זאָגט, אַז ער האָט באַקומען פון אַ מענעדזשער אַ פאָרשלאַג אַריינצוגיין ביי אים שפילן אַלס אַ שותּף, אָבער ער פלאַנירט אויפֿצובויען אַן אייגענעם טעאַטער־בנין, ווו ער וועט קאָנען פאַנאַנדערשפרייטן די הענט. ער גרייט זיך דאָרט צו האָבן אַ סטודיע פֿאַר שילער, אַ ביבליאָטעק, אַ טעאַטער־מוזעום, אַ ספעציעל צימער פֿאַר לעקציעס און אַ בילדער־גאַלערעע. די בינע זאָל אויך זיין פֿאַרזאָרגט מיט אַ דריי־בינע, אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען געבן גרעסערע אויפֿפֿירונגען, וואָס פֿאָדערן שנעלע ענדערונגען אין דער סביבה. ס׳קאָן אָבער אויך זיין, אַז ער זאָל דערווייל אַריינגיין אַלס אַ שותּף אין אַ טעאַטער, אָבער זיינע פלענער גיט ער ניט אויף אַפילו ווען ער זאָל זיי דאַרפֿן אָפלייגן אויף אַ יאָר אָדער צוויי.**

### נ. ב. לינדער שרייבט:

״ביז איצט האָט מאָריס שוואַרץ אָנגעווענדט זיין גאַנצע ענערגיע אויף דער הילטריאָנישע זייט פֿון טעאַטער, אויף אַלדינגפֿ, וואָס האָט צו טאָן מיט דער בינע און דער שוישפיל־קונסט. אויף אָט דעם געביט האָט ער און די לעצטע זעקס יאָר אויפֿגעטאָן זייער אַ סך. אין פֿאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע יידישע טעאַטערס און אַפֿילו מיט די מערסטע רייכע גוייִשע טעאַטערס אויף. בראָדוויי. איז שוואַרצס „יידישער קונסט־טעאַטער" שוין היינט אַ קונסט־טעמפל. און ווי ס׳ווייזט אויס האָט שוואַרץ נאָך ניט אַוועקגעלייגט זיין כלי־זיין. ער בויערט ווייטער און דערפֿאַר פֿאַרדינט ער כשרדעם וושר־כוח פֿון אַלע וועמען יידישע קולטור־שאַפֿונג איז טווער.